STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03908

ADAM MITSKEVITSH

Bernard Mark

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. מאַרק

אַדאַם מיצקעוויטש

ב. מארק

אדאם מיצקעוויטש

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע, 1955

B. MARK

ADAM MICKIEWICZ

YIDDISH

B M583M3 c. 1

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

MAY 17 1959

Printed in Poland

FLP

Wydawnictwo „Idisz Buch". Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 4203. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w czerwcu 1955 r. Ark. druk. 6,75. Ark. wydawn. 5. Papier rotogr. VII kl. 61 x 86 cm, 80 g.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-51004

אַדאַם מיצקעוויטש

(לויט אַן אַלטער צייכענונג פון לעאָפּאָלד האָראָוויץ)

הקדמה

דעצעמבער 1940 — פוילן איז געפאלן און גייט אפ מיט בלוט אונטער די שטיוול פון דער היטלעריסטישער רייכסווער; דער בליץ-מארש פון די נאצישע חילות איבער מערב-, דרום- און צפון-אייראפע פארצוקט אין לאנד נאכן צווייטן; פון די געטאס דערגייט דער ווי-געשריי פון די דערדריקטע און פארטיליקטע יידן; און דאס לאנד פון די ראטן שטייט אין פיבער פון צוגרייטן זיך צו דער שווערער מלחמה קעגן היטלעריסטישן מולך. אין אט דער ביטערער און נסיונות-פולער צייט האבן צוויי גרופעס שרייבער — איינע א פויליש-יידישע, וואס איז באשטאנען פון פליטים פון אקופירטן פוילן, און א צווייטע, א רוסיש-ווייסרוסישע פון מאסקווע און מינסק, — זיך געטראפן אינעם געבוירן-ארט פון אדאם מיצקעוויטש, אין דער געגנט פון מערב-ווייסרוסישן נאוואגרודעק, כדי אפצוגעבן כבוד דעם דאזיקן גרויסן ווירטואז פון ווארט און פלאמיקן קעמפער פאר פעלקער-פריינדשאפט. דאס איז געווען א פייערונג מיט א וויכטיקן סימבאלישן באטייט: אן ענטפער די גיפט-מישער און ווילדע ראסיסטן, וועלכע האבן פארפלייצט מערב- און מיטל-אייראפע מיט אומגעצוימטן פעלקער-מערדערישן שגעון און זיך פארמאסטן אפצווישן אויך יעדן זכר נאך מיצקעוויטשן, פארבאטן זיינע ווערק, צעשטערט זיינע דענקמעלער און פארשריגן דעם דיכטער אלס משרת פון די „נידעריק-ראסיקע" יידן. מיצקעוויטש איז שוין פריער, פאר דער מלחמה, פארקריפלט און געפעלשט געווארן דורך פארשידענע פויליש-נאציאנאליסטישע פראפעסארן, וועלכע האבן אויסגעשניטן פון זיין גייסטיקער ירושה יעדן סימן פון פראגרעסיווקייט. אבער די היטלעריסטישע וואנדאלן זענען געגאנגען נאך ווייטער. זיי האבן געשטרעבט צו פארווישן יעדן סימן און שפור נאכן גרויסן קינסטלער, אפצוטויטן זיין גייסטיקע ירושה אויף אייביק. די טרעפונג אין דעצעמבער 1940 אין נאוואגרודעק האט געהאט פאר א ציל צו דערמאנען דער וועלט, אז מיצקעוויטש לעבט אין די הערצער פון מיליאנען אנטי-היטלעריסטישע, פרייהייט-לעכצנדיקע מענטשן, אז קיין שום בייזע,

שווארצע קראפט וועט נישט זיין אימשטאנד צו ליקווידירן זיינע ווערק און אידעען, אז קיין שום נאצישער וואנדאל וועט נישט זיין בכוח אפצווישן די גרויסע זאך, וועלכער מיצקעוויטש האט געווידמעט זיין טאלאנט און זיין לעבן — די זאך פון אמתער הומאניסטישער קונסט און פון פריינדשאפט און הארמאנישן צוזאמענלעבן צווישן די פעלקער.

די צונויפגעפארענע געסט — שרייבער, לערער, געזעלשאפטלעכע טוער, דעלעגאטן פון פשוטן ארבעטס-פאלק — פארן פארביי די ראמאנטישע אזיערע שוויטעזש, וואס איז פאראייביקט געווארן אין מיצקעוויטשעס באלאדעס; די אנטיילנעמער אין דער פייערונג זאפן איין אין זיך דעם אטעם פון היסטארישן בארג, וואס איז באהויכט מיט אלטער ראמאנטיק און האט בשעתו אנגעצונדן מיצקעוויטשעס פאנטאזיע און אויסגעכישופט אין איר דעם געזאנג פון פאטריאטישער העראיק — „גראזשינא"; מען זעצט זיך צו אויף א ווייל אונטערן ריזיקן דעמב ביים דארף שטשארסי — דער דעמב איז שוין אלט א 700 יאר, און מיצקעוויטש באשרייבט אים אין „פאן טאדעוש"; די פארערער פונעם גרויסן דיכטער באזוכן די ערטער, וווּ ער האט פארברענגט זיין קינדהייט, די דערפער זאאשע, קוט-קאמיען און אנדערע, וווּ ער האט זיך אנגעהערט די פאלקס-מעשיות, וועלכע ער האט דערנאך איבערגעדיכטעט און פארוואנדלט אין פערל פון דער פוילישער און אלוועלטלעכער פאעזיע. איטלעכער פון די אנטיילנעמער האט געפונען אין דער דערמאנונג פון דעם דיכטערס ווערק עפעס אייגנס, עלעמענטן פון זיין אייגענעם פאלק, פון זיין אייגענער נאציאנאלער קולטור. אלעמענס הערצער האט פאראייניקט אין איין ריטם דאס מיצקעוויטשעס געדעכעניש און גרונט-אידעע, ווארעם אויך דער צוזאמענשטעל פון די אנטיילנעמער אין דער נאוואגרודקער פייערונג איז געווען א סימבאלישער. דער רוסישער דיכטער שטשיפאטשאוו האט אין דער מיצקעוויטש-דערמאנונג דערפילט די טראדיציע פון דער גייסטיקער נאענטקייט פון מיצקעוויטשן מיט די דעקאבריסטן רילייעוו און בעסטוזשעוו און די פריינדשאפט פון פארשיקטן פוילישן דיכטער מיטן פרינץ פון דער רוסישער פאעזיע, אלעקסאנדער פושקין. אינעם געדעכעניש פון די ווייסרוסישע שרייבער לינקאוו, טשארני, קולעשאוו, טאנק איז אויפגעקומען דאס ווייסרוסישע פאלקס-ליד, וואס האט געשוועבט איבער מיצקעוויטשעס וויג. זיי האבן מיט ליבשאפט באטראכט דעם מערב-ווייסרוסישן פייזאזש, וואס האט באגלייט דעם געניאלן מחבר פון „פאן טאדעאוש" אין זיינע פרעכטיקע נאטור-שילדערונגען. די פוילישע שרייבער און לערער האבן געפייערט זייער גרעסטן נאציאנאלן דיכטער. און אויך די יידישע שרייבער האבן זיך דערמאנט זייער אייגענעם חלק אין

מיצקעוויטשעס גייסטיקער ירושה — די יידישע עלעמענטן אין זיין שאַפן און דעם קאַמף פון דעם דיכטער פאַר גלייכבארעכטיקן די יידישע מאַסן.[1]

און וואָלטן געקאָנט זיין אויף דער פייערונג די דיכטער פון דער פראַנצויזישער רעזיסטאַנס, די שרייבער פון דער איטאַליענישער אונטער־ערד, די פאָרשטייער פון אונגאַרישע און אירלענדישע פרייהייטס־קעמפער — וואָלטן אויך זיי איבערגעלעבט ענלעכע געפילן, ווייל מיצקעוויטש איז נאָענט נישט בלויז דעם פוילישן פאָלק, נאָר אויך אַ גאַנצער ריי אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פון אייראָפּע — ווי מיר וועלן דאָס זען אין ווייטערדיקן גאַנג פון דער דאָזיקער אַרבעט.

אין דער זעלביקער צייט, ווען די היטלערישע וואַנדאַלן האָבן אַראָפּ־גענומען מיצקעוויטשעס דענקמאָל אין האַרץ פון וואַרשע און געברענט זיינע ביכער, — האָט אין אַ מערב־ווייסרוסישן שטעטל, אינעם געבוירן־אָרט פון דעם דיכטער, ביי די ברעגעס פון שוויטעזש, צווישן אורוועלדער, אָזיערעס און בערגלעך־קורהאַנעס, אַ פלייץ געטאָן דאָס לויטערע וואָרט פון מיצקעוויטשעס דיכטונג, דאָס וואָרט, וואָס האָט באַגייסטערט צום האַרטנעקיקן קאַמף קעגן די אוראיינקלעך פון די קרייץ־ריטער און וואָס האָט געעפנט אַ וויזיע פון אַ קינפטיקער פרייער וועלט.

אין דער זעלביקער צייט האָט מיצקעוויטשעס גייסט געלעבט אין פוילנס אונטערערד. טויזנטער מסירת־נפשדיקע פּעדאַגאָגן האָבן געלייענט מיט קינדער אין אונטערערדישע קרייזלעך מיצקעוויטשעס דיכטונג. איינע פון די סאַמע העלדישע אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס־גוואַרדיע האָט זיך אָנגערופן מיט מיצקעוויטשעס נאָמען. אין אויפרופן האָט מען אָפט ווי אַ מאָטאָ אַרויסגערוקט כאַראַקטעריסטישע זאַצן פון זיינע פּאָעמעס און לידער, און די אונטערערד פון געטאָ האָט אין דעם דיכטערס ווערק געזוכט אַ קראַפט פון באַגייסטערונג.

„מען האָט אַמאָל געזאָגט צו די פעלקער: לייגט נישט אַוועק דאָס געווער, כל־זמן דער שונא האַלט כאָטש איין שפּאַן פון אייער ערד, אָבער איך זאָג צו די פעלקער: לייגט נישט אַוועק דאָס געווער, כל־זמן דער דעספּאָטיזם האַלט איין שפּאַן פון פרייער ערד".

אָט די דאָזיקע ווערטער פון מיצקעוויטשעס „ביכער פון פוילישן פאָלק און פון דער פוילישער פּילגרימערײ"[2] קאָן מען געפינען אין דער אונטער־ערדישער פּרעסע פון וואַרשעווער געטאָ (פעברואַר 1942).

---

[1] צווישן די יידישע שרייבער, אָנטיילנעמער אין דער נאָוואָגרודקער פייערונג, האָבן זיך געפונען אפרים קאַגאַנאָווסקי, בינעם העלער, ישראל עמיאָט, מאַלטינסקי און דער מחבר פון די דאָזיקע שורות.

[2] „Księgi Narodu i Pielgrzymstwa Polskiego".

אין משך פון פינף יאָר איז מיצקעוויטש געווען פאַרבאָטן אין פוילן — אין אָקופּירטן פוילן, ווו עס האָט געבושעוועט דער האַקנקרייץ-טעראָר. איצט וועט מיצקעוויטש צוריקגעגעבן דעם פאָלק. איצט וועט זיין אָנדענק געפייערט דורך אלע שלום-ליבנדיקע פעלקער אויף דער וועלט. איצט וועט זיין געשטאַלט באַפרייט אויך פון דעם קלעריקאַל-נאַציאָנאַ- ליסטישן בהאָנז, אין וועלכן עס האָבן אים איינגעהילט אין משך פון יאָרן פאַרשידענע „אויסבעסערער" און פאַלשע ארײַנטײַטשער. איצט וועט אַרויסגעפירט פון טונקלקייט זיין אידעע.

מיצקעוויטש איז סיי מיט זיין קינסטלערישן שאַפן, סיי מיט זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט געווען ענג פאַרבונדן מיט די שטורמישע געשעענישן פון זיין צייט. זיין באַוווסטזיין, זיין אידעאָלאָגיע, זיינע שאַ- פונגען האָבן זיך געשטאַלטיקט אונטערן איינפלוס פון די אידעישע שטרע- מונגען אין דער דעמאָלטיקער איראָפּע און בפרט אינעם פּאַטריאָטישן לאַגער פון פוילישן פאָלק. מיצקעוויטשעס לעבן און שאַפן איז אָפט פול מיט ווידערשפּרוכן. אָבער איבער אַלעמען האָט דאָמינירט די גרענעצלאָזע ליבשאַפט פון דעם מייסטער צו זיין פאָלק און צו אַלע אַנדערע אונטער- דריקטע פעלקער און צו די ליידנדיקע אָרעמע שיכטן, לגבי וועלכע דער דיכטער האָט נישט איינמאָל אויסגעדריקט זיינע האַרציקע געפילן פון ברידערלעכער סאָלידאַריטעט.

קאַפּיטל איינס

די צייט און סביבה. דער ראָמאַנטיזם.

אַדאַם מיצקעוויטש איז געבוירן געוואָרן דעם 24 דעצעמבער 1798 אין ישוב זאַאָשע ביי נאָוואָגרודעק (מערב־ווייסרוסלאַנד) און איז געשטאָרבן דעם 26 נאָוועמ־בער 1855 אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פון א כאָליערע־קראַנקהייט. אַזויאַרום פאַלט אוים זיין טעטיקייט אויף דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט — אויף איינעם פון די שטורמישסטע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון אייראָפּע און פון פּוילישן פאָלק.

דאָס איז געווען די צייט פון בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס אין מערב־אייראָפּע און די צייט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז צום ערשטן מאָל ארויס־געטראָטן אין גאַס ווי אַ זעלבשטענדיקער כוח מיט אייגענע לאָזונגען.

אין מיצקעוויטשעס יוגנט־סביבה האָט נאָך געלעבט א שטאַרקער ווידערקול פון קאָשציושקאָס אויפשטאַנד, און נאָך מער אין עכאָ פון דעם קאַמף פון דעם פּוילישן יאַקאָבינער יאַשינסקי. אין מיצקעוויטשעס געדעכעניש האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער איינדרוק פון נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף מזרח. אין די צייטן פון דעם אַרויסטריט פון די דעקאַבריסטן און פון דעם פּוילישן נאָוועמבער־אויפשטאַנד אין די יאָרן 1830—1831 איז שוין מיצקעוויטש געווען א רייפער מענטש. די ברויזנדיקע געשעענישן אין פּאַריז אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן האָט ער אָבסערווירט דירעקט. אינעם פעלקער־פרילינג פון 1848 האָט ער גענומען אַ טעטיקן אָנטייל. פּונקט אזוי איז ער געווען אנגאַזשירט אין די אינערלעכע קאַמפן פון דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע אין פראַנקרייך. ער איז געווען אַן עדות פון דער אויפוואַכונג פון פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט. אַרום אים האָט שטענדיק געברויזט אַ קאָכעדיק, אקטיוו פּאָליטיש לעבן, פון וועלכן מיצקעוויטש האָט, בכלל גענומען, זיך נישט איזאָלירט. ער האָט זיך געפונען אין דער ספערע פון די פּאָליטישע געשעענישן אין קאָוונע און ווילנע, אין רוסלאַנד און איטאַליע,

און בעיקר אין פּאַריז. זיין היים אין פּאַריז איז געווען אַ טרעף־אָרט נישט בלויז פון פּוילישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, נאָר — ווי עס גיט איבער זיין זון, וולאַ־דיסלאַוו, אין זיינע זכרונות, — אויך פון פּאָליטישע עמיגראַנטן איטאַליענער, אונגאַרן, אירלענדער, רומענער און יידן. צווישן זיינע נאָענטסטע פריינד האָבן זיך געפונען פּראָגרעסיווע פּאָרשטייער פון פאַרשידענע פעלקער: די דעקאַבריסטן רילעיעוו און בעסטוזשעוו, דער דיכטער פּושקין, דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט אַלעקסאַנדער הערצען, וועלכער האָט געהאַלטן מיצקעוויטשן פאַר דער פאַרקערפּערונג פון אמתן פּוילן; ווייטער — פראַנצייזישע און איטאַליענישע פרייהייטס־קעמפער און דענקער, בתוכם דער באַרימטער היסטאָריקער מישלע און דער גרויסער שרייבער וויקטאָר הוגאָ, און אויך יידן, וואָס האָבן אָנטיילגע־נומען אין די קאַמפן פון 1848 און שפּעטער אין דער פּאַריזער קאָמונע. מיצקע־וויטש איז געווען טעטיק נישט בלויז ווי אַ דיכטער, נאָר אויך ווי אַ פּובליציסט — און דאָס נישט בלויז אין פּויליש, נאָר אויך אין פראַנצויזיש. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאָליטישע און מיליטערישע ענינים. מיט איין וואָרט: מיצקעוויטש האָט זיך נישט אָפּגעקערט מיטן רוקן צום לעבן, בפרט צו די פּאָליטישע געשעענישן, נאָר, פאַרקערט — ער איז געשטאַנען צו זיי פּנים אל פּנים און איז געווען אַקטיוו סיי אין דער סביבה פון דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע, סיי אין אַלגעמיין־פּאָליטישן לעבן.

אָבער מיצקעוויטש איז געווען אַ קינד פון אַ באַשטימטן סאָציאַלן שיכט. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין־שליאַכטישער משפּחה, וועלכע האָט טאַקע נישט פאַרמאָגט קיין לייבאייגענע פּויערים, אָבער איז דאָך געווען אַ טייל פון קליינבאַזיצערישן קלאַס. דער דאָזיקער שיכט האָט זיך געפונען אונטערן פייער פון צוויי איינפלוסן: פון איין זייט — דער שליאַכטישער יחוס, די צוגעהעריקייט צו דער שליאַכטישער „גאָלדענער" קייט; פון דער צווייטער — די פּויפּעריזירונג, די פאַראָרעמונג, די אויסזיכטלאָזיקייט, דער פאַקט, וואָס דער דאָזיקער שיכט איז געווען מער ווי די פאַרמעגלעכע שליאַכטישע און מאַגנאַטישע עלעמענטן אויסגעשטעלט אויפן ווילקיר פון דער צאַרישער אונטערדריקונג. אַזוי אַרום איז די קליינע שליאַכטע געווען דורכגענומען מיט אַנטיצאַרישע שטימונגען און ממילא מיט פּאַטריאָטישע געפילן. אין משך פון 19־טן יאָרהונדערט איז טאַקע די דאָזיקע קליינע שליאַכטע געווען די טרעגערין פון די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונגען פון פּוילישן פאָלק. אָט ווי עס קלערט אויף דאָס דאָזיקע פּראָבלעם לעניןן, וועלכער שרייבט אין זיין אַרבעט א. נ. „וועגן דעם רעכט פון די פעלקער צו זעלבסטבאַ־שטימונג", צוו. א. אָט וואָס:

„בלי־זמן די פאָלקס־מאַסן פון רוסלאַנד און די מערהייט פון די סלאַווישע לענדער זענען נאָך געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף, בלי־זמן אין אָט די לענ־דער זענען נישט געווען קיין זעלבשטענדיקע דעמאָקראַטישע מאַסן־באַוועגונגען,

אַזוי לאַנג האָט די שליאַכטישע באפרייונג=באַוועגונג אין פוילן פאַרמאָגט א ריזיקע, ערשטקלאַסיקע באדייטונג פון שטאַנדפּונקט נישט בלויז פון דער אַלגעמיין=רוסישער דעמאָקראַטיע, נישט בלויז פון דער אַלגעמיין=סלאַווישער, נאָר אויך פון דער אַלגעמיין=אייראָפּעישער דעמאָקראַטיע".

די דאָזיקע קליין=שליאַכטישע באפרייונג=באַוועגונג איז געווען זייער א ברייטע און נישט קיין איינהייטלעכע. פון אָט דער באַוועגונג זענען אַרויסגעקומען דעצידירטע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, ווי סטאַניסלאַוו וואָרצעל, קרעמפּאָוויעצקי, טשינסקי. אין דער זעלבער באַוועגונג האָבן זיך געפונען ווייניקער קאָנסעקווענטע דעמאָקראַטן, ווי יאָאַכים לעלעוועל, וועלכער האָט אויסגעאיבט א שטאַרקע ווירקונג אויף מיצקעוויטשן. אין דעם לאגער פון די שליאכטישע פּאַטריאָטן האָבן זיך אויך געפונען אבסאָלוט נישטקאָנסעקווענטע עלעמענטן און אפילו מיסטיקער. די קריטעריע איז געווען אַ צווייערלייאיקע: ראשית, און דאָס איז געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע, — די באַציונג צום פויערים=פּראָבלעם, צו דער פראגע פון באַפרייען די פויערים און געבן זיי ערד; און, צווייטנס, — דער ענין פון די מעטאָדן פונעם געראנגל: באוואָפנטער מאסן=קאַמף, צי אוטאָפּיש=מיסטישע חלומות; אָנשפּאַר אויף די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון אייראָפּע און בעיקר פון רוסלאנד, צי איזאָלירטער פוילישער קאַמף. אָט די און ענלעכע פּראָבלעמען זענען געשטאַנען אין צענטער פון די דיסקוסיעס אינעם לאַגער פון דער פוילישער עמיגראַציע אין פוילן גופא. צווישן אנדערע האָט א געוויסן בולטן אָפּקלאַנג אין די דיסקוסיעס געפונען די יידן=פראגע, ארום וועלכער עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אין דעם שליאכטיש=פּאַטריאָטישן לאַגער. מיצקעוויטש האָט דורכגעמאַכט פארשידענע אידעישע וואנדלונגען, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין זיין שאפן און וועלכע קלערן אויף געוויסע ווידעראנאנדן אין זיינע ווערק, אין זיין אידעאָלאָגיע און אין זיין קינסטלערישן נוסח.

אָבער די אָנגעצייכנטע דיפערענצאציע, די פארשידענע נישטקאָנסעקווענטקייטן פון דעם קליין=שליאכטישן פאטריאָטישן לאגער, קאָנען נישט אָפּווישן דעם פאקט, וועלכן עס ברענגט אַרויס און שטרייכט אונטער לענין, אז די פוילישע שליאכטישע באפרייונגס=באַוועגונג האָט אין יענעם פּעריאָד געהאַט אַ וויכטיקן היסטאָרישן באַטייט סיי פאר דער רוסלענדישער, סיי פאר דער אַלגעמיין=אייראָפּעישער דעמאָקראַטיע.

איינער פון די גייסטיקע אויסדרוקן פון דער פוילישער שליאַכטישער באפרייאונג=באַוועגונג איז געווען דער ראָמאַנטישער שטראָם אין דער פוילישער ליטעראַטור — דער ראָמאַנטישער שטראָם, וואָס האָט ממש רעוואָלוציאָניזירט סיי די דעמאָלטיקע פוילישע ליטעראַרישע סביבה, סיי די שפּראַך און דעם אינהאַלט פון דער פוילישער ליטעראַטור. דער פוילישער ראָמאַנטיזם איז געוואָרן — ווי עס

דריקט זיך אויס אַ היינטצייטיקער פּוילישער ליטעראַטור⸗פאָרשער, סטעפאַן זשולקעווסקי: די שטים פון דער קליין⸗שליאַכטישער באפרייונג⸗באַוועגונג.

דער ראָמאַנטיזם איז נישט געווען קיין דערשיינונג בלויז פון דער דעמאָלטיקער פּוילישער ליטעראַטור. דער ראָמאַנטיזם איז אין יענעם פּעריאָד געווען די הערשנדיקע שטרעמונג אין דער גאַנצער אייראָפּעישער ליטעראַטור. צו די קאָרי⸗פעען פון ראָמאַנטיזם געהערן בייראָן און שעלי, הוגאָ און לאַמאַרטין, פּושקין און לערמאָנטאָוו, געטע און שילער. אָבער ביי די פּוילישע ראָמאַנטיקער איז צוגעקומען ווי אַ וועזנטלעכער און וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל דער נאַציאָנאַל⸗באַפרייערישער עלעמענט. און אַנדערש האָט דאָס נישט געקאָנט זיין, ווייל אין צענטער פון די וויכטיקסטע לעבן⸗אויפגאַבעס פון פּוילישן פאָלק איז געשטאַנען די פראַגע פון קאַמף פאַר מלוכהש⸗נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ; מיט דעם איז געווען פאַרבונדן דאָס פּראָבלעם פון דער באַציונג צו דער פּויערים⸗פראַגע, צו דער יידן⸗פראַגע און צו די דעמאָקראַטישע באַוועגונגען אין אייראָפּע. ממילא דריקט דער פּוילישער ראָמאַנטיזם אויס — מיט געוויסע אויסנאַמען — די געפילן פון פאָלק און טרעט אויף נישט בלויז ווי די שטים פון פּוילישן פּאַטריאָטישן לאַגער, נאָר אויך ווי אַ גייסטיקער, אידעאָלאָגישער פייער⸗זייל אין דעם דאָזיקן קאַמף.

אָבער דער ראָמאַנטיזם איז, ווי באַקאַנט, נישט קיין איינהייטלעכע שיטה. צוגלייך מיט הוגאָ טרעט אויף אין פראַנקרייך ווי אַ ראָמאַנטיקער דער אַפּאָלאָגעט פון קריסטנטום און דער באַשיצער פון אינדיווידואַליזם און קאָנסערוואַטיזם שאַטאָבריאַן, און צוגלייך מיט מיצקעוויטש, סלאָוואַצקין, מאַלטשעווסקין, גאָשטשינסקין, זאַלעווסקין, רעפּרעזענטירט אַ טייל פון פּוילישן ראָמאַנטיזם אויך דער הויך⸗טאַלאַנטירטער, אָבער איינזייטיק טיף⸗רעאַקציאָנערער גראַף זיגמונט קראַשינסקי, דער אָפענער פאַרטיידיקער פון די קלאַסן⸗אינטערעסן פון מאַגנאַטנ⸗טום און פאַרביסענער שונא פון די פּויערים און יידן. ווי מיר זעען, זענען אינעם ראָמאַנטיזם פאַראַן צוויי שטראָמען: איינער — אַ פּראָגרעסיווער, דער צווייטער — אַ רעגרעסיווער. איינער, וואָס וועבט אַ רעוואָלוציאָנערע, אָדער אַ פּאַטריאָטיש⸗באַפרייערישע ראָמאַנטיק, און וואָס גרייכט מיט דער דיכטערישער וויזיע פאָרויס, אין דער צוקונפט; און אַ צווייטער, וואָס בענקט נאָך די אַלטע, גוטע צייטן פון פּריצישן ווילשטאַנד, פאַרטיפט זיך אין אַ מיסטיש⸗רעליגיעזן חלום און ציט אויף צוריק. מיצקעוויטש געהערט צום ערשטן שטראָם.

אָבער אויך דער דאָזיקער שטראָם איז נישט שטענדיק פריי פון מיסטישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטישע איינפלוסן, וועלכע קומען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם אָנגעוויזענעם ווידערשפּרוכפולן כאַראַקטער פון דער שליאַכטיש⸗פּאַטריאָטישער באַוועגונג. אַזעלכע מאָמענטן זענען פאַראַן סיי ביי מיצקעוויטשן, סיי ביי סלאָוואַצקין, הגם דער לעצטער איז אין היגזיכט פון קריטיק פון דער פעאָדאַל⸗בורזשואַזער געזעלשאַפט אַוועק אַ סך ווייטער פון זיין גאָונישן בן⸗דור מיצקעוויטש.

נישט געקוקט אויף די נעגאטיווע איינפלוסן, אויף וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען זיך אָפּצושטעלן ווייטער, שטעלט מיט זיך פּאַר מיצקעוויטשעס שאַפונג, אין אַלגעמיין גענומען, אַ דערשיינונג פון פּראָגרעסיוון ראָמאַנטיזם.

הגם געוויסע ווערק פון דער ראָמאַנטישער שטרעמונג אין דער פּוילישער ליטעראַטור זענען שוין דערשינען פאַר מיצקעוויטשעס אויפטריט אַלס פּאָעט (למשל: מאַלטשעווסקיס „מאַריא“), איז אָבער מיצקעוויטש פאַקטיש דער שעפער פון פּוילישן פּראָגרעסיוון ראָמאַנטיזם, דער באַנייער פון דער פּוילישער ליטעראַטור אין ערשטן פערטל פון 19-טן יאָרהונדערט. אין יענעם פּעריאָד, ווען די פּוילישע ליטעראַטור איז געווען רעפּרעזענטירט דורך די א. ג. פּסעוודאָקלאַסיקער — דורך סענטימענטאַלע באַזינגער פון מאַגנאַטישע הויפן, דורך סטיליזאַטאָרן און פעלשער פון ווירקלעכן לעבן און דורך פּשוטע גראַפאָמאַנען, — האָט די יונגע פּאָעזיע פון אַדאַם מיצקעוויטש אָפּגעשפּילט אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָל אי אין זין פון אינהאַלט, אי אין הינזיכט פון שפּראַך.

דעריבער איז נישט קיין וונדער, וואָס שוין מיצקעוויטשעס ערשטע לידער-זאַמלונגען האָבן אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע איבערקערעניש אין דער דעמלטיקער פּאַרגליווערטער פּוילישער ליטעראַרישער סביבה.

קאפיטל צוויי

קינדהייט און יוגנט-יאָרן. די ערשטע ווערק.

די גרונטיקע קראַפט פון מיצקעוויטשעס דיכטונג באַשטייט אין דעם, וואָס
ער האָט געצויגן די יניקה פון די סאמע טיפענישן פון פאָלק. זיין דיכטערישע
אנונג=וועלט האָט זיך גענומען קריסטאליזירן שוין אין די קינדהייט= און שול=
יאָרן, ווען ער האָט נאָך געוווינט צוזאַמען מיט די עלטערן אין דאָרף זאַאָשע אָדער
זיך געלערנט אין דער קרייז=שול פון די דאָמיניקאנער אין נאָוואָגרודעק (די יאָרן
1807—1815). ווי מיצקעוויטש שטעלט אליין פעסט אין די בריוו פון יענעם און
שפּעטערדיקן פּעריאָד, האָט ער זיך געפונען אין א ראָמאַנטישער ווירקונגס=
ספערע פון פאָלקס=מעשיות און פאָלקס=לידער, וואָס האָבן געשטאַמט פון דריי
קוואַלן: דאָס זענען געווען פּוילישע, ווייסרוסישע און יידישע פאָלקס=מאָטיוון. די
ראָל פון דער טראנסמיסיע פון פּויליש=ווייסרוסישן פאָלקס=ליד האָט געשפּילט
די פּויערישע ניאַניע; די יידישע פאָלקס=מעשה איז דערגאנגען צום יונגיקן
מיצקעוויטש דורך די יידישע באַלעגאָלעס, וואָס פלעגן אים פירן פון נאָוואָגרודעק
אַהיים אויף יום=טוב. דער אינהאַלט פון די ווייסרוסישע מאָטיוון איז געווען
אַ פּויערישער, א טיף=פאָלקישער. דאָס זענען געווען פאָלקס=מעשיות מיט
אַ שטאַרקן אַקצענט פון גערעכטיקייט. פון אָט די מאָטיוון שטאַמען די
שפּעטערדיקע באַלאַדן און ראָמאַנסן, די באַשרייבונגען פון גאָר אלטע
פאָלקס=צערעמאָניעס אין דער פּאָעמע „דזשאַדי“ אאַ. פון יידישע באַלעגאָלעס
האָט דער יונגער מיצקעוויטש געהערט מעשיות וועגן אויסטערלישע געשעענישן
אויף שליאַכן און אין וועלדער, מעשיות וועגן גזלנים און וועגן פינטעלע מענטש,
וואָס רופט זיך ביי זיי אָפּ. צווישן אנדערע האָט שפּעטער מיצקעוויטש אויסגע=
בויט אויף דער קאנווע פון א יידישער גזלנים=מעשה זיין פּרעכטיק ליד „דעם טאַטנס
צוריקקום“ [1]. אויב אַדאַנק דעם קאָנטאַקט מיטן ווייסרוסישן דאָרף האָט מיצקע=

[1] „Powrót Taty“.

וויטש האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערמאָנט מיט ליבע די יידישע באַלע-
גאָלישע מעשיות. ער האָט אויך געשעפּט פון קוואַל פון טאָטערישן און קאַראַימישן
פאָלקלאָר.

וויטש דערקענט די פויערישע דאָליע און דעם ווילקיר פון די פּריצים, איינגעזאַפּט אין זיך דעם מערב=ווייסרוסישן קאָלאָריט און אפילו אַ רייכן, זאַפטיקן פויעריש=ווייסרוסישן שפּראַך=עלעמענט, האָט ער אדאנק דער פאַרבינדונג מיט פּשוטע יידישע פאָלקס=מענטשן דערקענט דאָס יידישע לעבן, געזען דירעקט יידישע פאָלקס=געשטאַלטן און זיך אויסגעלערנט יידישע פאָלקס=לידער. אין די שפּעטערדיקע צייטן וועט דאָס אַלץ ווידער אויפוואכן אין דעם דיכטערס דמיון און וועט אפילו אין אַ געוויסער מאָס באַקומען אַ תיקון אין זיין שאַפן, בפרט אין „פּאַן טאַדעוש“.

נאָכן פאַרענדיקן די שול איז מיצקעוויטש — אַן אָנגעזאַפּטער מיט פאָלקס=ראָמאַנטיק — אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, וווּ ער האָט אָנגעהויבן זיינע אוניווערסיטעט=שטודיעס (די יאָרן 1815—1822). דער ווילנער פּעריאָד האָט געהאַט אַ דעציזירנדיקן איינפלוס אויף זיין אַנטוויקלונג אַלס דיכטער.

אין ווילנע שטעלט ער אויך זיינע ערשטע שריט ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער מיט אַ בפירושער בונטאַרער אָנלאָדונג.

ווען מיצקעוויטש איז אָנגעקומען אויפן ווילנער אוניווערסיטעט, איז דער דאָזיקער בילדונג=אַנשטאַלט שוין געווען אַ געביט פון פאַרשידענע אידעען=געפעכטן און אַפילו פון אַ געוויסער, הגם באַשיידענער, געזעלשאַפטלעך=קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט.

די צענטראַלע פיגורן אויפן ווילנער אוניווערסיטעט זענען געווען די ברידער יאַן און יענדזשעי שניאַדעצקי, ביידע פּראָפעסאָרן, איינער פון מאַטעמאַטיק, דער צווייטער פון כעמיע, פאָרשטייער פון ראַציאָנאַליזם און ליבעראַליזם, פון דער שטרעמונג „אָשוויעצעניע“ (ביי יידן: השׂכּלה), וועלכע האָט אין יענעם פּעריאָד געשפּילט אַ פּראָגרעסיווע ראָל. צווישן דער סטודענטישער יוגנט, וועלכע איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געווען אַ הייסע אָנהענגערין פון יאַן שניאַדעצקיס ראַציאָנאַליזם און פון זיין בילדונג=אידעאָלאָגיע, זענען שוין געווען אַזעלכע קרייזן, וועלכע האָבן געשטרעבט ארויסצוגיין פון די ענגע ד׳ אמות פון אייגענער בילדונג. ביי דעם דאָזיקן טייל פון דער שטודירנדיקער יוגנט האָט זיך שוין אויסגעפּיקט דער געדאַנק פון טראָגן בילדונג צווישן די מאַסן. און אָט די קרייזן איז אויפגעקומען די קאָנספּיראַטיווע פילאָמאַטן=אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער עס איז צוגעשטאַנען דער יונגער סטודענט מיצקעוויטש.

אין אַלגעמיין איז די שטימונג אויפן ווילנער אוניווערסיטעט, נישט געקוקט אויף דער שטרענגער צענזור מצד די צאַרישע באַאַמטע, געווען זייער אַ ליבעראַלע. עס זאָגט, צווישן אנדערע, וועגן דעם עדות דער פאָלגנדיקער כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד:

אין יאָר 1815, סוכות=צייט, האָט אַ הייפל סטודענטן גענומען וואַרפן שטיינער אין אַ סוכה פון אַ יידישער משפּחה, וועלכע האָט געוווינט נישט ווייט פון דעם אוניווערסיטעט=בנין. די יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און עס איז

געקומען צו א געשלעג. יונגע יידישע יאטן האָבן פארטריבן די כוליגאנעס, און דער פאָטער פון דער משפחה איז געגאנגען זיך קלאָגן צום אוניווערסיטעט־סענאט. די פאָר כוליגאנישע סטודענטן האָבן געוואָלט פּראָוואָצירן אן אנטיייִדישן אינצידענט אין אוניווערסיטעט־האָל גופא, ווו דער ייִד האָט זיך געפונען אויפן וועג צו דער קאַנצעלאריע פון אוניווערסיטעט־סענאט. אָבער די פאָר כוליגאנעס זענען געווען פולשטענדיק איזאָלירט. לא די, וואָס די אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, וועלכע זענען כמעט אלע געווען פון ליבעראלן שניט, האָבן שטרענג באשטראָפט די סטודענטישע זשוליקעס, נאָר אויך א סך סטודענטן האָבן זיך געשטעלט קעגן זיי און געגעבן רעכט די יידן. אין די דאָקומענטאלע אקטן פון דעם דאָזיקן ענין ווערט גערעדט וועגן די יידן מיט רעספּעקט, און זיי ווערן באטראכט ווי גלייכע בירגער. היות דער פאַל איז געווען א זעלטענער און אן אלגעמיין באקאנטער, ווייל די כוליגאנעס האָבן באקומען זייער פסק בפרסיה, איז אוממעגלעך, אז דער אָקאָרשט אָנגעקומענער סטודענט פון זאאָשע זאָל וועגן דעם נישט האָבן געהערט. דער פאַל האָט פּאַסירט אין יאָר 1815, תחילת האַרבסט, און מיצקעוויטש איז טאַקע אָנגעקומען אין ווילנער אוניווערסיטעט אין זעלביקן 1815, אָנהייב שול־יאָר, ד. ה. הארט פאר האַרבסט. ווי עס זאָל נישט זיין, איז מיצקעוויטש דאָ אריינגעפאלן אין אַ ליבעראלער סביבה, וואָס אין אירע טיפענישן האָט איינצייטיק שוין געברויזט, ווי געזאָגט, אַ קאָנספּיראטיווו לעבן. ער איז אריין אין א סביבה, ווו מען האָט זיך צום ייִד באצויגן אנדערש, מיט מער מענטשלעכקייט און אכטונג, ווי ביי די פּריצים, וועלכע מיצקעוויטש האָט געקענט פון זיין היימישער געגנט.

איבעריקנס, האָט זיך מיצקעוויטש שפּעטער אָנגעטראָפן אויף עטלעכע יידישע סטודענטן, וועלכע מען האָט אָנגענומען אין דער געהיימער פילאָמאטן־אָרגאניזאציע. דאָס איז געווען — נאָך קאָשציושקאָס אויפשטאַנד און נאָך בערעק יאָסעלעוויטשעס טויט — פון די ערשטע פאלן, אז יידן זאָלן זיך געפינען אין אַ געמיינזאַמער געזעלשאפט מיט פּאָליאקן. נאַטירלעך, זענען דאָס געווען יידישע סטודענטן פון רייכע היימען און געווים פון א משכילישער סביבה. דעם אומשטאַנד פון אָננעמען יידן ווי גלייכע מיט גלייכע אין דער פילאָמאַטן־אָרגאניזאציע איז געווען, צוו. א., אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס אין דער דאָזיקער קאָנספּיראטיווער אָרגאניזאציע האָט געהערשט א שטאַרקער אנטיקלעריקאלער און רעפּובליקאנישער גייסט. מיצקעוויטש האָט געהערט צו די, וואָס האָבן צומשטאַרקסטן אַטאַקירט די קאטוילישע קירך און דעם מאָנאַרכיזם.

אויפן ווילנער אוניווערסיטעט האָבן אָבער שטודירט נישט בלויז אזעלכע סטודענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון ליבעראלע, ראציאָנאליסטישע אָדער אַנטיקלעריקאלע אידעען. מיר האָבן שוין געזען, אז עס זענען דאָרטן געווען אויך כוליגאנעס און אנטיסעמיטן. א גרויסער טייל פון די פּריצישע זין, וואָס האָבן זיך געלערנט אויף דער ווילנער הויכשול, האָט געהאט א גאַווהדיקע,

פּאַרריסענע באַציונג צו די יידישע קאָלעגן און נישט געוואָלט זיצן מיט זיי צוזאַמען אויף איין באַנק. א שטאַרקן קאַמף קעגן די אנטיסעמיטישע פּאָראורטיילן און אין שוץ פון די יידן האָט געפירט דער דעמלט יונגער פּראָפעסאָר פון ווילנער אוניווערסיטעט יאָאַכים לעלעוועל. מיצקעוויטש האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דעם דאָזיקן גערעכטן קאמף. ער האָט זיך אפילו באפריינדעט מיט א ריי יידישע סטודענטן. צווישן זיינע נאָענטסטע פריינד פון ווילנער פּעריאָד דארף מען, נעבן די ווייסרוסישע דיכטער יאן טשעטשאָט [2] און טאָמאַש זאן [3], אויסרעכענען די יידן, די סטודענטן פון מעדיצין לעווי און גיימאַן.

די סביבה פון די פילאָמאַטן איז געווען אין הינזיכט פון נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל א פארשידנארטיקע און האָט אָפּגעשפּיגלט די אלגעמיינע ווילנער באַציונגען. פּאָליאקן, ליטווינער, ווייסרוסן, יידן — די אלע פעלקער האָבן באוווינט ווילנע און זענען געווען — ווער מער, ווער ווייניקער — רעפּרעזענטירט צווישן דער סטודענטשאַפט פונעם אוניווערסיטעט. נישט געקוקט אויף די שפּראַך־פאַרשידנקייטן, האָט זיי אלעמען פאַרבונדן א פריינדשאפט, וועלכע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף א געמיינזאמער אידעישער שטרעבונג. זייער אידעאָלאָגיע איז געווען אַ געגנוג צעשוווּמענע. אָבער עס האָט זיך שוין געלאָזט אָנמערקן אין איר אַ בפירושער עלעמענט פון בונט און דראנג צו פרייהייט, הגם די דאָזיקע פרייהייט האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין קאָנקרעטע געשטאַלט.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אז צווישן די צאָלרייכע רעפעראַטן, וועלכע מיצקעוויטש האָט געהאַלטן אין דעם פילאָמאַטן־קרייז, זענען אויך געווען פאַרטראָגן אויף דער טעמע וועגן דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור און לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע און פוילן. מיצקעוויטש האָט אין זיינע קרייזן געשמט ווי א גוטער קענער פון יידישן פּראָבלעם פון תחילת 19־טן יאָרהונדערט. בפרט האָט ער גענוי דערקענט דאָס יידישע לעבן אין משך פון דער צייט, ווען ער האָט געאַרבעט אלס לערער אין קאָוונע.

מיצקעוויטשעס דיכטערישער דעביוט איז געווען אינגאנצן אונטערן איינפלוס פון דער דאָזיקער פילאָמאַטן־אידעאָלאָגיע. אין 1819 שרייבט מיצקעוויטש אָן זיין ערשט ליד „די קארטאָפליע“ [4]. שוין אין דעם דאָזיקן ליד אנטפּלעקט זיך מיצקעוויטש נישט בלויז ווי אַ מייסטער פון פערז, נאָר ווי א בפירושער סאָציאַלראדיקאַלער פּראָטעסטירער קעגן דער אונטערדריקונג, וועלכע הערשט אין אייראָפּע. קוקט, — רופט אוים דער אָנפאנגערישער דיכטער, — וואָס פאר א געדיכטע

[2] יאַן טשעטשאָט איז אין זיין שאַפן געשטאַנען זייער נאָענט צו די פויערים. ער איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד אין יאָר 1843.

[3] טאָמאַש זאן איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד אין יאָר 1855.

[4] „Kartofla“

DETROIT PUBLIC LIBRARY

נאַכט עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אייראָפּע! פֿון אומעטום, פֿון אַלע זייטן און ווינקעלעך הערט דער יונגער פּאָעט געוויין, טענות און וויי-געשרייען, אומעטום ברענען בלוטיקע שייטערהויפֿנס און עס קלינגען קייטן. דער פּאָעט זעט די בייטש פֿון די זעלבסטהערשער, וועלכע פֿאַלט אויף די אַקסלען פֿון דער שקלאַפֿן-מאַסע. אָבער איינצייטיק דערבליקט מיצקעוויטש אַ נייע וועלט, אין וועלכער עס בליצט אויף דער שטערן פֿון פֿרייהייט, וואָס וועט צערייסן די שטריק פֿון מאָנאַכן און וועט צעברעכן דאָס געשפּענסט פֿון די דעספּאָטן. אינעם ליד ווערן דערמאָנט אַזעלכע עלעמענטן, ווי צניעות און בילדונג (וועלכע שטאַמען פֿון דער ראַציאָנאַליסטישער שול), אָבער איינצייטיק טרעט שוין אויף „דאָס פֿאָלק דער מלך, וועלכער וועט אַראָפּטרייבן צו זיינע פֿיס די אַלטפֿרענקישע טיראַנען און וועט מיט דעם פֿונק פֿון פֿרייהייט אָנצינדן נייע פֿייערן אין אייראָפּע“.

די אַלע געדאַנקען האָט ביים דיכטער אַרויסגערופֿן דער פֿאַקט, וואָס אין ליטע האָט זיך דעמאָלט באַוויזן דאָס נייע שפּייז-געוויקס — קאַרטאָפֿל, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אַהער פֿון מערב.

אויך אין אַנדערע לידער פֿון זיין אָנפֿאַנגערישן פּעריאָד שרייבט מיצקעוויטש וועגן דער „וווּלקאַן-לאַווע פֿון טייך סען“ (געמיינט: די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע), וועגן דער „אַלטער אונטערדריקונג“, וועגן דער „גאווה פֿון פּריצים“, וועגן דעם „צאָרן פֿון שקלאַפֿן, וואָס מען האָט צעריסן זייערע קייטן“, וועגן דער „ערד, וואָס איז מעוברת מיט קעגנאַנאַנדיקע זריעות“, וועגן דער „רעוואָלוציאָנערער שלאַנג פֿון די גאַלן“ (פֿראַנצויזן), וועגן דעם, אַז „הגם איצט זענען צעקרישלט די מערבדיקע ריזן, קאָן נאָך זייער בלוט פֿרוכטבאַר ווירקן אויף דער ערד“. אין אָט די ווערטער האָבן מיר ווידער אַ דערמאָנונג וועגן דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע איז טאַקע דערשטיקט געוואָרן דורכן טערמידאָר, אָבער זי קאָן ווידער אויסברעכן און באַווירקן דאָס פֿאָלק.

אין אָט די אַלע יוגנט-מאָטיוון קומט צום אויסדרוק די שטרעבונג צו סאָציאַלע ענדערונגען. אָבער דער אויסדרוק פֿון אָט דער שטרעבונג און אויך דער ציל זענען נאָך מטושטש. פֿון דער צווייטער זייט איז קלאָר, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ דיכטער אין אָפּאָזיציאָנער לגבי דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, אַ דיכטער אַ בונטאַר, וועלכער פֿאָלגט נאָך דעם פּראָצעס פֿון אויסברוך פֿון פֿרישע שטורמישע געשעענישן אין פֿראַנקרייך.

אין יאָר 1820 שרייבט מיצקעוויטש אָן זיין באַרימטע „אָדע צו דער יוגנט“ [5]. הגם אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ טיילווייז אַבסטראַקטן אויסדרוק, איז אָבער דאָס ליד אַזוי יוגנטלעך-קרעפֿטיק, אַזוי דינאַמיש, אַזוי מיטרייסעריש, און

---

[5] „Oda do młodości“

דער כוח פון דער יוגנט ווערט דאָ באַזונגען מיט אַזאַ קראַפט, מיט אַזאַ פּאַטאָס און טעמפּעראַמענט — אַז „די אָדע צו דער יוגנט“ איז געוואָרן איינע פון די סאַמע באַגייסטערנדיקע פּאַטעטישע אַפּעלן נישט בלויז אין דער פּוילישער, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראַטור. אויף פֿאַרשידענע פראָגן פון קאַמף האָט דאָס דאָזיקע ליד באַגייסטערט און באַפליגלט צום זיג. אין די פּאַטעטישע ווערטער פונעם דיכטער וועגן א ריר טאָן פון אָרט דעם פעלז פון דער וועלט[6] קאָן מען לייכט אַריינלייגן אַן אַקטועלן רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, וועלכער איז מסוגל צו באַווירקן באַזונדערס די יוגנט.

צו די שפּעטערישע רעזולטאַטן פון יאָר 1821 געהערן מיצקעוויטשעס צוויי זייער כאַראַקטעריסטישע לידער: „דער שיף־זעגלער“ און „ראָמאַנטישקייט“[7].
„דער שיף־זעגלער“ איז אויפגעקומען אויפן באָדן פון די אינערלעכע קאַמפן ביי די פילאָמאַטן, וועלכע האָבן זיך צעשפּאָלטן אויף רעכטע און לינקע, אויף רעפאָרמיסטן און ראַדיקאַלן. די רעפאָרמיסטן האָבן געוואָלט גיין אויפן וועג פון זעלבסטבילדונג, די ראַדיקאַלן האָבן געשטרעבט צו מאַסן־אַרבעט און קאַמף. דער דיכטער רופט אויס, אַז זיין גלויבן וועט נישט ווערן אָפּגעקילט און ער וועט ווייטער גיין זיין וועג. אין אָט דער דערקלערונג שטעקט דער קרעדאָ פונעם דיכטער, וועלכער שטרעבט צו א שטאַרקערער אַקטיווקייט. די אַלטפרענקישע ליטעראַטור־פאָרשער האָבן אין דעם עלעגישן טאָן פונעם ליד געוואָלט אַריינטייטשן, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם דיכטערס אַנטוישונג אין דער ליבע פון דעם שיינעם און אינטעליגענטן מיידל מאַריליע ווערעשטשאַק, צו וועלכער מיצקעוויטש האָט געהאַט אַ שטאַרק געפיל. גאַנצענע בענדער זענען אָנגעשריבן געוואָרן אויף דער טעמע פון דער ליבע, וואָס מיצקעוויטש האָט געפירט מיט דער מאַריליע. אין יעדן וואָרט פון זיינע לידער האָט מען געזוכט אַן אָנדייט אויף דעם דאָזיקן געפיל. אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געפּרווט צו קאָנפראָנטירן דעם אינהאַלט פונעם ליד (און אויך פון אַנדערע לידער) מיט די געזעלשאַפטלעכע געשעענישן פון יענער צייט, מיט מיצקעוויטשעס קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטן פון דער פילאָמאַטן־אָרגאַניזאַציע, מיט דעם דיכטערס איבערלעבונגען פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. ווי מיר האָבן געזען פון די פריער ציטירטע לידער, איז מיצקעוויטש געווען מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן. דאָס הייסט נישט, נאַטירלעך, אַז מען דאַרף סאָציאָלאָגיזירן זיין פּערזענלעכע ליריק, זיינע ליבע־מאָטיוון. עס וואָלט פּונקט אַזוי לעכערלעך געווען אַריינצוטייטשן פּאָליטיק אין די דאָזיקע מאָטיוון. אָבער דאָס ליד „דער שיף־זעגלער“ פאַרמאָגט א דורכויס געזעלשאַפטלעכן אַספּעקט, ווי דאָס האָט גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן אין זיין גרינט־

[6] „Ruszymy z posad bryłę świata“
[7] „Żeglarz“, „Romantyczność“.

לעבן אַנאַליז פּראָפּ. סטעפאַן זשולקעווסקי אינעם בוך „דער סיכסוך וועגן מיצקעװיטשן“ (אין פּויליש).

דאָס צווייטע ליד פון יאָר 1821 — „ראָמאַנטישנאָסטש“ — איז אייגנטלעך דער קרעדאָ פון דער פּוילישער ראָמאַנטישער שול, וואָס מיצקעוויטש ווערט איר וואָרט־זאָגער. דער דיכטער שטעלט אקעגן צוויי אופנים פון זען און אויפפאסן די ווירקלעכקייט: פון איין זייט — דער שטרענג־עמפּירישער אופן, וואָס האלט, אַז נאָר דאָס, וואָס מען זעט אויבנאויפיק, איז ריכטיק און אמתדיק; פון דער צווייטער זייט — דער טיפערער אריינבליק אין דער ווירקלעכקייט. דער ערשטער אופן פאַרלאָזט זיך בלויז אויפן שכל הישר, דאָס איז א קאלטע, אָבסערוואטאָרישע, פאָרמאליסטישע באַציונג צום לעבן. דער צווייטער אופן באזירט זיך אויף האַרץ, אויף נשמהדיקייט, אויף געפיל, אויף גלויבן; נישט אַלץ, וואָס דוכט זיך אויס על פּי שכל פאר ווירקלעך, איז אמת. „דאָס געפיל און דער גלויבן, — זאָגט דער דיכטער, — רעדט צו מיר שטארקער, ווי דאָס גלאָז און אויג פונעם חכם“. דעם קאלטן שכל פון פאָרמאליסטישן געלערנטן שטעלט דער דיכטער אקעגן דאָס פאָלק, די מאַסע, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט געפיל.

צווישן די געטאָ־מאָטיוון, וואָס זענען געשאפן געוואָרן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז פאראן ביי יוליאַן טווים אַ פּאַראַפראַזע פון דעם דאָזיקן ליד פון אַדאַם מיצקעוויטש, אַן אקטואליזירונג צו דער טראַגעדיע פון די יידן. נאָך איין באַווייז וויפל אויסדרויער־קראַפט און וואָס פאר א וויזועלע ברייטקייט עס פארמאָגט די אידעען־אָנגעלאָדענע פּאָעזיע פון אַדאַם מיצקעוויטש.

דאָס אַלץ זענען געווען איינצלנע לידער, וועלכע האָבן נאָך נישט געקאָנט שאפן דעם דיכטער אַ פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור. ערשט דאָס דערשיינען פון ערשטן באנד א. נ. „באלאדן און ראָמאַנסן“ [8] (1822) האָט אנטפּלעקט א נייעם גרויסן טאַלאַנט און אַן ערשטקלאַסיקן נאָוואַטאָר פון דעם פּוילישן דיכטערישן וואָרט. אין אָט דעם באנד זענען אריין סיי די אויבן אויסגערעכנטע לידער, סיי אַזעלכע באַלאַדן, ווי „שוויטעזש“, „שוויטעזשאַנקאַ“, „דער צוריקקער פון טאַטן“, „ליליעס“, „מאַריליעס בערגל“ א.א. אין יסוד פון די אַלע פּאָעטישע שאפונגען ליגט דער פאָלקסטימלעכער עלעמענט, וועלכן דער דיכטער האָט איינגעזאפּט אין זיך, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, נאָך אין זיין זאאָשער און נאָוואָגרודקער פּעריאָד. דער פאָלקסטימלעכער עלעמענט איז אָבער נישט ביי מיצקעוויטשן קיין פאָרמאַליסטישער, ער דריקט זיך נישט אויס בלויז אין דער מעשה גופא, אין דער שפּראך, אין דער פאנטאַסטישקייט. מיצקעוויטש פירט ארויס מיט זייער דיסקרעטע מיטלען אזעלכע דערשיינונגען, ווי די אונטערדריקונג פון פּויערים, ווי טאָפּלטע צביעותדיקע מאָראַליטעט, ווי די טראַגעדיע פון א פאַרפירט דורך

---

[8] „Ballady i Romanse“.

אַ פּריץ פּויעריש מיידל, ווי פּרייהייט־באַגער. ער שטעלט ארויס געשטאַלטן פון פּשוטן פאָלק און לאָזט זיי רעדן אין זייער קערנדיקער, פאָלקסטימלעכער שפּראַך. אזויארום האָט מיצקעוויטש דער ערשטער אין דער פּוילישער ליטעראַטור דערנענטערט די פּאָעזיע צום פאָלק — סיי דורך אַרויסברענגען מאָטיוון, וואָס זענען נאָענט און אייגן דעם פּשוטן פאָלקס־מענטש, סיי דורך דער שפּראַך.

דעם ערשטן באַנד פון מיצקעוויטשעס דיכטונג האָבן אויסגעזעצט ווילנער יידישע דרוקער — מ א נ ע ס און ב אַ נ ט ש י ק. מיט די דאָזיקע יידישע דרוקער האָט מיצקעוויטש פאַרקניפּט א האַרציקע פריינדשאַפט און זיי דערמאָנט צום גוטן אין זיינע בריוו.

דאָס דערשיינען פון די „באַלאַדן און ראָמאַנסן" האָט אַרויסגערופן צוויי אַנדערשדיקע רעאַקציעס.

דער באַנד איז אין משך פון א קורצער צייט ממש צעכאַפּט געוואָרן. אָבער ווער האָט זיך אזוי גיריק געוואָרפן אויף מיצקעוויטשעס פּאָעזיע און געשלונגען מיט ענטוזיאַזם זיינע לידער? די מעמואַריסטן פון יענער צייט גיבן איבער, אז דער ערשטער (און אויך דער צווייטער) באַנד פון מיצקעוויטשעס פּאָעזיע איז צעכאַפּט געוואָרן דורך דינסטמיידלעך און משרתים פון די שליאַכטישע הויפן.

עס איז א פאַקט, אז די דאָזיקע פּויערישע זין און טעכטער, וועלכע האָבן זיך — אַדאַנק זייער אַרבעט אין פּריצישע הויפן — אויסגעלערנט בעסער צי שוואַכער לייענען, זענען געווען די ערשטע באַגייסטערטע אָפּנעמער פון מיצקעוויטשעס יוגנט־פּאָעזיע.

מיצקעוויטש אַליין פלעגט שפּעטער דערציילן אָט וואָס: „די ערשטע 500 עקזעמפּליאַרן (פון די „באַלאַדן און ראָמאַנסן") האָט מען אויסגעקויפט אויסער־געוויינלעך שנעל. די גרעסטע צאָל האָבן געקויפט משרתים און דינסט־מיידלעך".

מיצקעוויטשעס א מיטצייטלער, אַלעקסאַנדער כאָדזשקאָ, גיט איבער, אז דער ערשטער, וועמען עס איז געפעלן געוואָרן מיצקעוויטשעס פּאָעזיע, דער ערשטער, וואָס האָט אויסגעדריקט אנטציקונג מיט די „באַלאַדן און ראָמאַנסן", איז געווען דער דערמאָנטער זעצער באַנטשיק — אַ ווילנער יידישער זעצער, וועלכער פלעגט ברענגען די קאָרעקטעס. מיצקעוויטש האָט אייגנהענטיק אונטערגעשריבן אויף זיין עקזעמפּליאַר זיין אויטאָגראַף.

אָבער אין דער זעלביקער צייט איז דאָס דערשיינען פון מיצקעוויטשעס נאָוואַטאָרישער דיכטונג אויפגענומען געוואָרן מיט חוזק און ציין־קריצעניש אין די אָפיציעלע קרייזן פון דער פּסעוודאָ־קלאַסישער הויף־ליטעראַטור, בפרט אין וואַרשע און אַפילו אויך אין געוויסע קרייזן אין ווילנע. די דאָזיקע ליטעראַטור־מאַנדאַרינען, די פאָרשטייער פון דער ראָקאָקאָ־ליטעראַטור, ווילן בשום אופן נישט אָנערקענען דעם ווילנער יונגן דיכטער־בונטאַר. זיי וואַרפן אַריין דעם גאַנצן ראָמאַנטיזם מיט זיין שפּראַך־ און אידעען־גייקייט אין חרם. די פּסעוודאָ־קלאַסישע

קריטיקער פארשרייען מיצקעוויטשן פאר א גראפאָמאַן און משוגענעם. דער „בעסערער לעזער“, וועלכער רעקרוטירט זיך ס'רוב פון פריצישע דאַמען, וויל מיצקעוויטשעס ביכל נישט נעמען אין האַנט אריין. שפעטער, ווען מיצקעוויטש וועט אַרויסגעבן „דזשאדי“, ווו עס איז פאראַן א רעפריין: „אומעטום איז טונקל, אומעטום איז טויב־שטיל, וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין“ — וועט א ראָקאָקאָ־קריטיקער טרייבן קאַטאָוועס און אָנשרייבן: אומעטום איז שטיל, אומעטום איז טונקל, נאריש איז געווען און נאריש וועט זיין. אויף אזא פאראָדיע־ און פאַשקוויל־ארטיקן אופן האָט מען געוואָלט אַוועקהרגענען דעם יונגן, ברויזנדיקן נאָוואַטאָרישן טאַלאַנט. די דאָזיקע קאָנסערוואַטיווע קרייזן האָבן זיך אויך נישט איבערגענומען מיט דער היסטאָרישער פּאָעמע „גראַזשינא“, וועלכע מיצקעוויטש האָט ארויסגעלאָזט אין יאָר 1823 אינעם צווייטן באַנד פון זיינע שאַפונגען. „גראַזשינא“ איז אייגנטלעך א הימן פאר דעם פּאַטריאָטיזם און העראָיזם פון דער פרוי. דער דיכטער באַשרייבט די צייטן פון אָנהייב 14־טן יאָרהונדערט, ווען די גערמאַנישע קרייץ־ריטער ווילן פאַרכאַפּן דאָס קליינע ליטווישע לאַנד און נוצן אויס די ווידעראַנאַנדן און פערזענלעכע אַמביציעס פון די פאַרשידענע קליינע ליטווישע פירשטן. דער פירשט ליטאַוואָר האַלט שוין ביים פאַרקויפן זיך צו די פאַרכאַפּער און ביים פאַרראַטן זיין לאַנד. די לאַגע ראַטעוועט זיין פרוי, גראַזשינא, וועלכע פאַלט אין שלאַכט מיטן גערמאַנישן שונא.

די פּאָעמע איז געשריבן אין א ראָמאַנטישן סטיל, אין א שטאַרקער שטימונג, וועלכע האַלט דעם לייענער אין שפּאַנונג. די פּאָעמע פאַרמאָגט איינציִיטיק אַ גרויסן דערקענטעניש־ווערט. אויך דאָ אַנטפּלעקט זיך מיצקעוויטש ווי א נאָוואַטאָר אין דער פוילישער ליטעראַטור. ער פירט ארויס לעבעדיקע געשטאַלטן, ווייזנדיק זייערע מעלות און חסרונות. די פּאָעמע איז דורכגעדרונגען מיט א טיפער אידעישקייט. דער מחבר שטייט מיטן גאַנצן האַרצן אויף דער זייט פון די אָנגע־גריפענע און באַוואָלהטע און קעגן די פרעמדע פאַרכאַפּער און באַצווינגער. מיט גרוים ליבשאַפט ווערט געשילדערט דער ליטווישער פייזאַזש און מיט א געניטער קענטעניש — דער פירשטלעכער שלאָס און זיין ארום. די נאַכט־שטימונג פאַר־שטאַרקט דעם איינדרוק. דאָס אַליין האָט אויסגענומען ביים לייענער, דער עיקר ביי דעם, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט פּאַטריאָטישע געפילן. אָבער דאָס אַליין האָט נישט געקאָנט נושא חן זיין ביי די כהנים פון דער מאַגנאַטישער הויף־ליטעראַטור.

אין מיצקעוויטשעס צווייטן באַנד גייען אויך אריין דער צווייטער און פערטער טייל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דזשאדי“ (די אַנדערע טיילן האָט ער אָנגע־שריבן שפּעטער). דאָס סאַמע וויכטיקסטע פון די דאָזיקע שאַפונגען באַשטייט אין דעם, וואָס דער דיכטער האָט דעמלט אַרויסגעפירט פראָנטאַל, פון איין זייט, אַ לייבאייגענעם פויער און, פון דער צווייטער — א שלעכטן פּריץ. דער ראָמאַנ־

מישער העלד פון דער פּאָעמע איז גוסטאַוו, וועלכער זוכט א וועג זיך צו באַפרייען פון פערזענלעכע יסורים, כּדי צו קאָנען זיך ווידמען דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף. דאָס איז א העלד אַן אינדיווידואַליסט, אין וועלכן עס שטעקט שוין אָבער דער עמבריאָן פון אַ קינפטיקן קעמפער.

מיצקעוויטשעס ליטעראַרישער קרעדאָ אין זיין צווייטן פּאָעזיע־באַנד באַזירט זיך קודם כּל אויף דער פאָלקס־דיכטונג. צום דאָזיקן געדאַנק וועט זיך מיצקעוויטש נאָך אומקערן נישט איין מאָל.

און דערווייל האָט זיך אָנגערוקט א קאַטאַסטראָפע: די טעטיקייט פון די לינקע פילאָמאַטן איז געוואָרן באַקאַנט דער צאַרישער מאַכט. מיצקעוויטשעס לידער מיט זייער סאָציאַלן אומרו און פאָלקס־טרייען עלעמענט האָבן נישט געקאָנט געפעלן ווערן דעם צאַרס סאַטראַפּן. מיצקעוויטש ווערט שטאַרק פאַרדעכטיקט. די פירער פון דער פילאָמאַטן־אָרגאַניזאַציע ווערן אַרעסטירט און בתוכם מיצקעוויטש. אין אָקטאָבער 1823 קומט פאָר זייער פּראָצעס. מיצקעוויטש און זיינע חברים ווערן פאַרשיקט אין טיף רוסלאַנד[9].

מער וועט שוין מיצקעוויטש נישט זען זיין היימלאַנד. ער וועט שוין נישט זען נישט זאַמאָשטש, נישט נאָוואָגרודעק, נישט ווילנע, נישט קאָוונע, ער וועט אויך קיינמאָל נישט זיין אין פאַקטישן פּוילן[10] און אין איר הויפּט־שטאָט וואַרשע, כאָטש ער האָט אַזוי שטאַרק געטרוימט וועגן דעם.

עס הייבט זיך אָן א פרישער פּעריאָד אין זיין לעבן, א פּעריאָד, וואָס וועט האָבן אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף זיין וויטערדיקן וועג.

---

[9] עס זענען געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין טיף רוסלאַנד: אַדאַם מיצקעוויטש, יאַן טשעטשאָט, טאָמאַש זאַן, פראַנציִשעק מאַלעווסקי, יוזעף יעזשאָווסקי, יאַן סאָבאָלעווסקי, אָנופרי פּיעטראַשקעוויטש, ווינצענטי בודרעוויטש, מיקאָלאַי קאָזלאָווסקי און אַנדערע פילאָמאַטן. מיצקעוויטש איז שוין דעמלט געווען אַ „קאַנדידאַט פון פילאָזאָפיע".

[10] בעת דעם דורכפאַל פון דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד (1831) וועט מיצקעוויטש א קורצע צייט וויילן אין פּויזנער געגנט.

קאַפּיטל דריי

אין רוסלאַנד. „קרימער סאָנעטן" און „קאָנראַד וואַללענראָד"

די נסיעה פון ווילנע קיין פּעטערבורג, פון וואנען מען האָט געדאַרפט דעם פּאַרמשפּטן שיקן ווייטער, האָט אויף דעם 25־יעריקן מיצקעוויטש געמאַכט א טיפן איינדרוק. דער רושם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דאָס בילד פון די רחבותדיקע רוסישע שליאכן און דער ווינטער־פּייזאזש איז געבליבן שטאַרק אין זיין געדעכעניש. מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער וועט אָנשרייבן די ווייטערדיקע טיילן פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דזשאַדי", וועט מיצקעוויטש שילדערן אין ברייטע פערזן דעם וועג פון פאַרשיקונג. ער האָט געזען פאַר זיך אַ פּוסט, ווייס און אָפן לאַנד, עלעהיי אַ פּאַפּיר, וואָס איז גרייט, מען זאָל אויף אים עפּעס אָנשרייבן. צי וועט אויף אים שרייבן א געטלעכער פינגער און, באַנוצנדיק פאַר זילבן גוטע מענטשן, וועט ער אָנצייכענען דעם אמת פון הייליקן גלויבן, אז מיטן מענטשלעכן שבט הערשט ליבשאַפט? — פרעגט דער דיכטער. אָדער, פאַרקערט, אינעם דאָזיקן ספר וועט ווערן אויסגעקריצט מיט א שווערד, אז דער מענטשלעכער מין דאַרף זיין געשמידט אין קייטן, און אז די טראָפּעען פון דער מענטשהייט דאָס זענען בייטשן? מיצקעוויטש שילדערט די רוסישע מענטשן, וואָס ער טרעפט אָן אויפן וועג, — זיי זענען גוטמוטיקע ריזן, מיט ברייטע ברוסטקאַסטנס און פּלייצעס, פולע מיט כוח, מיט קראַפט, מיט געזונט און — דער עיקר — מיט הערצער, אין וועלכע עס דרימלט אַ ווולקאַן. אָט די פּשוטע רוסישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע בילדן א טייל פון דער שטרענגער, אָבער רחבותדיקער רוסישער נאַטור, שטעלט דער דיכטער אנטקעגן דעם צאַרישן רעזשים, דעם רעזשים פון בייטש, וועלכע שלאָגט נישט בלויז די פרעמדע בונטאַרן, נאָר אויך דאָס אייגענע פאָלק.

מיט געמישטע געפילן פון אומרו און נייגעריקייט איז מיצקעוויטש אָנגעקומען קיין פּעטערבורג, אין דער רעזידענץ פון די צאַרן. אָבער נעבן די ריקזיכטלאָזע צאַרישע משרתים באַגעגנט דאָ מיצקעוויטש איידעלע און מוטיקע מענטשן, וועלכע האָבן שוין וועגן אים געהערט און זענען אין אידעישער הינזיכט אוואנסירט

אַ סך מער, ווי דער פּוילישער דיכטער און זיינע חברים די לינקע ווילנער פילאָמאַטן. אייגנטלעך האָט צווישן די לעצטע און די פּעטערבורגער און מאָסקווער ראַדיקאַלן עקזיסטירט שוין פון לאַנג אַ קאָנספּיראַטיווער קאָנטאַקט. אַדאַנק אָט דעם קאָנטאַקט האָט זיך מיצקעוויטש תיכף געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די פּעטערבורגער און מאָסקווער פריינד, די צוקונפטיקע דעקאַבריסטן.

דערווייל איז געלונגען מיצקעוויטשעס רוסישע פריינד צו באַקומען אַ דערלויבעניש, ער זאָל בלייבן אין פּעטערבורג און מאָסקווע, ווו ער פאַרברענגט עטלעכע יאָר.

און מאָדנע: געפאָרן איז מיצקעוויטש פון ווילנע קיין פּעטערבורג ווי אַ געפאַנגענער, ווי אַ פאַרשיקטער, און דאָך האָט ער זיך געפילט אין דער רוסישער הויפּטשטאָט זייער גוט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אויגן פון דעם צארס שפּיקעס האָבן אויף אים געוואַכט. ער האָט זיך דאָ געפילט גוט, ווייל ער איז אַריינגעפאַלן אין דער סביבה פון די קינפטיקע דעקאַבריסטן און פון דער דעמאָקראַטישער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע איז אין יענער צייט געווען אַ סך מער פאָרגעשריטן ווי די פּוילישע. נישט בלויז די רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויך די רוסישע שרייבער בכלל האָבן מקרב געווען דעם פּוילישן דיכטער און אים געשאַפן גוטע באַדינגונגען. מיצקעוויטש איז געוואָרן אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין די היימען און סאַלאָנען פון די רוסישע אינטעלעקטואַלן. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט ער געהאַט בלויז איין שאַרפן אָנגריף מצד אַ רעאַקציאָנערן רוסישן שרייבער בולגאַרין, וועלכער איז אייגנטליך געווען אַ צענזאָר (לויט געוויסע ידיעות זאָל ער האָבן געווען אַ משומד). אָבער די פּעטערבורגער און מאָסקווער ליטעראַרישע סביבה איז געווען אַזוי ווייט באַהערשט דורך דעם גייסט פון די דעקאַבריסטן, אַז מיצקעוויטש האָט געקאָנט בייסיק און וויציק אָפּענטפערן בולגאַרינען. אפילו דער אַלטער מייסטער פון דער רוסישער פּאָעזיע, דער הויף־דיכטער זשוקאָווסקי, האָט פּאַטראָנירט מיצקעוויטשן און אים אַרויסגעהאָלפן אין אַן עת צרה.

די גאַנצע פלעיאַדע רוסישע שרייבער — פּושקין, וויאַזיעמסקי, פּאָליעוואָי, קרילאָוו, קאָזלאָוו, באָראַטינסקי, יאַזיקאָוו, דאַווידאָוו, ראָזאַלין, פּאָגאָדין, וויעניעוויטינאָוו, כאָמיאַקאָוו, גניעדיטש, די קירעיעווסקיס, דער ביבליאָפיל סאָבאָליעווסקי, וועלכע זענען געווען מער אָדער ווייניקער אָנגעשטעקט מיט די ראַדיקאַלע ווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן פון מערב־אייראָפּע, — האָט אויפגענומען זייער וואַרעם מיצקעוויטשן און גערן איבערגעזעצט זיינע ווערק. פּושקין האָט איבערגעזעצט מיצקעוויטשעס פּרעכטיקע באַלאַדע „די דריי בודריסן“ [1] און „טשאַטי“. אין דער צייטשריפט „מאָסקאָווסקי וויעסטניק“ האָט זיך אין יאָר 1828 גענומען דרוקן די איבערזעצונג פון מיצקעוויטשעס „קאָנראַד וואַללענראָד“. וויאַזיעמסקי

---

[1] „Trzech Budrysów“, „Czaty“.

האָט איבערגעזעצט מיצקעוויטשעס א ריי סאָנעטן און זיי פארעפנטלעכט אין מאָסקווער „טיעלעגראף“. עס זענען פאַרבליבן בילדער פון יענער צייט, אויף וועלכע מיר זעען די אלע רוסישע שרייבער אינאיינעם מיט מיצקעוויטשן. מיצקעוויטש איז אָפט געווען אויף די לייענונגען פון נייע ווערק פון זיינע רוסישע פריינד. ער האָט אָנטיילגענומען אין דער דיסקוסיע איבער פושקינס טראַגעדיע „באָריס גאָדונאָוו“. מיצקעוויטש האָט זיך באַזונדערס אנטציקט מיט די שאפונגען פון דעם גרויסן רוסישן משלים־שרייבער קרילאָוו.

מיצקעוויטשן האָט מען גערן אויפגענומען אין די ליטעראַרישע סאַלאָנען פון דער מעצענאטין, פירשטין זינאידא וואָלקאָנסקא (וועלכע האָט איבערגעזעצט „קאָנראד וואַללענראָד“ אויף פראנצויזיש); פון דער מעצענאטין פרוי יעלאגין; פון דער גענעראלין יאקאָוולעווא. ער איז געווען נאָענט באפריינדעט מיט דער יונגער מאָלערין קאראָלינא יעניש, וועלכע איז, אגב, געווען פארליבט אינעם יונגן פוילישן דיכטער „איבער די אויערן“. מיצקעוויטש האָט זיך אין מאָסקווע געפילט אויף אַזוי ווייט גוט, אַז ער האָט גענומען מאכן באמיונגען אַרויסצוגעבן דאָ אַ זשורנאַל „אירים“ אין דער פוילישער שפּראַך, אָבער עס איז פון דעם פּלאַן גאָרנישט געוואָרן. מיצקעוויטש איז אין פעטערבורג און מאָסקווע געווען באַרימט אַלס דיכטער. ניקאָלאַי פּאָליעוואָי, דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון „מאָסקאָווסקי טיעלעגראף“, האָט געדרוקט וועגן מיצקעוויטשן א ריי לויב־אַרטיקלען; אויך וויאַזיעמסקי האָט געשריבן וועגן מיצקעוויטשן.

אַ מערקווירדיקע זאַך: אין דער צייט, ווען די וואַרשעווער פּוילישע קאָנסערוואַטיווע שרייבער פון דער פּסעוודאָקלאַסישער שול האָבן פון מיצקעוויטשן געהוזקט און ניט געוואָלט אים צולאָזן צום פּאַרנאַס, האָבן דווקא די רוסישע שרייבער אָנערקענט דעם גרויסן יונגן טאַלאַנט און אים זייער הויך געשעצט אַלס דיכטער. די סיבה איז געלעגן קודם כל אין דער אידעישער נאָענטקייט, וואָס האָט קעגנזייטיק מקרב געווען די שרייבער פון מאָסקווע און פּעטערבורג און דעם פאַרשיקטן פּוילישן דיכטער־פּאַטריאָט.

אין דעם פּעטערבורגער פּעריאָד איז אויפגעקומען די גרויסע פריינדשאַפט פון מיצקעוויטשן מיט פּושקינען, די פריינדשאַפט, וועלכע האָט — טראָץ געוויסע שטרויכלונגען — אויסגעדויערט ביזן סוף. זיינע האַרציקע געפילן פאַרן פאַרוואָגלטן פּוילישן פּאָעט האָט אַלעקסאַנדער פּושקין פאַראייביקט אין זיין באַרימטן ליד מיטן תפילה־אַקאָרד — „ער האָט צווישן אונדז געלעבט“. פּושקין זאָגט אינעם ליד, אַז מיצקעוויטש האָט אויף די געמיינזאַמע טרעפונגען גערעדט וועגן די קינפטיקע צייטן, ווען די פעלקער וועלן לעבן צוזאַמען אין שלום און האַרמאָניע. אויף די דאָזיקע טרעפונגען פלעגט מיצקעוויטש טאַקע אַרויסטרעטן מיט אימפּראָוויזאַציעס וועגן דער פרייער צוקונפט, ווען עס וועט הערשן גלייכקייט און ברידערלעכקייט צווישן די פעלקער:

מיצקעוויטש — שרייבט פושקין —

,,האָט אָפט גערעדט פון קומענדיקע צייטן,
,,ווען פעלקער וועלן אויפהערן זיך קריגן,
,,און זיך פאראייניקן אין איין משפחה.
,,מיר פלעגן האָרכן דעם פּאָעט פאַרגאַפטע".

(איבערזעצונג פון ל. אָליצקי)

דאָס איז געווען פושקינס אַן ענטפער אויפן פאָרוורף, וועלכן מיצקעוויטש האָט אים געמאַכט אין עטלעכע יאָרן אַרום נאָך זיין פאַרלאָזן רוסלאַנד צוליב דעם, וואָס פושקין האָט נישט תופס געווען ריכטיק דעם נאַציאָנאַל-באַפרייערישן תוך פון דעם פוילישן נאָוועמבער-אויפשטאַנד.

דאָס איז אָבער געווען אַ פאַרבייגייענדיקער פּרט — די פריינדשאַפט האָט, ווי געזאָגט, אויסגעדויערט ביזן סוף. ווען עס זענען אַריבער עטלעכע יאָר, און מיצקעוויטש האָט זיך געפונען אין פּאַריז, האָט זיך פושקין דערוווסט, אַז זיין פריינד ליידט נויט; ער האָט תיכף אויף אַ דיסקרעטן אופן אים איבערגעשיקט אַ באַדייטנדיקע שטיצע. און ווען עס איז אָנגעקומען קיין פּאַריז די ידיעה וועגן דעם אומזיניקן טויט פונעם געניאַלן רוסישן דיכטער, וועלכער איז געפאַלן אין אַ דועל ווי אַ קרבן פון אַ נאַרישער אינטריגע, האָט מיצקעוויטש שטאַרק געטרויערט און אין זיינע לעקציעס איבער די סלאַווישע ליטעראַטורן אין ,,קאָלעזש דע פראַנס" האָט ער געשטעלט דעם מחבר פון ,,יעווגעני אָניעגין" אויף דער העכסטער מדרגה פון פּאָעטישער קונסט.

מיצקעוויטש האָט דעמאָלט אָנגעשריבן די פאָלגנדיקע ווערטער: ,,די קויל, וואָס האָט געטראָפן פושקינען, האָט דערלאַנגט אַ שרעקלעכן קלאַפּ דעם אינטעלעקטועלן רוסלאַנד".

צומשטאַרקסטן האָט זיך מיצקעוויטש אין רוסלאַנד צוגעבונדן צו די צוויי דיכטער-דעקאַבריסטן: בעסטוזשעוו און רילעיעוו. ער האָט אין זיי געזען די סאַמע איידעלסטע פאָרשטייער פון דער פאָרגעשריטענער רוסישער אינטעליגענץ, דעם סימבאָל פון אמתן רוסישן פאָלק. ער טראָגט זייער נאָמען אין זיין האַרץ אין משך פון לאַנגע יאָרן. אין זיין באַרימטן ליד ,,צו די רוסישע פריינד"[2], וואָס איז דורכגעדרונגען מיט האַרציקער ליבשאַפט און נאָגנדיקע בענקשאַפט, רופט מיצקעוויטש אָן די צוויי נעמען. דאָס ליד איז געשריבן מיט יאָרן שפּעטער אין פּאַריז. דער דיכטער האַלדזט און קושט ,,די איידעלע האַלדזן פון רילעיעוון", ער זעט די האַנט פון בעסטוזשעוון אַ צוגעשמידטע צו קייטן (בעסטוזשעוו איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע), ער דריקט זיי אויס זיינע וואַרעמסטע געפילן.

2 „Do przyjaciół Moskali"

בכלל איז דאָס געווען אין פּעטערבורג אַ צייט פון אַ רענעסאַנס און ראַשיקן אויפבלי פון דער רוסישער ליטעראַטור. אין צענטער זענען דאַ געשטאַנען אַזעלכע מייסטער ווי פּושקין, קרילאָוו און די דיכטער־דעקאַבריסטן.

אָבער דאָס אויג פון צאַרישן שפּיאָן האָט געוואַכט. מיצקעוויטש באַקומט ענדלעך דעם פּונקט פון זיין פאַרשיקונג. אַדאַנק די באַמיונגען פון פריינד איז דער פאַרשיקונגס־פּונקט דווקא נישט קיין שרעקלעכער. דאָס איז אָדעס — דעמאָלט דער וויכטיקסטער רוסישער פּאָרט אויפן דרום, אַ לעבעדיקע גרויסע האַנדלס־שטאָט, וואָס איז פול מיט פרייַלעכקייט און זינד, מיט אַריסטאָקראַטן פּוסטעפּאַסניקעס, פרייַלעכע דאַמען, לוסטיקע מיידלעך און — צאַרישע שפּיאָנען.

יאָ, אין אָדעס איז אויך פאַראַן אַן אונטערערד. און מיצקעוויטש באַקומט פון בעסטוזשעוון און רילעיעוון רעקאָמענדיר־בריוו צו אייגענע מענטשן.

דער אָדעסער פּעריאָד געהערט צו די פּערזענלעך באַקוועמסטע אין מיצקעוויטשעס לעבן. עס לעבט זיך אים דאָ גוט און זאָרגלאָז. ער ווערט אפילו די סענסאַציע פון פאַרשידענע סאַלאָנען. ער פאַרדרייט זיך אַ ביסל דעם קאָפּ מיט אַ פּוילישער שיינהייט, די פרוי פון אַ מאַגנאַט, קאַראָלינא סאָבאַנסקאַ. וועגן איר זענען פאַראַן פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס; לויט געוויסע פון זיי איז זי פּשוט געווען אַן אַגענטקע פון דער געהיימער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, און זי האָט געדאַרפט נאָכשפּירן דעם פאַרשיקטן פּוילישן דיכטער. לויט אַנדערע איז זי פּשוט געווען אַ לייכטזיניקע און לוסטיקע פרוי, וועלכע האָט פאַרלאָזט דעם געזעצלעכן מאַן און געוווינט מיט אַ רוסישן גענעראַל — וויטע; איינצייטיק האָט זי געבאַפּט אַ פלירט מיטן יונגן פּוילישן דיכטער. אַ ריי פּוילישע אַלטפּרענקישע פאָרשער האָבן זיך געגראָבן אין דעם דאָזיקן ענין און אויסגעגאָסן ימען טינט. מען האָט זיך געהקרנט, וועמען איז אויסן מיצקעוויטש אין זיינע לייכטע עראָטישע לידער „סאָנעט צו מ.", „צו מיין פריינדין", „צו לאורא", „געזעגענונג מיט צ. צ." — צי איז דער אָביעקט פון דעם דיכטערס לייַדנשאַפטלעכע פערזן געווען פרייַלין זאַלעסקאַ, צי פרייַלין קאָוואַלסקאַ, צי גאָר פרוי סאָבאַנסקאַ, אָדער פרוי באָבראָוואַ, און אפשר גאָר אַ געוויסע יידישע פרוי פון אָדעס? אָבער אין תוך גענומען, האָט די גאַנצע זאַך געטראָגן אַן אויבערפלעכלעכן כאַראַקטער און קיין באַדייטנדיקע שפּורן אין מיצקעוויטשעס שאַפן נישט געלאָזט. עס זאָגט וועגן דעם עדות מיצקעוויטש אַליין אין איינעם פון זיינע א. ג. „עראָטישע סאָנעטן", וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין דעם אָדעסער פּעריאָד. ער הייבט אָן דעם סאָנעט אין אַ לייכטן טאָן; ער זאָגט, אַז צום ערשטן מאָל איז ער, דער שקלאַף, צופרידן מיט זיין קנעכטשאַפט. אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז בכלל נישט קיין ערנסט, קיין טיף געפיל, ווייל: „איך טראַכט וועגן דיר, פון געדאַנק פאַרשווינדט נישט די פרייהייט; איך האָב דיך ליב, און דאָך טוט מיר דאָס האַרץ נישט וויי". ס'איז נישט קיין טיף געפיל, ס'איז נישט די גרויסע ראָמאַנטישע ליבע, וועלכע מיצקע־

וויטש וועט נאָך באַזינגען אין אן אנדער ווערק פון זעלביקן פעריאָד, אין „קאָנראַד וואַללענראָד“.

אין די „עראָטישע סאָנעטן“ האָט מיצקעוויטש געלאָזט א ביסל ווילגיין דעם אנאקרעאָנישן עלעמענט, דעם מאָטיוו פון זינגלעכער ליבע, דעם מאָטיוו פון פיזישן תענוג.

ער טוט, למשל, א שטיף מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „דו שטויסט מיך אָפּ? צי האָב איך שוין דיין הארץ פארלאָרן? אָבער איך האָב אים קיינמאָל נישט פארמאָגט. שוין זשע דערלאָזט נישט די צניעות? אָבער דו צערטלסט דאָך אן אנדערן, און אפשר — ווייל איך וועל נישט געבן קיין גאָלד? אָבער איך האָב עס פריער אויך נישט געגעבן און דאָך דיך פארמאָגט“. אין די לעצטע ווערטער שטרייט דער דיכטער אריבער דעם שטיפערישן עלעמענט, ער טוט א שלאָג אין אַ סאָציאַל־סאַטירישן טאָן.

אָבער נישט די דאָזיקע עראָטישע מאָטיוון זענען כאראקטעריסטיש פאר מיצקעוויטשעס רוסישן פעריאָד. דער דאָזיקער פעריאָד האָט געבראכט דריי וויכטיקע ווערק, וואָס געהערן צו די פערל פון דער פוילישער ליטעראטור. דאָס זענען: „די קרימער סאָנעטן“, „קאָנראַד וואַללענראָד“ און „פארים“.

דאָס לעצטע פון די דריי אויסגערעכנטע ווערק, „פארים“, איז אָנגעשריבן געוואָרן אין פעטערבורג. די אידעע פון דער פאָעמע איז א קלאָרע: דער מענטש, וואָס וואגט, וואָס קאָן אין זיך מאָביליזירן דעם מאַקסימאלן ווילן, וואָס האָט דעם אינערלעכן כוח ארויסצוגיין אין א געפערלעכן פארמעסט, וועט דורכברעכן אלע שוועריקייטן און וועט דערגרייכן דעם ציל. פונקט ווי די „אָדע צו דער יוגנט“, אזוי איז אויך „פארים“ אָנגעשריבן מיט ברויזנדיקן טעמפעראמענט און געוואַלדיקער דינאמיק, וועלכע אנטשפרעכט אין זין פון ריטם דעם גאַלאָפּ פון דעם מדבר־רייטער, דעם פארים. די אידעע פון העראָישן דערגרייכן דעם געגארטן און שטערפולן ציל האָט געקאָנט אויפקומען אַדאַנק דעם דירעקטן באַריר מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. מיצקעוויטש טרעט אויף אין „פארים“ ווי א לעבן־אָפּטימיסט און ווי א קעמפערישע נאטור. דער שלום־אקאָרד פון דער פאָעמע דריקט אוים דעם געפיל פון טריומף נאָכן גובר זיין אלע שוועריקייטן. אין דער פאָעמע איז פאראן א פולשטענדיקע הארמאָניע פון אינהאלט און פאָרם.

אינטערעסאנט פאַרן שעפערישן פראָצעס פון אַדאַם מיצקעוויטש איז דער אופן, וויאזוי עס איז אָנגעשריבן געוואָרן די פאָעמע „פארים“. געווען איז דאָס, ווי געזאָגט, אין פעטערבורג. דער געדאַנק פון דער פאָעמע האָט שוין, ווייזט אוים, לאנג געמאטערט דעם דיכטער. איינמאָל, נאָך אַ מיטאָג ביי פריינט, איז מיצקעוויטש געפאָרן צו זיך אהיים. עס האָט גענומען פאלן א שלאַק־רעגן, און ער האָט געכאפט אן „איזוואָשטשיק“. דערווייל האָט זיך דער רעגן פארוואנדלט אין א שטורעם. אלץ ארום האָט געברויזט. עס האָט געבליצט און געדונערט און עס האָבן

געגאָסן ריזיקע שטראָמען, וואָס האָבן געשמיסן ווי בייטשן אין די פּנימער פון די לויפנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט א שוץ-אָרט. דאָס פערד איז געלאָפן מיט אַ שנעלן גאַלאָפּ, אָרום איז פּלוצים געוואָרן פינצטער. די גרויסע בליצן, די פאַרטויבנדיקע דונערן, די שטימונג פון אומרו, וואָס האָט פאַרכאַפּט די גאַס, די גאַנצע צעבושעטקייט פון שטורעם, דאָס בהלהדיקע לויפן פונעם פערד — דאָס אַלץ האָט זיך אין דמיון פונעם דיכטער אַסאָציאירט מיט זיין אַלטן געדאַנק וועגן דעם דרייסטן רייטער אין מדבר. און ווען ער איז אריינגעלאָפן אהיים, האָט ער זיך גלייך א וואָרף געטאָן צום שרייבטיש. אזוי איז אנטשטאַנען די פּאָעמע „פּאַרים“.

אינגאַנצן אין אַן אַנדער שטימונג זענען איינגעהילט די „קרימער סאָנעטן“. „פּאַרים“ און די „קרימער סאָנעטן“ זענען צוויי באַזונדערע, קאָנטראַסטיקע נוסחאות פון מיצקעוויטשעס דיכטונג. דאָרטן — שטורמישע דינאַמיק, דאָ — שטיל-רעפלעקסיווער טאָן און אפילו שלווהדיקייט. אָבער דווקא אונטער דעם דאָזיקן שטילן טאָן נאָגט אַן אונטערטאָן פון אומרו, פון אינערלעכער פּיין, פון ווייטיקלעכער בענקשאַפט — די אַלע געפילן, וועלכע זענען אין דעם שטורמיש-דינאַמישן „פּאַרים“ נישט בנמצא. דווקא די אויסערלעך-רואיקע „קרימער סאָנעטן“ אנטפּלעקן מער ווי אלע אַנדערע ביז דעמאָלטיקע שאַפונגען מיצקעוויטשעס אינערלעכע דראַמע, זיין אינערלעכן קאָנפליקט. דערווייל איז דאָס א קאָנפליקט פון אַן אָביעקטיוון כאַראַקטער. דער פאַקט, וואָס ער געפינט זיך אין די קרימער בערג, ווייט פון זיין היימלאַנד, איז נישט אָפּהענגיק פון דעם דיכטערס ווילן. דאָס האָט אים א בייזע, ברוטאַלע קראַפט געשליידערט אהער. אָבער דער אינערלעכער ווייטיק לאָזט זיך פילן אונטערן טעקסט, צווישן די שורות פון די „קרימער סאָנעטן“. ווען מען פאַרגלייכט מיטן דינאַמישן „פּאַרים“ אַפילו אזא קרימער סאָנעט ווי „דער שטורעם“, ווו „דער וויכער האָט מיט א טריומף א וואָיע געטאָן“, — זעט מען אויך דעם אונטערשייד צווישן דער שטימונג איןביידע ווערק. דער שטורעם אינעם קרימער סאָנעט איז אַן אָנזאָג פון טויט, בעת „פּאַרים“ פאַרמאָגט א דורכויס לעבן-אָפּטימיסטישן שלום-אַקאָרד. דער טראַגיזם, וואָס שטעקט אין דעם סאָנעט „דער שטורעם“, איז אָבער נישט בלויז דאָס אומפאַרמיידלעכע, וואָס מוז קומען אין רעזולטאַט פון דער שיף-קאַטאַסטראָפע אויפן מיטן ים — דער טויט. דאָך איז איינציייטיק דעם דיכטערס פערזענלעכע טראַגעדיע. דער דיכטער אידענטיפיצירט זיך מיטן איינזאַמען רייזנדיקן פון דער שיף, וועלכער זיצט עלנט אליין אין א זייט און טראַכט: גליקלעך איז דער, וואָס פאַרלירט די כוחות אָדער קאָן בעטן גאָט, אָדער האָט מיט וועמען זיך צו געזעגענען. ער, דער דיכטער, איז איינזאַם, און ער פילט שטאַרק די דאָזיקע איינזאַמקייט ווי א באַזונדערע אייגענע לאַגע — אַפילו אין אָנגעזיכט פון אַלגעמיינעם אומגליק פון דער קאַטאַסטראָפע און פונעם טויט.

די „קרימער סאָנעטן“ זענען בכלל געבויט אַזוי, אַז אין צווייטן טייל פון כמעט יעדן סאָנעט קומט דער ווייטיקלעך=נאָגנדיקער געדאַנק פון מחבר.

אין איינעם פון די שענסטע סאָנעטן, וועלכער אימפּאָנירט מיט דער בולט אַרויסגעברענגטער רואיקייט פון ברייטן אקערמאַנער סטעפּ[3], באַגערט דער דיכטער צו הערן א קול פון זיין היימלאַנד ליטע. אָבער אומזיסט! „לאָמיר פאָרן, קיינער רופט נישט!“

אויך ביים איבערנעמען זיך מיט דער טיפער רואיקייט פון דער שטילקייט אויפן ים[4], קאָן דער דיכטער ביי זיך נישט פועלן זיך צו קוויקן מיט דער מחיהדיקער אבסאָלוטער שטילקייט — עס פּייניקט אים דער געדאַנק, דאָס געדעכעניש, וועלכע רייסן זיך אריין מיט זייערע נעגל אַפילו אין אַ רואיק האַרץ.

אין דעם אונטערטאָן פון די „קרימער סאָנעטן“, אין וועלכע מיצקעוויטש האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון רעפלעקסיווער ליריק, ליגט אן עלעגישע ביטערניש, אַ געפיל פון פאַרדרוס צוליבן פאַרגיין פון אַלטע קולטורן, פון א רייכן רוישיקן לעבן. אָבער כמעט אומעטום געפינט דער דיכטער אַן אַנאַלאָגיע מיט זיך, מיטן אייגענעם גורל, וועלכער קומט ארויס אין אן אָביעקטיוו פאַראַלגעמיינערטער פאָרם פונעם גורל פון רעפּרעסירטע נאציאָנאַל=באַפרייערישע קעמפער. ווען ער שטייט איבערן לעגענדאַרן קבר פון אַ פּוילישער פרוי, וואָס זאָל האָבן אויסגעגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט אין א קרימער האַרעם, זעט ער זיך אַליין אין אַן אַנאַלאָגישער לאַגע. די איינציקע טרייסט איז דער קלאַנג פון מאַמע=לשון, פון אַן אומעטיק ליד אין דער אייגענער שפּראַך.

ער ווערט באַצויבערט מיט דער שיינקייט פון דער קרימער נאַטור, מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם בלייבט ער שטיין ביים אָפּגרונט פון די בערג פון טשופוט=קאַלע און פון איודאַה,[5] מיט פאַרגאַפונג קוקט ער אויפן שפּיץ באַרג טשאַטירדאַה, וואָס פאַרזינקט ערגעץ ווייט צווישן די וואָלקנס, — אָבער דאָך רופט ער אויס: ליטע! עס האָבן מיר ליבער געפרייט דיינע רוישיקע וועלדער, איידער די סאָלאָוויען פון ביידאַר און די מיידן פון סאַלהירע; פרייליכער איז מיר געווען צו גיין איבער דיינע זומפּן, איידער איבער די רובין=שיינע מאָרוועס און גאָלדענע אנאַנאַסן.

אַזויאַרום איז דער מחבר פון די „קרימער סאָנעטן“ געבליבן שטיין א צעווייטיקטער איבער זיין אייגענעם גורל, איבערן גורל פון פּאטריאָטן, בגוואַלד ארויסגעריסענע פון זייער אייגענעם באָדן, פון זייער היימלאַנד. איינצייטיק האָט דער דיכטער דערבליקט דעם סוד פון געשיכטלעכן פּראָצעס, דעם פאַרגיין פון פּאָליטישע און געלט=מאכטן צוליב זייער סאָציאַלן אומיושר. ער זוכט אַ תכלית און

---

[3] „Stepy Akermańskie“.

[4] „Cisza morska“.

[5] אין די ביידע ערטער זענען פאַרצייטנס געווען יידישע ישובים.

תיקון פאַר זיך אַליין, ער זעט זיך ווי אַן איינזאַמען, עלנטן מענטש, וואָס שטייט אין אָנבליק פון אַן אַלגעמיינער קאטאסטראָפע, אָבער ער געפינט נישט פאַר זיך קיין אָרט און קיין ראָל אין אָט דער שווערער לאַגע.

אַ שריט פאָרויס אויפן וועג פון זוכן אַ תיקון פאַר זיך, פאַר דעם פּאַטריאָט און קעמפער, — איז די וווּנדערלעכע פּאָעמע „קאָנראַד וואַללענראָד" (1828), וועלכע איז אויך אַ קינסטלערישער פּראָדוקט פון דעם רוסישן פּעריאָד אין מיצקע־וויטשעס לעבן.

„קאָנראַד וואַללענראָד" איז אַנטשטאַנען אונטערן איינפלוס פון מיצקעווי־טשעס ענגן קאָנטאַקט מיט די דעקאַבריסטן. צווישן די „קרימער סאָנעטן" און „קאָנראַד וואַללענראָד" געפינט זיך אַזאַ וויכטיקע געשעעניש, ווי דער אַרויסטריט פון די דעקאַבריסטן דעם 14־טן דעצעמבער 1825, וואָס האָט געהאַט פאַר די ערשטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן אַ טראַגישן פינאַל. די דעקאַבריסטן זענען געווען אַדעליקע רעוואָלוציאָנערן, זיי האָבן אין זייער פּראָגראַם נישט גענומען אין אַכט דעם פּויערישן מאָמענט און נישט אַרויסגערוקט די פראַגע פון קאָנפיסקירן די ערד ביי די פּריצים, די פראַגע פון צעטיילן די ערד צווישן די פּויערים. די דע־קאַבריסטן האָבן אַרויסגערוקט דעם אידעאַל פון אַ רעפּובליק, אָדער פון אַ קאָנסטי־טוציאָנעלער מאָנאַרכיע. דאָס זענען געווען ראָמאַנטיקער, וועלכע האָבן אָנערקענט דעם קאַמף־מעטאָד פון אַ פאַרשווערונג, פון אינדיווידועלן טעראָר, און נישט פון מאַסן־געראַנגל, פון אויפשטאַנד. אָבער זיי זענען געווען הייסע פּאַטריאָטן, זיי האָבן ליב געהאַט, אויף זייער אופן, דאָס פאָלק. זיי האָבן אויפגעבראַזט קעגן דער צאַרישער דעספּאָטיע, קעגן דעררהיקן די פערזענלעכקייט, קעגן דער טעמפּער און ברוטאַלער ביוראָקראַטיע.

די מטושטשדיקייט פון דער דעקאַבריסטישער אידעאָלאָגיע קומט צום אויס־דרוק אויך אין באַצוג צום יידישן פּראָבלעם. ווי זין פון אדל האָבן זיי נישט געהאַט קיין ריכטיקן בליק אויף אָט דער פראַגע. געווען צווישן די דעקאַבריסטן אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּגעפּטרט דעם גאַנצן פּראָבלעם מיט אַלטע אויסגעדראָשענע פּראַזן וועגן די יידן אַלס געציג פון אונטערדריקן דאָס פּויערטום. זיי האָבן נישט דערזען קיין קלאַסן־דיפערענציאַציע ביי די יידן גופא. זיי האָבן געזען בלויז דעם גרויסן יידישן ארענדאַר, דעם אויספירער פון דער פּריצישער עקספּלאָאַטאַציע לגבי דעם פּויערטום, אָבער נישט באַמערקט די גרויסע מאַסע יידישע אָרעמקייט, די מאַסע פון באַלמעלאָכעס, קליינע הענדלער און אָרעמע ישובניקעס, וועלכע זענען אַליין געווען א קרבן פון אונטערדריקונג מצד די קריסטלעכע פּריצים און די יידישע גבירים.

דאַקעגן די אידעאָלאָגן און פירער פון די דעקאַבריסטן, אַזעלכע ווי פּעסטעל און מוראַוויאָוו־אַפּאָסטאָל, האָבן אַנדערש געקוקט אויף דער קאָמפּליצירטער יידן־פראַגע. אמת, אויך זיי האָבן נישט געהאַט קיין קלאָרן פּראָגראַם און נישט געקענט

די יידישע מאַסע, אָבער זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך גוטן ווילן ביים זוכן אַ פּראָגראַם פון לעזן דעם יידישן פּראָבלעם אין רוסלאַנד. אין קעגנזאַץ צו ניקאָלייס אבזוריותדיקער פּאָליטיק פון פאַרטרייבן די יידן פון די דערפער, פון כאַפּן יידישע קינדער און פאַרמשפּטן זיי אויף לאַנגע יאָרן מיליטער־דינסט (די קאַנטאָניסטן), פון תחום המושב, און אין קעגנזאַץ צו יענע דעקאַבריסטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן לגבי די יידן אַ פּריצישע איינשטעלונג, — האָבן פּעסטעל און מוראַוויאָוו־אַפּאָסטאָל זיך באַצויגן מיט אַכטונג און סימפּאַטיע צו די יידן און געזען אַ מעגלעכקייט צו געבן זיי בירגער־רעכט און וווין־רעכט אומעטום, אין אַלע ערטער פון רוסלאַנד. אַוודאי פאַרמאָגט אויך זייער פּראָגראַם אַן אוטאָפּישן עלעמענט, אָבער אין גרונט גענומען האָבן זיי זיך באַצויגן צום יידן־פּראָבלעם מיט גרויס זאָרג און אחריות און געזוכט וועגן צו אַ גערעכטיקער לעזונג אין דער ריכטונג פון אַ גרעסערער אָדער קלענערער גלייכבאַרעכטיקונג.

מען קאָן אָן שום ספק אָננעמען, אַז צווישן אַנדערע אידעען האָט אויך די שטעלונג פון די בעסטע דעקאַבריסטישע עלעמענטן צום יידישן פּראָבלעם דערנענטערט צו זיי מיצקעוויטשן, וועלכער האָט זיך שוין פון לאַנג, פון זיין קאָוונער און ווילנער פּעריאָד, אינטערעסירט מיט אָט דער פראַגע און איז געווען אַ סך מער פון אַנדערע פילאָמאַטן באַפרייט פון פאָראורטיילן לגבי יידן.

לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז אין פאַרשידענע ריִנגען פון דער דעקאַבריסטן־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך באַטייליקט יידן, דער עיקר אַ גאַנצע ריי דאָרפישע יידן, צווישן זיי אויך אָרעמע שענקער, וועלכע האָבן געדינט ווי פאַרבינדלער, פאַרטרויונגסמענער וכדומה.

דער טראַגישער פינאַל פון דער דעקאַבריסטן־פאַרשווערונג האָט אויפגעטרייסלט מיצקעוויטשן ביזן ביין. דאָס זענען נישט בלויז געווען זיינע נאָענטע און האַרציקע פריינט. דאָס זענען קודם כל געווען זיינע סאַמע נאָענטסטע — אין אידעישן זין — רוסישע מענטשן. דאָס איז אין יענער צייט געווען דער איינציקער אַקטיוו־רעוואָלוציאָנערער כוח אין רוסלאַנד.

דאָס אַלץ האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי מיצקעוויטשן דעם איינפלוס פון דעם אויפטו פון די דעקאַבריסטן. דער דאָזיקער איינפלוס האָט שטאַרק באַווירקט דעם דיכטער ביים שרייבן די פּאָעמע „קאָנראַד וואַללענראָד“. עס איז אויך נישט ווייט פון אמת די מיינונג, אַז אין דער קאָנצעפּציע פון מיצקעוויטשעס קאָנראַד־וואַללענראָד־פיגור האָט געשטעקט די דערמאָנונג פון דעם ביבלישן העראָס שמשון הגיבור און פון זיין באַקאַנטן אויסדרוק: „זאָל איך אומקומען צוזאַמען מיט די פלישתים“, אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט — שוין אַ בלינדער — אומגעוואָרפן די זיילן פון פּלישתישן טעמפּל און באַגראָבן אונטער זיינע הורבות זיינע שונאים, אומקומענדיק צוזאַמען מיט זיי. דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן געדאַנק האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט, אין אַ פאָרטראַג און אין אַן אַרטיקל וועגן מיצקעוויטשן, פּראָפע־

סאַר מאַדרוש באַי=זשעלענסקי, וועלכן עס האָבן אומגעבראַכט אין לוזאַו די היטלעריסטישע פֿעלקערמערדער.

פּונקט ווי „גראַזשינאַ“, אַזוי איז אויך „קאָנראַד וואַללענראָד“ אַ היסטאָרישע פּאָעמע. פּונקט ווי „גראַזשינאַ“, אַזוי פֿאַרנעמט זיך אויך „קאָנראַד וואַללענראָד“ מיט דער געשיכטע פֿון ליטע אין 14=טן יאָרהונדערט, ווען די פֿרייהייט פֿון דעם דאָזיקן קליינעם לאַנד איז געשטאַנען אין קאָן צוליב די כסדרדיקע אָנפֿאַלן מצד דעם שטאַרקן דייטשישן קרייץ=ריטער=אָרדן, וועלכער האָט געשטרעבט מיט זיין בלוטיקער עקספּאַנסיע צו פֿאַרכאַפּן אַלע לענדער ביים ברעג פֿון באַלטישן ים און צו פֿאַרוואַנדלען זיי אין קאָלאָניעס פֿון די דייטשישע פֿעאָדאַלן. ווי אַן אויסרייד האָט ביי די קרייץ=ריטער געדינט דער מאָמענט, וואָס די ליטווינער זענען געווען געצנדינער און האָבן געהאַט אַן אייגנאַרטיקע קולטור, באַזירט אויף די נאַטור=כוחות. די דייטשישע קרייץ=ריטער זענען כלומרשט געגאַנגען פֿאַרשפּרייטן דעם קריסטלעכן גלויבן און אויסקעמפֿן אַ זיג פֿאַרן קרייץ. זיי האָבן געשטרעבט אויסצוראָטן יעדן שפּור פֿון דער אַלטער ליטווישער קולטור.

די ליטווינער האָבן זיך העלדיש פֿאַרטיידיקט קעגן דער קרייץ=ריטערישער אַגרעסיע. אָבער אַרום דער דאָזיקער היסטאָרישער קאַנווע האָט מיצקעוויטש אויף אַ דיסקרעטן אופֿן אַרויסגעפֿירט אַן אַקטועלן ענין. דער הויפּט=פּראָבלעם פֿון דער פּאָעמע איז נישט סתם דאָס היסטאָרישע, נאָר די פֿראַגע פֿון פּאַטריאָטישן געפֿיל, פֿון גרענעצלאָזער קרבנות=גרייטקייט לטובת דעם אייגענעם פֿאָטערלאַנד. דער טיף=אויפֿמערקזאַמער לייענער האָט געפֿילט, אַז דאָ גייט וועגן מאָביליזירן זיך אינערלעך צום קאַמף קעגן צאַריזם. אויסבויענדיק צוזאַמען מיטן היסטאָרישן שטאָף אויך דעם טראַגישן און טיף=ראָמאַנטישן ליבע=מאָטיוו (קאָנראַד—אַלדאָנאַ), האָט דער דיכטער אויף אַ פּאַטריאָטישן אופֿן געלעזט די פֿראַגע: דאָס פּערזענלעכע מוז אָפּטרעטן אין אַ זייט אין אָנגעזיכט פֿון דער אַלגעמיין=נאַציאָנאַלער גויטווענדיקייט. דער העלד פֿון דער דראַמע, וועלכער איז אַלס קליין קינד צוגערויבט געוואָרן פֿון די ליטווישע עלטערן דורך די קרייץ=ריטער און איז געוואָרן דערצויגן ביי די לעצטע ווי אַן „אייגענער מענטש“, גיט אַוועק אַלץ — די אייגענע קאַריערע, דאָס פּערזענלעכע גליק, די ליבע פֿון דער היים באַגערטער פֿרוי, אפֿילו דעם אייגענעם כבוד — פֿאַרן גרויסן און הייליקן ציל: צעברעכן די קראַפֿט פֿון די פֿאַרהאַסטע אַריינדרינגער און אויסקעמפֿן די פֿרייהייט פֿון ליטווישן היימלאַנד. פּונקט ווי דער ביבלישער העלד שמשון ברענגט זיך אַליין אום, אָבער צוזאַמען מיט זיך פֿאַרטיליקט ער אונטער די חורבות פֿון פּלישתישן טעמפּל טויזנטער זיינע שונאים, די שונאים פֿון זיין פֿאָלק, אַזוי ברענגט וואַללענראָד אַ מפּלה אויף די דם=שונאים פֿון זיין פֿאָלק — מיטן פֿולן באַוווסטזיין, אַז ער אַליין קומט אויך אום. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס די פּאָעמע האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויף די פּוילישע פּאַטריאָטישע עלעמענטן פֿון יענעם דור. עדי ראיה

גיבן איבער, אַז „קאָנראַד וואַללענראָד“ האָט באַגייסטערט די פוילישע אויפשטענדלער, וועלכע האָבן גענומען אין נאָוועמבער 1830 שטורמען דעם בעלוועדער, וו עס איז געזעסן דער פאַרהאַסטער פאָרשטייער פונעם צאַר, דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין. די פוילישע אָפיצערן, וועלכע האָבן געהערט צו קאָנסטאַנטינס גוואַרדיע און זענען מחויב געווען אָפצוגעבן א שבועה פאַרן רוסישן צאַר, וואָס האָט זיך איינציייטיק געהאלטן פאַרן קעניג פון פוילן, האָבן זיך אַליין געזען אין אַן ענלעכער לאַגע ווי מיצקעוויטשעס וואַללענראָד, — אויך ער האָט פאָרמעל געהערט צום לאַגער פון שונא, אָבער זיין האַרץ איז געווען און איז געבליבן מיט זיין אייגן אונטעריאָכט פאָלק.

מיצקעוויטשעס מיטצייטלער גיבן איבער וועגן דעם מעכטיקן איינדרוק, וואָס עס האָט צווישן דער פאַטריאָטישער פוילישער יוגנט געמאַכט דער פילדייטנדיקער זאַץ פון „קאָנראַד וואַללענראָד“: „ער האָט אין דער היים נישט געפונען קיין גליק, וויל עס איז קיין גליק נישט געווען אינעם פאָטערלאַנד“.

אַזוי־אַרום ווערט אויך קלאָר, פאַרוואָס די צאַרישע צענזור אין פעטערבורג, וו עס איז ארויס צום ערשטן מאָל אין פויליש די פאָעמע „קאָנראַד וואַללענראָד“, האָט געמאַכט גרויסע שוועריקייטן.

קאָנראַד וואַללענראָד — זאָגט מיצקעוויטש אין דער פאָעמע — האָט אַליין געקאָנט מקריב זיין פאר דער זאך פון פאָלק.

איינצייטיק דערזעט מיצקעוויטש דעם פאַראַט פון די גרויסע האַרן, וועלכע „קומען אָפגעבן אונדז (די קרייץ־ריטער) די אייגענע לענדער און זוכן נקמה קעגן זייער פארפייניקט פאָלק“. שוין־זשע קלינגט נישט אין אָט די ווערטער אַן אַקטועלע אַלוזיע אויפן אַדרעס פון די פוילישע מאַגנאַטן, וועלכע האָבן פאַראַטן זייער לאַנד און אים פאַרקויפט דער צאַריצע יעקאַטערינע דער צווייטער?

אמת, קאָנראַד וואַללענראָד איז נישט קיין פאָרשטייער פון מאַסן־קאַמף. פונקט ווי די דעקאַבריסטן איז ער אַ יחידישער, איינזאַמער, ראָמאַנטישער קעמפער, און ער פילט אַליין גאַנץ שטאַרק און גאַנץ פיינלעך זיין איינזאַמען גאַנג. מיצקעוויטש ווייזט שוין אָבער אַרויס אין דער דאָזיקער פאָעמע אַ פאַרשטענדעניש פאַר אַ קריטישער באַציונג צו בלויזער יחידישער העראָיק, מעג זי אין איר כוונה זיין פולשטענדיק פאַטריאָטיש. כדי אַרויסצוברענגען די שטים פון פאָלק, האָט מיצקעוויטש אַריינגעפירט אין דער פאָעמע די געשטאַלט פון אַלטן ליטווישן פאָלקס־זינגער, פון דעם ווײַדעלאָטע האַלבאַן, וועלכער איז דאָס געוויסן פון פאָלק און איינצייטיק דאָס געוויסן פון דעם העלד קאָנראַד. האַלבאַן איז דער אינספיראַטאָר פון קאָנראַדס העלדישע מעשים, דורך אים רעדט דאָס פאָלק.

אָבער האַלבאַן איז פיל מער. דאָס איז די סימבאָלישע געשטאַלט פון דער פאָלקס־דיכטונג. מיט יאָרן שפעטער וועט מיצקעוויטש די דאָזיקע ראָל איבער־

געבן אַ פּשוטן ייִד, דעם שענקער און קלעזמער יאַנקעל (אין „פּאַן טאַדעאוש“). אין „קאָנראַד וואַלענראָד“ איז דער סימבאָל אי פון דער אייביקייט און סוגעסטיווי־קייט פון דער אמתער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, אי פון דער קראַפט פון פאָלקס־שאַפונג — דער אַלטער זינגער האַלבאַן. דורך זיין מויל זאָגט אַרויס דער דיכ־טער ווערטער, וועלכע וועלן נאָך אָפּהילכן אין לעבן אין משך פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן: „נייַן, איך וועל איבערלעבן... אויך דיר, מיין זון! איך וויל נאָך פאַרבלייבן, צוזאַמען דיינע וויעס, און לעבן, כדי דעם רום פון דיין טאַט צו באַזינגען פאַר דער וועלט, פאַרשפּרייטן אויף דורות... פון דעם דאָזיקן געזאַנג וועט אויפקומען אַ נקמה־נעמער פון אונדזערע ביינער...“

און ווייטער:

„דער פלאַם וועט צעפּרעסן די געשילדערטע געשיכטעס, גנבים וועלן אויס־ליידיקן די אוצרות פון שווערד; נאָר דאָס ליד וועט בלייבן גאַנץ“...

מיט אַזעלכע ווערטער האָט מיצקעוויטש אַקצענטירט די דויער־קראַפט פון אמתער דיכטונג און די ראָל, וואָס די נאַציאָנאַלע פאָלקס־פּאָעזיע דאַרף שפּילן אין דער געשיכטע. פון איין זייט איז האַלבאַן (די פאָלקס־דיכטונג) דער אינספּי־ראַטאָר פון העלדישע פאָלקס־פרייע מעשים, פון דער צווייטער — איז זי (די פאָלקס־דיכטונג) די באַזינגערין פון די דאָזיקע מעשים. און אַדאַנק דעם איז זי מסוגל אויסצודויערן אין משך פון לאַנגע דורות, איבערלעבן געשעענישן און מענטשן, כדי צו קענען ווייטער באַווירקן דאָס לעבן.

ווי מיר זעען, האָט מיצקעוויטש לגבי דער מיסיע פון פּאָעטישן וואָרט אַ דורכויס געזעלשאַפטלעכע באַציונג. ער שפּילט זיך נישט מיטן קינסט־לערישן וואָרט, ער איז הימל־וויַיט פון די קונסט־לשם־קונסטניקעס, ער זעט אין דער פּאָעזיע אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות, אַ געווער אין קאַמף פאַר אַ גערעכטי־קער זאַך.

חוץ די אויבן דערמאָנטע מאָטיוון — דער ראָמאַנטישער ליבע צווישן קאָנ־ראַד און אַלדאָנאַ, דעם גרענעצלאָזן פּאַטריאָטישן חוב, דער ראָל פון דער פאָלקס־פּאָעזיע — איז פאַראַן אין דער פּאָעמע נאָך איין וויכטיקע אידעע. דאָס איז די אידעע פון שלום. מיצקעוויטש־וויַיטיקט שטאַרק איבער דעם, וואָס דער בלויאויגיקער ניעמאַן, דער טייך, וואָס האָט געשמט מיט זיין גאַסטפרייַנדלעכ־קייט און שלווהדיקייט, איז איצט געוואָרן אַ גרענעץ צווישן שלום און מלחמה. עס פאַרשאַפט אים גרויס צער דער טרויעריקער פאַקט, וואָס די מענטשן, וועלכע האָבן געקאָנט לעבן אין שלום און רו, ווערן איצט צעטיילט אויף טויט־שונאים און וועלן מוזן הרגענען איינער דעם צווייטן. נאָר לאָמיר לאָזן רעדן דער פּאָעמע פאַר זיך אַליין — אין דער ייִדישער איבערזעצונג פון דעם דיכטער י. קיסין.

„אי די, אי יענע האָבן וועכטער דאָ אַוועקגעשטעלט.
אַזוי איז ניעמאַן, מיט גאַסטפֿריינדלעכקייט באַרימט אַמאָל,
אַ ברידערלעכער וועג צווישן טאָל און טאָל,
געוואָרן איצט פֿאַר זיי צו אייביקייט אַ שוועל.
און ס׳גיט זיין פֿרייהייט, ס׳לעבן זיינס אַוועק,
ווער דרייסט דערוועגט זיך גרייכן צווייטן ברעג.
אַ צווייגל נאָך פֿון ליטוויש, פֿון פּראָסטן האָפּן,
געמאַניעט פֿונם חן פֿון פּרייסיש־שלאַנקער טאָפּאָל,
ציט זיך איבער ווערבעס און טשערעט און קרייטער,
שטרעקט אויס פֿאַרבענקטע אָרעמס, ווייטער אַלץ און ווייטער
און שפּרינגט אַריבער ביז צום ברעג צום צווייטן,
און צערטלט די געליבטע, פֿאַרשיט זי גאַנץ מיט קווייטן.
און נאַכטיגאַלן נאָר אין שטילע קאָוונער וועלדלעך,
און ברידער זייערע אין זאַפּושטשאַנסקער באַרג —
מיט קלאַנגען ליטווישע רופֿן זיי זיך איבער,
אָדער פֿאַרבענקטע, ווען דער טאָג פֿאַרבלאַסט
אויף אינזלען איינזאַמע טרעפֿן זיך צו גאַסט.
און מענטשן? מענטשן האָט צעשיידט מלחמה־פּלאַקער!
גוטפֿריינדשאַפֿט אַלטע צווישן ליטע און פּרוסאַקן
איז לאַנג פֿאַרגעסן... אַמאָל נאָר ליבע זיך צעברענט
און פֿירט צונויף אויך מענטשן. — כ׳האָב מענטשן צוויי געקענט.
אָ, ניעמאַן! באַלד וועלן ווילד־צעבריוזטע מחנות
מיט טויט און שרפֿות דיינע ברעגעס שענדן,
אַ האַק אַ בייזע וועט דיין וואַלד פֿאַרלענדן,
צעגרינגטעביימער וועלן שטומע פֿאַלן,
האַרמאַט־געבראַזג פֿאַריאָגן וועט די נאַכטיגאַלן.
און קייטן גאָלדענע, פֿון דור צו דור געקניפּטע,
וועט פֿעלקער־האַס צערייסן און פֿאַרלענדן,
צערייסן אַלץ — נאָר הערצער פֿון פֿאַרליבטע
טרעפֿן וועלן זיך אין ליד און אין לעגענדע“.

דער מחבר פֿון „קאָנראַד וואַללענראָד“ איז נישט קיין באַזינגער פֿון מלחמה לשם מלחמה. אים גייט נישט אין ווייזן, אַז די ליטווינער זענען סתם קריגעריש און העלדיש. די מלחמה אין שוץ פֿון פֿאָטערלאַנד איז אַ נויטווענדיקייט. אָבער דער דיכטער באַדויערט טיף דעם פֿאַקט פֿון בלוטפֿאַרגיסונג, פֿון פֿאַרוואַנדלען מענטשן אין שונאים, פֿון שענדן די מילדע נאַטור. ווי אַ ראָמאַנטיקער זעט ער, ווי פֿון דעם ים פֿעלקער־האַס רייסט זיך אַרויס אַ דערהויבן מענטשלעך געפֿיל —

די ליבע פון צווײ, פון קאָנראַד און אַלדאָנאַ, װעלכע איז שטאַרקער פון האַס, פעסטער פון אײנזאַמקײט, און דױערט אױס ביזן סוף.

אָט אַזױ איז מיצקעװיטש אַרױס פֿונעם רוסישן פּעריאָד אין זײן לעבן נישט בלױז װי אַן אױסקריסטאַליזירטער, פולשטענדיק רײפער דיכטער מיט אַ גרױסן קינסטלערישן פאַרמעגן, נאָר אױך אַ באַרײכערטער מיט אַ גאַנצער װעלט פון אידעען, אַ דעצידירטער פּאַטריאָטישער קעמפער און אַן אַנטשלאָסענער אָנהענגער פון דער גרױסער אידעע פון פעלקער־פרײנדשאַפט און שלום. „אין רוסלאַנד, — זאָגט טאַדעוש באָי־זשעלענסקי, — האָט מיצקעװיטש געװוּנען דעם זעלבסט־געפיל פון אײגענעם כוח, דעם זעלבסטבאַװוסטזײן פון אײגענעם זשעני".

פון דעם רוסישן פּעריאָד זענען פאַרבליבן עטלעכע באַשרײבונגען פון מיצקעװיטשן אַלס מענטש. אײנער פון דעם דיכטערס פרײנד פון יענער צײט, מיקאָלאַי קאַלינאָװסקי, שילדערט אױף פּאָלגנדיקן אופן מיצקעװיטשן (אין אַ בריװ צו יאָאַכים לעלעװעל):

„מיצקעװיטש האָט זיך אױסערלעך געענדערט, ער האָט זיך פאַרלאָזט באַקנבערד, און דאָס מאַכט אים ערנסטער. די הױט פונעם פּנים איז געװאָרן געזינטער, ער איז געװאָרן מענערישער, ער האָט זיך געענדערט, אָבער צום בעסערן. אין דער געזעלשאַפט איז ער שױן נישט אַזױ װי אַמאָל עקסצענטריש, נאָר פאַרקערט — ער פילט זיך מער פרײ און מער סימפּאַטיש".

דער רוסישער שרײבער פּאָלעװאָי האָט אונדז איבערגעלאָזט דאָס פאָלגנדיקע בילד פון מיצקעװיטשן:

„זײן פיגור איז פול מיט חן, ער איז אױסערגעװײנלעך שײן. פּרעכטיקע לאָקן פון שװאַרצע האָר באַרעקן דעם װוּנדערבאַר מאָדעלירטן קאָפּ און באַשאָטענען לײכט דעם אָפּענעם און שטענדיק פאַרטראַכטן שטערן, פון אונטער װעלכן עס פינקלען מיט אַ בריליאַנטן ליכט זײנע שװאַרצע, בולטע אױגן. אַ שײן־געפאָרמטע, לענגלעכע נאָז; עס אָטעמט פון אים (פון מיצקעװיטשן) מיט אױסערגעװײנלעכן כוח, מיט דורכדרינגלעכקײט. בײ דעם אַלעמען איז ער זײער פּשוט סײ אין דער האַלטונג, סײ אין יעדער באַװעגונג. אױפן געזיכט, װאָס איז ײנגלעריש פאַררױטלט, באַװײזט זיך אַ שמײכל פון אױסערגעװײנטלעכער זיסקײט און פון אידעאַלער גוטסקײט. אַזאַ איז געװען מיצקעװיטש אין דער צײט פון נאָרמאַלן צושטאַנד פון זײן שטימונג. אָבער װען עס פלעגט טרעפן, אַז די דיסקוסיע האָט אים שטאַרק אָנגערעגט, בפרט װען עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן אַ געװיסן אמת אָדער דערהױבענער אידעע, דעמאָלט האָט זײן פּנים אָנגענומען אינגאַנצן אַן אַנדער אױסדרוק: ער האָט זיך פאַרװאַנדלט אין אַן אמתן כישוף־מאַכער, ער האָט מיטגעריסן זײנע צוהערער מיטן צױבער פון פּרעכטיקע, װוּנדערבאַר שײנע אימפּראָװיזאַציעס".

אין זײן רוסישן פּעריאָד האָט מיצקעװיטש פאַרפולקאָמט זײנע קענטעניש

אין דער וועלט־ליטעראַטור, אין פאַרשיידענע שפּראַכן און וויסנשאַפטן. דעם דיכ־טערס פריינד אָדיניעץ האָט געשריבן אין יאָר 1829:

„דאַכט זיך, אַז עס איז נישט געווען אין קיין שום ליטעראַטור קיין מייסטער־ווערק, וועלכן מיצקעוויטש זאָל נישט קענען אין אָריגינאַל. אויב עמעצער האָט אין אַ שמועס דערמאָנט אַ געוויסן דיכטער, אָדער באַרימטן שרייבער, האָט מיצ־קעוויטש תיכף געוויזן, אַז ער קאָן אים אויסגעצייכנט, ציטירנדיק פון אים סטראָפן און אַפילו גאַנצע זייטן".

לאָמיר צוגעבן, אַז מיצקעוויטש האָט באַהערשט די פאָלגנדיקע שפּראַכן: פּויליש, ווייסרוסיש, רוסיש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, דייטש, ענגליש, לאַטיין און גריכיש; ער האָט אויך געהאַט געוויסע ידיעות אין העברעאיש. מיצקעוויטש איז געווען געניט אין די וויסנשאַפטן פון געשיכטע און פילאָזאָפיע, געקענט מאַ־טעמאַטיק, כעמיע און פיזיק. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין פּאָליטישע פראַגן.

די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, האָבן באַגינסטיקט דאָס פאַרטיפן זיינע ליטעראַרישע, שפּראַכלעכע און וויסנשאַפטלעכע ידיעות. דער דיכטער מוז אָבער פאַרלאָזן רוסלאַנד, און דאָס וואָס שנעלער. ער איז געווען פאַרמישט אין דער טעטיקייט פון די דעקאַבריסטן, און די דאַמאָקלעס־שווערד פון דער צאַרישער „יוסטיץ" שוועבט איבער זיין קאָפּ. די פּעטערבורגער פריינד עצהנען אים אַנטלויפן. זיין אַוועקפאָר ווערט דורך זיי אָרגאַניזירט אויף אַ געלונ־גענעם אופן. דעם 15־טן מאַי 1829 פאַרלאָזט מיצקעוויטש די „טורמע פון פעל־קער", וווּ ער האָט איבערגעלאָזט אַזויפיל פריינד און וווּ ער האָט געשאַפן דריי ווערק, וועלכע זענען אריין אויף אייביק אינעם גאָלדענעם פאָנד פון דער וועלט־ליטעראַטור און איינצייטיק אָוועקגעשטעלט זיין דיכטערישע רעפּוטאַציע אויף פעסטע יסודות.

ער פאַרלאָזט רוסלאַנד און לאָזט זיך אויף מערב, וווּ עס הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין זיין לעבן און שאַפן.

קאַפּיטל פיר

עמיגראַציע. פּאַריז. „פּאַן טאַדעוש”.

אין משך פון די לעצטע יאָרן, ווען מיצקעוויטש האָט זיך געפונען אין רוסלאַנד, האָבן די פּאַטריאָטישע קאָנספּיראַטיווע קרייזן אין ווארשע זיך געגרייט צו אן אויפשטאַנד קעגן פרעמדן, צאַרישן יאָך. דער לאַגער פון די אויפשטענדלער איז געווען ווייט נישט קיין איינהייטלעכער. דער רעכטער, מאַגנאַטיש-שליאַכטישער פליגל, האָט נישט געוואָלט הערן וועגן א פּראָגראַם פון אַגראַר-רעפאָרמעס, און אַזוי־ארום — געפירט דורך דעם פּריצישן קלאַסן-אינטערעס — אָפּגעשטויסן פון דער נאַציאָנאַל-באַפרייערישער באַוועגונג די גרונט-מאַסע פון פאָלק, דאָס פויערטום. דער מאַגנאַטיש-שליאַכטישער עלעמענט האָט פאַרראַטן דעם אויפשטאַנד. די דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אונטער דער אָנפירונג פון יאָאַכים לעלעוועל, זענען געווען צו ווייניק קאָנסעקווענט און וואַקלדיק. די רעצידירטע, רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישע כוחות, מיט יאַן טשינסקי אא. אין שפּיץ, זענען נאָך געווען צו שוואַך, צו ווייניק אין דער צאָל.

די אינערלעכע קאָנפליקטן אינעם אויפשטאַנד-לאַגער האָבן צווישן אַנדערע געהאַט א שייכות אויך צום יידישן פּראָבלעם.

די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן האָט שוין בלויז אין נומערישן זין פאַרגעשטעלט מיט זיך אזא וויכטיקן כוח, אז דער אויפשטאַנד-לאַגער האָט זיך געמוזט מיט איר רעכענען. אַנגעזעענע צאָלן פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען געווען אין ווירטשאַפטלעכן זין א גויטוועגדיקער פאַקטאָר, וואָס איז געווען אָרגאַניש צונויפגעוואָקסן מיט דער לאַנד-עקאָנאָמיק און געשאַפן אַ באַשטאַנדטייל פון די אָנוואַקסנדיקע עלעמענטן פון קאַפּיטאַליזם. אָבער די פאַרגליווערטע פעאָדאַלע יורידישע באַגרענעצונגען האָבן געהאַמעוועט די פולע אנטוויקלונג פון די דאָזיקע יידישע כוחות אין דער ריכטונג פון געמיינזאַמען קאַפּיטאַליסטישן שטראָם. ממילא איז דאָס געווען א וואָגיקער שטער פאַר דער אנטוויקלונג פון פּוילישן קאַפּיטאַליזם בכלל און פאַר דעם פולן דערפאָלג פון דער אויפשטאַנד-באַוועגונג. די פראַגע

פון גלייכבאַרעכטיקן די יידן איז געווען דעריבער א פאַרשטענדלעכער באַשטאַנדטייל פון דעם פּראָגראַם פון די דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַל=באַפרייערישע כוחות. און וואָס די דאָזיקע כוחות זענען געווען פּראָגרעסיווער, וואָס קאָנסעקווענטער זיי האָבן זיך דערנענטערט צום רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַטיזם, אַלץ שטאַרקער איז אַרויסגעטראָטן ביי זיי דער פּאָסטולאַט פון פולשטענדיקער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און פון ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמען געצוונגט צו מאַכן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די יידישע מאַסן, אין דער ריכטונג פון איינגלידערן זיי אַלץ מער אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד.

דער אויפשטאַנד=לאַגער איז געווען צעטיילט אין צוויי ראַדיקאַל=אַנטקעגנגעשטעלטע מחנות: פון איין זייט — די עגאָיסטיש=באַגרענעצטע שליאַכטישע עלעמענטן בראש מיט אַזעלכע מאַגנאַטן, ווי אַדאַם טשאַרטאָריסקי, אַ מענטש, וואָס האָט געשיקלט איינצייטיק צום צאַרישן פּעטערבורג; פון דער צווייטער — דער דעמאָקראַטיש=פּאַטריאָטישער לאַגער, וועלכער איז אָבער אויך נישט געווען קיין איינהייטלעכער, וואָרעם ער האָט זיך געטיילט אויף וואַקלדיקע און נישט קאָנסעקווענטע רעפאָרמיסטן און אויף דעצידירטע קעמפער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע אַלץ מער אויף לינקס, אין דער ריכטונג צום רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַטיזם.

דער שליאַכטישער לאַגער האָט אָפּגעוואָרפן סיי דעם פּאָסטולאַט פון אַן אַגראַר=רעוואָלוציע, סיי די פאָדערונג צוצולאָזן יידן אָן באַגרענעצונגען צו דער אויפשטאַנד=אַרמיי. צווישן אַנדערע האָט מען געשטעלט די יידן, וואָס האָבן געוואָלט אַריינטרעטן אינעם אויפשטאַנד=מיליטער, אַ באַדינג, זיי זאָלן אָפּשערן די בערד און ווערן „ליטיש“ און „ציוויליזירט“. דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ תירוץ און אַ מיטל, וויאַזוי פּטור צו ווערן פון גאַנצן ענין.

דער דעמאָקראַטישער לאַגער, וועלכער איז אין דער אָדער יענער מאָס געווען פאַר אַגראַר=רעפאָרמען, פאַר באַפרייען די פויערים פון פּאַנשטשיזנע און לייבאייגנטום, האָט זיך איינצייטיק אַרויסגעזאָגט פאַר א גרעסערן אָדער קלענערן פּראָגראַם פון פאַרבירגערן די יידן. דער אַקטיווסטער אין דער הינזיכט איז געווען דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט יאַן טשינסקי, וועלכער האָט געפירט אַן אַגיטאַציע און אָרגאַניזיר=אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין לובלין און וואַרשע און אַנטוויקלט אַ טעטיקייט לטובת דער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון די פוילישע יידן. אַ קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקן די יידישע באַפעלקערונג האָט געפירט יאָאַכים לעלעוועל.

צוליב דער קלאַסן=עגאָיסטישער באַגרענעצטקייט פונעם אויפשטאַנד, צוליבן לאָזן די פויערים=פראַגע נישט גערירט, צוליב דער נעגאַטיווער אָדער איגנאָרירנדיקער באַציונג צו דעם יידן=פּראָבלעם, צוליבן פאַראַט פון די גענעראַלן פון מאַגנאַטישן לאַגער — האָט דער אויפשטאַנד פון יאָר 1830—1831 געליטן אַ מפּלה.

דער קאַמף איז פאַרשפּילט געוואָרן, און מאַסן אויפשטענדלער האָבן זיך געלאָזט דורך דייטשלאַנד אויף מערב, אין גלות, און זיך באַזעצט אין פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד, איטאַליע, צפון־אַפריקע, צום טייל אויך אין אַמעריקע.

מיצקעוויטש, וועלכער האָט אין מאַי 1829 פאַרלאָזט רוסלאַנד, איז לכתחילה נישט געווען אָריענטירט אין די אַלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דעם אויפשטאַנד־לאַגער, הגם ער איז די גאַנצע צייט במשך זיין רוסישן פּעריאָד געשטאַנען אין ברייוולעכן קאָנטאַקט מיט לעלעוועלן. די אַנדערהאַלבן יאָר, וואָס האָבן אָפּגעטיילט זיין אַרויספאָר פון רוסלאַנד — פון דעם אויפשטאַנד־אויסברוך, האָט דער דיכטער פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד און רוים, און דאָ האָט ער זיך דערוווּסט וועגן די נאָוועמבער־געשעענישן (1830) אין וואַרשע. ער וואַקלט זיך נישט קיין איין רגע, ער איז גרייט פּערזענלעך אָנטיילצונעמען אינעם קאַמף, ער לאָזט זיך אין וועג אַריין און וויל זיך אַריינשמוגלען קיין פּוילן. אָבער אויף דער גרענעץ קומט אָן די בייזע בשורה, אַז דער אויפשטאַנד איז געפאַלן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר מיצקעוויטשעס שטימונג אין דער דאָזיקער שווערמוטיקער צייט איז דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

ווען מיצקעוויטש האָט זיך אויף דער גרענעץ דערוווּסט, אַז דער אויפשטאַנד האָט געליטן אַ מפּלה, האָט ער זיך אויף אַ קורצער צייט פאַרהאַלטן אין אַ הויף פון אַ פּאָליאַק, אין פּויזנער קאַנט. אַלע זענען געזעסן אַרום טיש אומעטיקע און דערשלאָגענע. אַ טאָכטער פון דעם באַלעבאָס האָט דעמלט אָנגעשריבן אויף אַ צעטעלע צו מיצקעוויטשן אַ פראַגע אין פאָרם פון אַ פערז:

„וואָס וועט איצט אין דיין האַרצן פאַרטרעטן די האָפענונג?“

מיצקעוויטש האָט אויפן אָרט אָנגעשריבן, אויך אין אַ פערז־פאָרם, אַ ענטפער:

„וואָס טוט דער לאַנדווירט, ווען אַ האָגל האַקט אויס זיין פעלד? ער זייט ווידער“.

מיצקעוויטש האָט זיך נישט אַראָפּגעלאָזט צו יאוש. ער האָט געזייט ווייטער.

צוזאַמען מיט דער כוואַליע עמיגראַנטן, וועלכע גייט פון פּוילן אויף מערב, פאָרט מיצקעוויטש אַריין אין דרעזדן, וו ער באַזעצט זיך אויף אַ געוויסער צייט. דאָ איז אַנטשטאַנען דער דריטער טייל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דזשאַדי“.

מיר האָבן שוין באַמערקט אין פריערדיקן קאַפּיטל, אַז אין רוסישן פּעריאָד איז אַנטשטאַנען ביים דיכטער די אינערלעכע דראַמע — צום שטאַרקסטן קומט זי בעת יענעם פּעריאָד צום אויסדרוק אין די „קרימער סאָנעטן“. ביים פאַרלאָזן רוסלאַנד איז נאָך די דאָזיקע אינערלעכע דראַמע, וועלכע איז געווען נישט סתם אַ פּערזענלעכע, נאָר אַ טיף־געזעלשאַפטלעכע, נישט געווען אויסגעלעבט. כל־זמן מיצקעוויטש איז געווען אָפּגעריסן פון די דירעקטע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי זיין פאָלק, איז דער קאָנפליקט געווען נישט קיין קאָנקרעטיזירטער.

איצט, אין דרעזדן, אין דירעקטן באַריר מיט דער פאַרביטערטער און טיילווייז חשבון=הנפשדיקער אויפשטענדלעריש=עמיגראַנטישער מאסע, איז דער קאָנפליקט ביי מיצקעוויטשן אַרויסגעטראָטן אַלץ מער בולט און מער קאָנקרעט, ער האָט אָנגענומען א ממשותדיקע געשטאַלט. עס שטעלט זיך פאַרן דיכטער אין דער גאַנצער גרוים דאָס פראָבלעם פון דער סתירה צווישן פערזענלעכן גליק און נאַציאָנאַלן חוב, צווישן דעם איינזאמען טרוימער און דעם מאסן=קעמפער; עס טויכט אויף די שאַרפע סאָציאַלע פראַגע, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן געפינען די סיבות פון דער מפלה פונעם אויפשטאַנד. דאָס, וואָס איז געווען בעתן ווילנער פעריאָד נאָך איינגעהילט אין א פאָלקסטימלעך=ראָמאַנטישן שלייער, אַנטפּלעקט זיך אצינד אויף אַ ברוטאַלן אופן אין דער גאַנצער נאַקעטקייט, און נעמלעך: די שווידערלעכע לאַגע פון פויער און דער קלאַסן=עגאָיזם פון די פּריצים. די אַלע אָנגעווייטיקטע פראָבלעמען באַקומען א תיקון אין דעם דריטן טייל פון „דזשאַדי“. אין דער גרויסער אימפּראָוויזאציע, וועלכע שאַפט דעם שפּיץ=פּונקט פון דער דראמע,[1] רעכנט זיך דער דיכטער אָפּ מיטן ראָמאַנטישן אינדיווידואַליזם און קומט צום אויספיר, אַז דער אמתער יחידישער העלד, אויב ער וויל אויספירן זיין געזעלשאַפטלעכע שליחות, מוז זיך איבערגעמען מיטן באַוווסטזיין, אַז ער איז אי א טייל, אי אַן אויסדריקער פון א מיליאָן, פון א גאַנצן מענטשלעכן קאָלעקטיוו. דורך דער רעמינעסצענץ פון די ווילנער יוגנטלעכע בונטאַרן, די פילאָמאַטן, און זייער פּראָצעס שטרעבט דער דיכטער אַרויסצופירן אויף דער סצענע דעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער. אָנגעגורט מיט דער דערפאַרונג פון רוסלאַנד, פירט מיצקעוויטש דורך אַ שיידליניע צווישן די צאַרישע סאַטראַפּן און די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, די פאַרבינדעטע פון די פּוילישע פרייהייטס=קעמפער. ער שוידערט אויף מיטן בילד פון פּויערישער נויט און פון פּריצישער אכזריות. ער ווייזט די טראַגעדיע פון אַ לייבאייגענעם פויער, אַ זעלנער פון דער אויפשטאַנד=ארמיי, וועלכער ווערט אויסגעריסן פון אַלע זייטן.

און דער עיקר: דער דיכטער זוכט דעם פּאָזיטיוון העלד פון זיין צייט. ער מעקט אויס דעם נאָמען גוסטאַוו, וואָס איז ביי אים געווען דער סימבאָל פון פערזענלעכער טראַגיק, און קריצט אויס דעם נאָמען קאָנראַד — די פערזאָניפיצירונג פונעם המשך פון קאָנראַד וואַללענראָד, וועלכע דאַרף אַדורכמאַכן אַן עוואָלוציע פון אַן איינזאמען נקמהנעמער צו א מאסן=קעמפער.

דער וועג איז שוין איצט קלאָר אָנגעצייכנט. מיצקעוויטש פאַרלאָזט דרעזדן און קומט אָן דעם ערשטן אויגוסט 1832 קיין פּאַריז — אין אָט דעם ברויזנדיקן צענטער פון פּאָליטישן, רעוואָלוציאָנערן לעבן. ער קומט קיין פּאַריז ווי מיצקע=

---

[1] מען האָט כּאָכדעם געפונען דעם דיכטער אין זיין צימער איגגאַנצן אַ דערשעפּטן, כמעט אַ פאַרחלשטן.

וויטש=קאָנראַד, אָבער עס לויערן נאָך אויף אים פאַרשידענע אַנדערע שטרויכ=
לונגען.

אין פאַריז הייבט זיך אָן אַ פרישער פעריאָד אין מיצקעוויטשעס לעבן.

ווען מיצקעוויטש איז אָנגעקומען קיין פאַריז, איז ער שוין אַלט געווען 34 יאָר.
ער איז געשטאַנען שוין פאַרן שפּיץ פון זיין באַרימטקייט אַלס דיכטער. זיינע
יוגנט=לידער, זיינע „קרימער סאָנעטן“ און בעיקר זיין „קאָנראַד וואַללענראָד“ און
דער דריטער טייל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דזשאַדי“ האָבן אים געמאַכט
אַ גרויסן נאָמען און געוואונען אָנערקענונג ביי די ברייטסטע קרייזן פוילישע לייענער,
בפרט אינעם פּאַטריאָטישן לאַגער. זיינע פאַרביסענע קעגנער פון קאָנסערוואַטיוון
לאַגער האָבן שוין פון לאַנג קאַפּיטולירט. אַפילו זייער סעניאָר קניאַזשנין האָט
איצט געשריבן לויב=געזאַנגען פאַר מיצקעוויטשעס טאַלאַנט, פאַרהוילנדיק דערביי
דעם נאַציאָנאַל=באַפרייערישן און סאָציאַלן עלעמענט אין זיין שאַפונג. און נישט
בלויז מיצקעוויטשעס אָפּפרישנדיקע און מיטרייסנדיקע פּאָעזיע האָט געפאַנגען
די הערצער און דערפילט די ראָל פון איינעם פון די מאָראַלישע און אידעאָלאָ=
גישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַווירקט די פּאַטריאָטיש= און קעמפעריש=געשטימ=
טע מענטשן. אויך דעם דיכטערס פערזענלעכקייט גופא האָט באַצויבערט און
צוגעצויגן. עס איז נישט געווען ביי אים קיין ריס צווישן געפּריידיקטן וואָרט און
אייגענער טאַט. דעם אויספיר, צו וועלכן ער איז דערגאַנגען אין דער גרויסער
אימפּראָוויזאַציע: „איך בין אַ מיליאָן!“ — האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות
צו רעאַליזירן אין אייגענעם לעבן. דאָס אַלץ האָט באַגינסטיקט, אַז מיצקעוויטש
זאָל זיך אין פאַריז אַרויסרוקן אין סאַמע אויבנאָן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין
דער סביבה פון דער פוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע. איינציייטיק פאַרקניפּט ער
ענגע באַציונגען מיט דעמאָקראַטן און רעוואָלוציאָנערן פון אַנדערע נאַציאָנאַלי=
טעטן, וועלכע געפינען זיך אין פאַריז, און קודם כל מיט פאָרשטייער פון דער
אַרטיקער, פראַנצויזישער דעמאָקראַטישער באַוועגונג. לאָמיר נאָך דערביי צוגעבן,
אַז די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון פראַנקרייך, בעלגיע און דייטשלאַנד און די
פּאָלקס=מאַסן פון די דאָזיקע לענדער האָבן אויפגענומען די פוילישע פּאָליטישע
עמיגראַנטן מיט אָפענע אָרעמס און סאָלידאַרישע געפילן, בעת די רעאַקציאָנערע
רעזשימען פון די זעלביקע מלוכות האָבן זיך באַצויגן צו די געוועזענע איי=
שטענדלער מיט חשד און האָס און זיי אָנגעטאָן פאַרשידענע צרות, פאַרשטענדיק=
דיק זיך אָפּט מיט דער צאַרישער געהיימער זשאַנדאַרמישער קאַנצעלאַריע.

גלייך נאָכן אָנקומען קיין פאַריז וואַרפט זיך מיצקעוויטש אַריין מיט לייב און
לעבן אין פּאָליטישער טעטיקייט, ער טרעט נישט צו אָרגאַניזאַציאָנעל צו קיין
איינער פון די עקזיסטירנדיקע גרופּירונגען. אין אידעישן זין שטייט ער צום נאָענט=
סטן צו לעלעוועלן, דעם אָנערקענטן פירער פון די פוילישע דעמאָקראַטישע קרייזן
און הייסן פריינד פון די פוילישע יידן. מיצקעוויטש ווירקט קודם כל ווי אַ פּובלי=

ציסט. דער דאָזיקער גרעסטער פּוילישער דיכטער איז איינציייטיק געווען אַ גלענ־צנדיקער פּובליציסט. זיין פּובליציסטיק איז דורכגעדרונגען מיט אַ ברוינדיקן פּאַטאָס און איינציייטיק מיט אַ גענויער קענטעניש פון די דעמאָלטיקע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון אייראָפּע. שוין אין יאָר 1832, ד. ה. אין יאָר פון זיין קומען קיין פּאַריז, באַגעגענען מיר מיצקעוויטשן ווי איינעם פון די הויפּט־מחברים פון די אַרטיקלען אין דער צייטשריפט פון דער פּוילישער עמיגראַציע א. נ. „פּיעלגזשים פּאָלסקי“ (דער פּוילישער פּילגרים, אָדער עולה רגל).[2] זינט דעם יאָר 1833 ווערט מיצקעוויטש דער רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט. מיצקע־וויטש רעדאַגירט זי אין גייסט פון לעלעוועלס דעמאָקראַטיזם, פּאָלקס־פריינדלעכ־קייט און אינטערנאַציאָנאַליזם.

איינציייטיק שרייבט מיצקעוויטש דאָס פּובליציסטישע ווערק „די ספרים פון פּוילישן פּאָלק און פון דער פּוילישער פּילגרימעריי“[3], וועלכע דערשיינען אין דרוק אין דעצעמבער 1832, און זיין אומשטערבלעכן שעדעווער „פּאַן טאַדעאוש“.[4] איבערן דאָזיקן ווערק אַרבעט מיצקעוויטש פון נאָוועמבער 1832 ביז פעברואַר 1834. ווי מיר זעען, איז מיצקעוויטש געווען אַ טיטאַן פון אַרבעט. ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט די זייער שלעכטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, אין וועלכע דער דיכטער האָט געלעבט, די אַלגעמיינע צערייצטע און דעגערווירנדיקע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין דער סביבה פון דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע און וואָס האָט ניט באַגינסטיקט קיין רואיקע שעפערישע אַרבעט, און אויך די טאָג־טעגלעכע דערשעפּנדיקע טעטיקייט אין דער רעדאַקציע — ווען מיר וועלן אָט די אַלע באַדינגונגען נעמען אין אַכט, וועלן מיר פאַרשטיין, וויפל ענטוזיאַזם און שרייבערישער גבורה עס האָט געשטעקט אין מיצקעוויטשן, אויב ער האָט באַוויזן אין משך פון דער צייט אָנצושרייבן אַזאַ גרויס און ברייט־פאַרמאָסטן ווערק ווי „פּאַן טאַדעאוש“.

כדי צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון מיצקעוויטשעס „ספרים פון פּוילישן פּאָלק און פון דער פּוילישער פּילגרימעריי“, כדי ריכטיק תופס צו זיין די אָפּט ווי־דעראַנאַנדיקע אידעען, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין דעם דאָזיקן ווערק, איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אַ ווייל אויף דעם כאַראַקטער און אויף די לאַגערן פון דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע אין פּאַריז און אויך אויף די גרונט־אידעען פון די דעמאָלטיקע דעמאָקראַטישע שטרעמונגען אין פראַנקרייך און אין מערב־אייראָפּע בכלל.

---

[2] „Pielgrzym Polski“.

[3] „Księgi narodu i pielgrzymstwa polskiego“.

[4] „Pan Tadeusz“.

אין דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע, וועלכע האָט זיך געפונען אין פראַנקרייך, בעלגיע און ענגלאַנד, האָבן זיך אינמיטן די דרייסיקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט אויסגעבילדעט דריי גרונט־לאַגערן:

אַן אַריסטאָקראַטישער מיטן פירשט טשאַרטאָריסקי אין שפּיץ, וועלכער האָט זיך געהאַלטן ביים אַלטן קאָנסערוואַטיוון פּראָגראַם און געחלומט וועגן צוריקשטעלן אַ פּריציש פּוילן מיט אַ פאַרשקלאַפטן פּויערטום און אַן אַ געלעזטער יידן־פראַגע. דער דאָזיקער לאַגער האָט זיך אָריענטירט אויף דער הילף פון די רעאַקציאָנערע מערב־אייראָפּעישע רעזשימען.

אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער לאַגער (די א. ג. „פּוילישע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט“) [5] מיט לעלעוועלן בראָש. דער דאָזיקער לאַגער האָט געוואָלט דעם יידן־פּראָבלעם לעזן דורך געוויסע רעפאָרמען און באַגרענעצטער גלייכבאַרעכטיקונג.

אַ רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער לאַגער, צו וועלכן עס האָבן געהערט די קעמפער פאַר באַפרייען די פּויערים און פאַר פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקן די יידן: טשינסקי, וואָרצעל און אויך די אָרגאַניזאַציעס „לוד פּאָלסקי גראָמאַדאַ גרודזשאָנדזש און הומאַן“. [6]

אין דער פּוילישער סביבה האָבן זיך אַריינגעריסן די אידעען סיי פון פראַנצויזישן אוטאָפּישן קאָמוניזם, סיי פון פראַנצויזישן אוטאָפּישן סאָציאַליזם. עס האָבן זיך אַריינגעריסן אויך רעליגיעז־מיסטישע שטימונגען, פון וועלכע עס איז אויפגעקומען דער אייגנאַרטיקער פּוילישער מעסיאַניזם, וואָס האָט באַקומען אַ בולטן אויסדרוק אין דער פּוילישער ראָמאַנטישער דיכטונג.

און אַרום האָט געברויזט דאָס פּאָליטישע לעבן פון פראַנצויזישן פאָלק. אַ טייל פון די פּוילישע פּאָליטישע עמיגראַנטן האָט זיך דורכגענומען מיט די אידעען פון באַבעף און בואָנאַראָטי. אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן געמאַכט די שטרייקן פון יונגן פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט. פון דער צווייטער זייט האָט זיך נאָך אַלץ נישט געהאַט אויסגעלעבט ביי די פּאָליאַקן די באָנאַפּאַרטיסטישע לעגענדע, דער קולט פאַר נאַפּאָלעאָנען.

אַזוי־אַרום האָט זיך מיצקעוויטש געפונען אונטער דער ווירקונג פון פאַרשיידענע, אָפטמאָל קעגנגעזעצטע אידעישע איינפלוסן. אמת, עס דאָמינירט ס'רוב דאָך נייע, דאָס פאָלקיש־רעוואָלוציאָנערע. אַזוי האָט ער, למשל, געשריבן אין „פּיעלגזשים פּאָלסקי“: „פּוילן קאָן נישט לעבן בשלום מיט קיין שום אַלטן קאַבינעט“, דאָס הייסט — אונטער קיין שום אַלטער, פעאָדאַלער אָרדענונג; אָבער איינצייטיק רייסט זיך אין זיין אידעאָלאָגיע אַריין אַלץ מער דער פאַרנעפּלטער מעסיאַניזם

[5] Polskie Towarzystwo Demokratyczne.
[6] Lud Polski Gramada Grudziąż, Lud Polski Gramada Humań.

מיט אַ רעליגיעזן אונטערשלאַג, און עס לאָזט נישט רוען דער נאַפּאָלעאָנישער חלום.

ווען מיר לייענען די „ספרים פון פּוילישן פֿאָלק און פון פּוילישער פּילגרימע־ריי“, דערזען מיר אָט די אַלע קאָנטראַסטן און סתירות פון מיצקעוויטשעס אידעאָלאָגיע. עס שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ דער גאַנצער אידעאָלאָגישער געווירבל, וואָס האָט געהערשט אין די רייען פון דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע. אָבער איינציימיק קאָן מען בפירוש באַמערקן אין די זעלביקע „ספרים“, אַז די סימפּאַטיעס פון מחבר זענען אויף דער זייט פון דעם פּראָגרעסיוון לאַגער, פון די פריי־היייטלעבצנדיקע פעלקער און פון די אונטערדריקטע סאָציאַלע שיכטן.

שוין אינעם אַריינפיר־וואָרט פון די „ספרים“ דריקט אויס דער דיכטער זיין פּאָזיטיווע, האַרציקע באַציונג צו די עקספּראָפּריאירטע מאַסן, צו די גוטלייידנדיקע קבצנים, צו די פּויערים. ער רופט צו אָנערקענען און שמיצן די שטרעבונגען פון די, וואָס זענען ביז איצט געווען באַשפּיגן, דערדריקט און באַעוולהט.

און דאָ זאָגט דער דיכטער די ווערטער, וועלכע מיר האָבן שוין ציטירט אין דער הקדמה, די ווערטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויך אין דער געטאָ־אונטערערד, די ווערטער וועגן דעצידירטן קאַמף קעגן דעספּאָטיזם.

מיר לייענען אין די „ספרים“ אַזעלכע זאַצן, וועלכע זאָגן עדות אויף דעם, אַז דער איינפלוס פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע איז אויף מיצקעוויטשן געווען גאַנץ גרויס. אָט שרייבט ער:

„איר, ענגלישע הערשער און ענגלישע חכמים, איר בלאָזט זיך און גרויסט זיך מיט אייער יחוס און איר זאָגט: מיין זיידע איז געווען אַ לאָרד און דער עלטער־זיידע אַ קעניג, לאָמיר דעריבער לעבן אין פריינדשאַפט מיט אונדזערע קרובים, די הארן און מלכים פון אייראָפּע. אָבער עס וועלן קומען טעג, ווען איר וועט רופן צום פאָלק: שענקט אונדז דאָס לעבן, וואָרעם עס איז נישט בנמצא געווען אין אונדזער משפחה קיין איין קעניג, קיין איין לאָרד, קיין איין עסקווייטער“.[7]

און וויטער ווענדט זיך מיצקעוויטש צו די באַזיצנדיקע שיכטן סיי פון ענגלאַנד, סיי פון פראַנקרייך:

„און איר, די סוחרים און הענדלער פון ביידע פעלקער, איר, וואָס גאַרט נאָך גאָלד און פּאַפּיר, וואָס ברענגט גאָלד, איר, וואָס האָט געשיקט דאָס געלט, כדי צו דערשטיקן די פרייהייט, — אָט וועלן קומען טעג, ווען איר וועט לעקן אייער גאָלד און איר וועט קייען אייער פּאַפּיר, און קיינער וועט אייך נישט שיקן קיין ברויט און קיין וואַסער.

„איר האָט געהערט וועגן אַזעלכע הונגערס, ווען מוטערס האָבן געגעסן די אייגענע קינדער; אָבער אייער הונגער וועט זיין מער גרויזאַם, וואָרעם איך זאָג

[7] אַן אַריסטאָקראַטישער טיטל אין אַמאָליקן ענגלאַנד.

אייך, אַז איר וועט אָפּשניידן די אויערן פון אייערע נאָענטסטע און עס באַקן און עסן, ווייל איר האָט פאַרדינט, אַז איר זאָלט זיין אָן אויערן ווי די שעלמעס“.

אָבער צוגלייך מיט אַזעלכע שטאַרקע, סאָציאַל־אָנגעלאָדענע, רעוואָלוציע־אָנזאָגנדיקע אַקצענטן, איז אין די „ספרים“ פאַרטרעטן אויך א נעגאַטיווער עלעמענט — דער מעסיאַניזם (משיחיזם). אונטערן איינפלוס פון דעם דאָזיקן מעסיאַניזם איז ביי מיצקעוויטשן אויפגעקומען די מיסטישע טעאָריע, אַז פוילן איז דער קריסטוס פון די פעלקער, אַז דאָס ליידנדיקע פוילן דאַרף אָפּקומען פאַר די זינד פון דער וועלט, אַז די ישועה קאָן קומען דורך גאָטס הילף. אין די „ספרים“ זענען אויך פאַראַן תפילות, פאַרפאַסטע דורכן דיכטער. אַזוי־אַרום האָבן מיר אין די „ספרים“ נעבן שטאַרקע רעאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע טענער אויך מיסטיש־רעליגיעזע, וועלכע שוואַכן אָפּ דעם אַלגעמיינעם איינדרוק.

אין די „ספרים“ איז אויך פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער יידישער מאָמענט. דער מחבר ברענגט א משל מיט א וואַלדוועכטער, וועלכער דערוויסט זיך, אַז א גזלן וויל אָנפאַלן אויף אַן אָרט, וווּ עס געפינען זיך יידן, אַז ער וועט זיי באַרויבן און אפשר דערהרגענען. דער וואַלדוועכטער צעשלאָגט דעם גזלן און לויפט אַליאַרמירן די יידן. ער זאָגט זיי, זיי זאָלן אַרויס און דערהרגענען זייער שונא, דעם גזלן, וועלכער איז איצט אָפּגעשוואַכט. אָבער די יידן ווילן נישט פאָלגן דעם וועכטער, זיי גלייבן אים נישט, זיי זענען גרייט אים צו געבן געלט אַלס דאַנק פאַר זיין הילף, אָבער גיין קעמפן האָבן זיי נישט קיין חשק. און אַזוי־אַרום פאַלן זיי דערנאָך דורך. אין דעם דאָזיקן משל שטעקט א שטיק היסטאָרישער אמת. מיצקעוויטש, ווי אַן אויפריכטיקער פריינד פון די יידן, וויל זיי אַזוי־אַרום וואָרענען קעגן די געפאַרן, וואָס לויערן אויף זיי. וואָרעם אין די צייטן פון דער נאָכנאַפּאָלעאָנישער רעאַקציע אין פראַנקרייך איז געקומען א נייער, נעגאַטיווער קורס אויך לגבי די יידן. מיצקעוויטש איז מיטן משל וועגן די יידן, וואָס בלייבן טויב אויפן אַליאַרם פון וואַלדוועכטער, אויסן, ווייזט אויס, די יידישע פּלוטאָקראַטיע אין פראַנקרייך, וועלכע — ווי יעדער באַזיצנדיקער קלאַס — וויל נישט גיין דרייסט אַנטקעגן די סכנות און איז פּחדנותדיק און אָפּאָרטוניסטיש. די דאָזיקע פּלוטאָקראַטיע האָט געגלייבט בלויז אינעם כוח פון געלט. דער משל קאָן אויך האָבן א ברייטערן, נישט בלויז יידישן באַטייט.

די „ספרים“ זענען געשריבן אין א ביבלישן סטיל. יעדער זאַץ איז ווי אויסגעהאַמערט פון שטיין. די אומרואיקע סאָציאַלע ליידנשאַפט, וועלכע שטעקט אין אונטערטעקסט, שטערט נישט דעם עפּישן אָטעם, וואָס ווייעט איבער די שורות. נישט געקוקט אויף דער אידעאָלאָגישער סתירותדיקייט, האָבן די „ספרים“ געמאַכט א שטאַרקן רושם, צווישן אַנדערע אויך אויף די פראַנצויזישע יידן. נאָך וועגן דעם וועט נאָך זיין א רייד שפּעטער.

די פאָרשטייער פון לינקן פליגל פון דער פוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע זענען, נאַטירלעך, נישט געווען אינגאַנצן באַפרידיקט מיט די „ספרים“. דאָס האָט געבראַכט צום אויסדרוק יאַן טשינסקי, וועלכער האָט טאַקע פאַרגוואָרפן מיצקעוויטשן א מאַנגל פון קאָנסעקווענץ. אויף דעם באָדן איז אויפגעקומען א מחלוקת צווישן מיצקעוויטשן און טשינסקין.

אין זעלבן יאָר 1832, ווען מיצקעוויטש האָט געשריבן די פּובליציסטיש-פּאָעטישע „ספרים פון פּוילישן פאָלק און פון פּוילישער פּילגרימעריי“, האָט ער גענומען ארבעטן איבער דעם אומשטערבלעכן ווערק „פאַן טאַדעאוש“; די אָנגעשטרענגטע ארבעט האָט געדויערט ביזן צווייטן חודש פון יאָר 1834. אין ליטעראַריש-קינסטלערישן זין איז „פאַן טאַדעוש“ דער אַפּאָגיי פון מיצקעוויטשעס שאַפן, דאָס ווערק, וואָס האָט דעם דיכטער אַריינגעפירט אינעם פּאַנטעאָן פון די גרעסטע ליטעראַטור-מייסטער פון דער וועלט.

„פאַן טאַדעוש“ איז אַן עפּאָפּיי און איז אויפגעקומען פון די שטאַרקע ליב-שאַפט-געפילן פונעם דיכטער צו זיין אַלטער היים און צום אַלטן דור, וואָס איז שוין פאַרגאַנגען, און צוזאַמען מיט דעם פאַרגיין פון דער אַלטער שליאַכטע איז אויך אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט איר גאַנצער שטייגער — די הלבשה, די מנהגים, די שפּילערייען, די מאַסן-יאַגדן, פּרעס-סעודות וכדומה.

עס איז זיכער געווען גערעכט דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט וואָרצעל, ווען ער האָט געזאָגט, אז „פאַן טאַדעאוש“ איז — „א מצבה, וואָס די האַנט פון אַ גאון האָט אַוועקגעשטעלט אויף אונדזער אַלטן פּוילן“.

דער גרונט-פּערסאָנאַזש פון „פאַן טאַדעוש“ איז די קליינע און מיטעלע שליאַכטע, די מאַגנאַטישע געשטאַלטן קומען אויף רעטראָספּעקטיוו, אַחוץ דעם הראַביע, וועלכער איז אַ ראָמאַנטישע און קאָמישע פיגור גלייכצייטיק. דאָס פאָלק ווי אַזעלכעס טרעט אין „פאַן טאַדעוש“ נישט אַרויס. די פּויערים זענען אַנאָנימע און סטאַטיסטישע געשטאַלטן. דער שטאָטישער עלעמענט איז רעפּרעזענטירט דורך דעם קאַריקאַטוראַרטיק געשילדערטן בוכמאַן. מען קאָן זאָגן, אז די איינציקע געשטאַלט פון פאָלק איז דער אָרעמער אַרענדאַר און קלעזמער, דער ייד יאַנקעל. נאַטירלעך, אַ געוויסע צאָל פון דער קליינער שליאַכטע איז אויך אַ טייל פון פאָלק— די דאָבזשינסקים געפינען זיך אין מאַטעריעלן זין אין אַן ענלעכער לאַגע, וואָס דאָס פּויערטום, אָבער זיי זענען פאָרט פון שליאַכטישן יחוס. קורץ: „פאַן טאַדעוש“ איז נישט קיין נאַציאָנאַלע פאָלקס-עפּאָפּיי, נאָר אַ נאַציאָנאַלע קליין-שליאַכטישע עפּאָפּיי.

די דאָזיקע קליינע און מיטעלע שליאַכטע ווערט דורך מיצקעוויטשן געשילדערט מיט אַ ברייטן פאַרנעם, מיט אַ שלל פּרטים און שטריכן, אויפן פאָן פון דער רייכער ליטוויש-ווייסרוסישער נאַטור. צענדליקער און צענדליקער געשטאַלטן, איטלעכע מיט איר אייגענעם פּנים, מיט איר אָרט רעדן און רעאַגירן, פילן אויס

די שפּאַלטן פון דעם ווערק. אין הינזיכט פון קענען דאָס לעבן פון אָט דעם שיכט איז „פּאַן טאַדעוש“ ממש אַן ענציקלאָפּעדיע. פון דעם מינדסטן הלבשה־פּרט ביז די פאָרמען פון פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט, פון באַשרייבונגען פון טענץ ביז שילדערונגען פון גרויסע אָבלאַוועס אויף חיות אין די וועלדער, פון פּשוטע דאָרפישע ווירטשאַפטס־פראַגן ביז דער פּאָליטישער לאַגע פון יענער צייט, פון אַ לייכטער עראָטישער סצענע ביז דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט פון אַ גרופּע פּאַטריאָטן, פון די פּאָפּולערע אין יענעם פּעריאָד וויצן און מעשיות ביז מעכטיקע שילדערונגען פון דער נאַטור, פון שטורעמס, פון אורוועלדער, פון אַ פאַרוואונדעטן בער און אַזוי ווייטער — דאָס אַלץ שאַפט אַ זעלטן האַרמאָנישע גאַנצקייט און דערנענטערט אויף אַ סוגעסטיוון אופן די פאַרגאַנגענהייט. דאָס אַלץ ווערט געשילדערט נישט שווערמוטיק, נישט עלעגיש, נאָר מיט אַ שפּרודלדיקן, זוניקן הומאָר. אַפילו דער מאָטיוו פון דעם שליאַכטישן אַוואַנטוריסט יאַצעק סאָפּליצאַ, וועלכער ווערט שפּעטער לשם אָפּקומען פאַר די זינד פאַרוואַנדלט אין דעם קאָנספּיראַטיוון פּאַטריאָטישן טוער ראָבאַק, אַפילו דער דאָזיקער מאָטיוו, וועלכער איז רייך אין דראַמאַטישע געשעענישן און פאַרמאָגט אַ טראַגישן פינאַל, — דערדריקט נישט. פּונקט אַזוי האָט מיצקעוויטש אויסגעמיטן גרויליקייטן אין די באַטאַליסטישע סצענעס, אין דער שילדערונג פון דער שלאַכט צווישן דער שליאַכטע און דער צאַרישער מיליטער־אָפּטיילונג. די דאָזיקע שילדערונג פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקע דינאַמיק און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמתע באַטאַליסטישע פּאַנאָראַמע מיט צענדליקער און צענדליקער באַזונדערע עפּיזאָדן. עס גיסט זיך בלוט, עס פאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע — אָבער מיר פילן נישט קיין גרויל, און דער דיכטער האָט בכלל נישט געוואָלט ארויסרופן קיין גרויל, וואָרעם די גאַנצע שלאַכט איז אין תוך גענומען קיין שלאַכט נישט, עס איז אַ בלוטיקע, האַלב־שיכורע שלעגעריי, וועלכע ענדיקט זיך בכי טוב.

„פּאַן טאַדעוש“ איז אַ סינטעז פון ראָמאַנטיזם און רעאַליזם. ראָמאַנטיש איז די סאַמע קאָנצעפּציע פונעם ווערק, רעאַליסטיש זענען די קינסטלערישע מיטלען, וועלכע דער דיכטער באַנוצט. אין רעזולטאַט זענען דאָ גובר די רעאַליסטישע עלעמענטן. מיצקעוויטש האָט זיך אין „פּאַן טאַדעוש“ לגמרי אויסגעלייזט פון מיסטיק און מיסטישן פּאָלקלאָר. די געשטאַלטן זענען לעבעדיקע, רעאַלע מענטשן, די העלדן זענען נישט קיין העראָסן אויף־שטאָלצן, די נאַטור ווערט נישט דעמאָניזירט און נישט מיסטיציזירט. אָבער ביי דעם אַלעמען דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָס איז אַבסאָלוט נישט קיין קריטישער רעאַליזם. און אין די דרייסיקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט איז שוין אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור אַרויסגעטראָטן די שטרעמונג פון קריטישן רעאַליזם — פון דעם רעאַליזם, וואָס האָט אויפגעדעקט די וווּנדן פון דער פעאָדאַלער און קעגנוואַרטיקער, פעאָדאַלבורזשואַזער געזעלשאַפט. „פּאַן טאַדעוש“ פאַרמאָגט נישט קיין דעמאַסקאַטאָרישן

עלעמענט. די ראָליע פון די לייבאייגענע פויערים און פון דער דינערשאַפט אין דעם מיטל־שלאַכטישן הויף פון דעם ריכטער סאָפּליצאַ ווערט נישט אויפגעדעקט. די פראַגע פון דער פויערים־קנעכטשאַפט ווערט בלויז אָנגערירט אין לעצטן קאַפּיטל און קומט אויף אומגעריכט. דער יונגער טאַדעוש, ווען ער דאַרף חתונה האָבן מיט זאָשיען און איבערנעמען איר פאַרמעגן, באַשליסט צו געבן די פויערים פרייהייט. און די דאָזיקע זייער וויכטיקע געשעעניש טרעפט זיך נישט אָן אויף קיין שום שטערונג מצד דער שליאַכטע. עס איז ממש אַן אידיליע — אַן אומגלויבלעכע אידיליע. בלויז איין גערוואַזי, דער אַלטער דינער פון דער מאַגנאַטישער משפחה האָרעשקאָ, קאָן אייגנטלעך נישט מסכים זיין מיטן פאַקט פון באַפרייען די פויערים; ער האַלט, אַז בעסער וואָלט געווען צו פאַרוואַנדלען אַלע פויערים אין שליאַכטע־לייט און אַזוי־אַרום זיי באַפרייען. אַזוי צי אַנדערש — דער גאַנצער פויערים־פּראָבלעם, וואָס איז געווען אין 19־טן יאָרהונדערט דער עיקרדיקער אין לאַנד, איז אין „פּאַן טאַדעוש" פאַקטיש כמעט נישט פאַראַן.

דאַקעגן איז שטאַרק פאַרטראָטן אין דעם ווערק דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער עלעמענט, אַרום וועלכן עס ווערן דורכן מחבר קאָנצענטרירט צענדליקער געשטאַלטן — יאַצעק סאָפּליצאַ (ראָבאַק), דער אַלטער מאַטשעי דאָבזשינסקי, דער ייד יאַנקעל, טאַדעוש און כמעט אַלע שליאַכטע־לייט. מיט דעם דאָזיקן גרונטמאָטיוו פון „פּאַן טאַדעוש" בינדט זיך דער אינערלעכער קאָנפליקט פון יאַצעק סאָפּליצאַ. דער דאָזיקער קאָנפליקט ווערט אַרויסגעפירט, אַנטוויקלט און געלייזט אויף אַ מייסטערישן אופן. אָבער בכלל איז דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער מאָטיוו, אַזוי ווי ער ווערט אַרויסגעפירט אין „פּאַן טאַדעוש", פאַרגעשטעלט נישט אינגאַנצן ריכטיק. אַלע זענען פאַרטרעטן אין דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג, אַלע, אַפילו דער פּאָדקאָמאָזשי, וועלכער רעפּרעזענטירט אין „פּאַן טאַדעוש" דעם נידעריקן רינג פון מאַגנאַטנטום. אמת, אין פערזענלעכן זין דעמאַסקירט מיצקעוויטש אַזאַ פּאַרשוין ווי דעם אַסעסאָר, וועלכער דינט געטריי דער צאַרישער מאַכט, און ווי עס קומט אָן דאָס פויליש־פּראַנצויזיש מיליטער, ווערט ער אין איין אויגנבליק מגולגל אין אַ געטרייען פּאָליאַק. מיצקעוויטש איז אויך אויף אַ גלענצנדיקן אופן געלונגען צו ווייזן די גאַנצע אוואַנטורישקייט, קליינקעפּלדיקייט, לייכטגלויביקייט פון דער שליאַכטישער מאַסע, וועלכע קאָן זיך נישט באַפרייען פון די אינערלעכע רייסערייען און אַמביציעס און איז גרייט זיך לאָזן אונטערצוהעצן דורך אַ ליאַדע צופאַל צו ברידער־קאַמפן. אָבער אין תוך גענומען זענען אין „פּאַן טאַדעוש" כמעט אַלע הייסע פּאַטריאָטן.

מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם בינדט זיך מיצקעוויטשעס באַציונג צום קולט פון נאַפּאָלעאָנען. דער דיכטער געפינט זיך אינעם כישוף־קרייז פון אָט דער פּאַלשער טראַדיציע. אמת, דער אַלטער מאַטשעי, אַ געוועזענער אָנטיילנעמער אין קאָשציושקאָס אויפשטאַנד, קוקט מיט פאַרדעכטיקטע אויגן אויף די פּוילישע

אָפּטיילונגען פֿון נאַפּאָלעאָנס מיליטער, וואָס מאַרשירט אויף מאָסקווע. דער אַלטער מאַטשעי דריקט זיך אויס, אַז די פּוילישע אָפּטיילונגען זענען עפּעס אי נאָענט, אי פֿרעמד. אָבער חוץ דעם דאָזיקן עפּיזאָד ווערן די געשעענישן געשילדערט אין גייסט פֿון אידעאַליזירן דעם פּויליש־פֿראַנצויזישן בונד, וועלכער איז דאָך אין גרונט געווען אַ הינטערשפּיל פֿון נאַפּאָלעאָנען, וואָס האָט געוואָלט אויסנוצן די פּאַטריאָטישע געפֿילן פֿון די פּאָליאַקן פֿאַר די אייגענע, עגאָיסטישע פֿאַרכאַפּערישע צילן פֿון דער פֿראַנצויזישער קרוין. ווי באַקאַנט, האָט זיך טאַדעוש קאָשציושקאָ נישט געלאָזט פֿאַנגען אין דער נאַפּאָלעאָנישער נעץ און אָפּגעוואָרפֿן נאַפּאָלעאָנס אָפֿערטע.

זייער אינטערעסאַנט איז מיצקעוויטשעס באַציונג צו די רוסן. דער דיכטער איז דאָ געבליבן טריי זײַן אַלטער ליניע, וועלכע ער האָט שוין נישט איינמאָל געבראַכט צום אויסדרוק אין זײַנע פֿריערדיקע שאַפֿונגען. מיט דער פֿולער שאַרפֿקייט שילדערט ער די צאַרישע אונטערדריקונג. אַ געפֿיל פֿון עקל און פֿאַראַכטונג רופֿט בײַ אונדז אַרויס די געשטאַלט פֿון צאַרישן מאַיאָר פּלוט, אַ רוסיפֿיצירטער פּאָליאַק, אַ נואָפֿניק און אַ כאַבאַרניק, אַ גנבֿ און אַ פּחדן. דעם דאָזיקן פּלוט שטעלט מיצקעוויטש אַקעגן דעם ערלעכן, מוטיקן, סימפּאַטישן און גראָדליניקן אַלטן רוסישן קאַפּיטאַן ריקאָוו, אַ וועטעראַן פֿון סוואָראָווס קאַמפּאַניעס, אַ מענטש, וואָס פֿאַרשטייט די פּאַטריאָטישע געפֿילן פֿון די פּאָליאַקן און וואָס האָט זיי, אין משך פֿון די יאָרן פֿון וווינען מיט זיי אינאיינעם, ליב געקראָגן. ריקאָווס טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס ער מוז אויספֿירן די באַפֿעלן פֿון זײַנע מאַכטהאָבער, פֿונעם צאַר און זײַנע באַאַמטע, אָבער אין טיפֿן האַרצן איז ער געבליבן ערלעך און גוט. אין אַזאַ אופֿן האָט מיצקעוויטש געוויזן אַ פּשוטן רוסישן מענטש, וועלכער קאָן אין די סאַמע קריטישע מאָמענטן פֿון געפֿערלעכע קאָנפֿליקטן געפֿינען אַ געמיינזאַמע מענטשלעכע שפּראַך מיט די, וואָס זענען מורד אין דער צאַרישער אונטערדריקונג.

צו די צענטראַלע געשטאַלטן פֿון „פּאַן טאַדעאוש" געהערט דער ייִד יאַנקעל (יאַנקל), דער אָרעמער קרעטשמער אין סאָפּליצאַס גוט און דער טאַלענטירטער מוזיקאַנט. פֿאָרמעל איז יאַנקעל אַן עפּיזאָדישע פֿיגור, אָבער פּאַקטיש האָט אים דער דיכטער אָנפֿאַרטרויט צוויי זייער וויכטיקע, צענטראַלע פֿונקציעס.

ראשית — געהערט יאַנקעל צו דער פּאַטריאָטישער קאָנספּיראַציע און איז איינער פֿון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פֿון דעם געהיימען שליח פֿון פּוילישן מיליטער ראָבאַק.

צווייטנס — איז ער דער טרעגער פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאָלקס־קונסט, ער רעפּרעזענטירט — נאַטירלעך, אין אַ געוויסן זין, — די אידעע, וואָס איר טרעגער איז אין „קאָנראַד וואַללענראָד" געווען דער אַלטער ליטווישער פֿאָלקס־זינגער, דער ווײַדעלאָטע האַלבאַן.

ווען יאַנקעלן הערן מיר אין פאַרשידענע ערטער פון „פאַן טאַדעוש“ אַ סך מאָל. מיר דערוויסן זיך, אַז ער איז אַן אַרענדאַר פון אַ שענק ביים ריכטער סאָפּע־ליצאַ, אַז ער איז אַן אביון, מיר לייענען די באַשרייבונג פון זיין קרעטשמע, וועלכע האַלט שוין ביים איינפאַלן; מיר הערן, אַז ער איז אַ קלעזמער, אַ צימבאַליסט. אָבער דער עיקר — הערט מען דאָ און דאָרטן, אַז ער ווערט פאַרפאַלן אויף לאַנגע צייטן און אַז ער האָט צו טאָן מיטן קאָנספּיראַטאָר ראָבאַק. מיצקעוויטש ווייזט נישט אָפן די קאָנספּיראַטיווע טעטיקייט נישט פון ראָבאַקן, נישט פון יאַנקעלן. אָבער ווען דער מאַיאָר פּלוט גיט אַ געשריי אויפן ריכטער סאָפּליצאַ: „איך האָב, מאַספּאַניע,[8] אַ גוטע עצה אויך אויף דיר. איז דאָך יאַנקעל אַ שפּיאָן, וועלכן די רעגירונג שפּירט שוין נאָך פון לאַנג, דער יאַנקל, וואָס איז דיינער אַ היימישער מענטש, זיצט אין דיין קרעטשמע!“ — ווען פּלוט זאָגט די דאָזיקע ווערטער, איז עס שוין פאַרן לייענער נישט קיין סיורפּריז, ווייל פון פאַרשידענע רמזים, אָנצו־הערענישן, זאָגעכצן און פון יאַנקעלס אָפטן נעלם ווערן ווייסט מען שוין, אַז ער האָט אַ שייכות מיט דער אונטערערדישער פּאַטריאָטישער באַוועגונג. דריי מאָל טרעט יאַנקעל אַרויס פּראָנטאַל, איינמאָל כמעט אָן ווערטער, ווען ער ברענגט אַ וויכטיקע ידיעה דעם הויפּט פון דער קאָנספּיראַציע ראָבאַק, וועלכער ליגט שוין אַ שווער־פאַרוואונדעטער אין בעט. דאָס איז, ווייזט אויס, אַ ביז גאָר וויכטיקע ידיעה, וועגן דעם דערנענטערן זיך פון נאַפּאָלעאָנס אַרמיי צוזאַמען מיט איר אַוואַנגאַרד, די פּוילישע טיילן. פון דער דאָזיקער ראָל פונעם ייִד יאַנקעל קאָן מען לייכט אַרויסדרינגען, אַז ער איז נישט קיין אויסנאַם ביי ייִדן, אַז ער האָט וואַר־שיינלעך שותפים, מיטקאָנספּיראַטאָרן צווישן די ייִדן פון די ווייטערע, אויף מערב אַרויסגערוקטע ישובים, אויף דער און יענער זייט גרענעץ צווישן ליטע־ווייסרוס־לאַנד און דעם וואַרשעווער פירשטנטום. די אַנדערע צוויי מאָל, ווען יאַנקעל טרעט אויף פּראָנטאַל, נעמט ער אַ וואָרט און רוקט זיך אַרויס ווי אַ וויכטיקע פיגור אויף מיצקעוויטשעס שאַך־ברעט.

דאָס ערשטע מאָל נעמט יאַנקעל אַ וואָרט אין דאָרף דאָבזשין, ווען עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די אָרעמע שליאַכטע־לייט, כדי אָנצונעמען אַ באַשלוס, וואָס צו טאָן. די צייט ווערט שוין רייף צו מעשים. ראָבאַקס אַגיטאַציע האָט שוין דער־גרייכט אין ברייטערע קרייזן. מען שמועסט, אַז עס גרייט זיך אַ פראַנצויזיש־רוסישע מלחמה (1812). אָבער די צעהיצטע געמיטער וויל אויסנוצן פאַר די עגאָ־איסטישע נקמה־צוועקן דער טרייער דינער פון די האָרעשקאָס — גערוואַזי, וועל־כער רופט דעם עולם אָנצופאַלן אויף סאָפּליצאַס הויף. אָנשטאָט זיך גרייטן צו אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן די צאַרישע אָקופּאַנטן, לאָזן זיך די שליאַכטע־לייט

[8] מאַספּאַניע (מיין ליבער הער) — אַן אַלטפּוילישער אויסדרוק.

אונטערהעצן צו פֿערזענלעכע סכסוכים און נעמען שרייען: הײַ־זשע, לאָמיר גיין קעגן סאָפּליצאַ! — בלויז דרײַ מענטשן זעען די געפֿאַר, וועלכע דראָט אַזויאַרום דער פּאַטריאָטישער באַוועגונג. דאָס זענען: דער אַלטער קאָשציושקאָ־זעלנער מאַטשעי, דער באַוווסטזיניקער פּאַטריאָט פּרוסאַק און דער ייד יאַנקעל. דער לעצטער שפּרינגט אַרויף אויף אַ באַנק, נעמט אַראָפּ דעם פּוקסישן קאָלפּאַק, פֿאַר־ריכט די יאַרמעלקע און האַלט אַ לענגערע רעדע, אין וועלכער ער וואָרנט די צע־היצטע שליאַכטע־לייט, אַז אין שכנות שטייט אַ רוסישער פּאָלק, וועלכער קאָן זיך אָפּרעכענען מיט די פּאָליאַקן, און די פֿראַנצויזן זענען נאָך ווייט. כּדי אָפּ־צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם עולם פֿון פּריוואַטע קריגערייען, לאַדט יאַנקעל איין אַלעמען אויף אַ סעודה לכּבֿוד דעם, וואָס זײַן ווײַב שׂרה האָט געבוירן אַ קינד („אַ קליין יאַנקעלע" — זאָגט ער), און ער זאָגט צו אויפֿצושפּילן נייע מאַזורקעס.

און מערקווירדיק: די אָרעמע שליאַכטישע מאַסע הערט אויס יאַנקעלן אויפֿ־מערקזאַם און מיט סימפּאַטיע. „די רייד פֿון דעם אַלגעמיין באַליבטן יאַנקעל, — שרײַבט מיצקעוויטש — האָבן געטראָפֿן אַלעמען צום האַרצן; עס איז אַנטשטאַ־נען אַ געשרײַ, אַ פֿריילעכע פּאַטשערײַ, דאָס געמורמל פֿון איינשטימונג האָט זיך געשפּרייט אַפֿילו מחוץ דער שטוב". אַלץ וואָלט זיך גוט איינגעלייגט, ווען דער נקמה־גיריקער גערוואַזי שפּרינגט נישט אויף און טוט נישט קיין געשריי: „אַוועק פֿון דאַנען, ייד! שטעק נישט די פֿינגער צווישן טיר, עס האַנדלט זיך נישט וועגן דיר!" ער פֿאַרמעסט זיך אויף יאַנקעלן מיט זײַן ריזיקער שווערד, און דער ייד שפּרינגט אַראָפּ און ווערט נעלם צווישן עולם. אָבער דערמיט איז זײַן ראָל נישט געענדיקט. ער ווירקט ווײַטער אין געהיים, הינטער די קוליסן, וואָרשײַנלעך העלפֿט ער ראַבאַקן אַרויסצוקריגן זיך פֿון דער פֿאַרוויקלטער און געפֿאַרפֿולער סיטואַציע.

וואָס קאָן מען אַרויסדרינגען פֿון דער ציטירטער שילדערונג? מיצקעוויטש האָט אַוועקגעשטעלט אַ שפּאָגל נייעם יידישן טיפּ אין דער פּוילישער ליטעראַטור. דאָס זענען שוין נישט לייבע און שׂרה, וועלכע עס האָט געשילדערט יוליאַן־אורסין נימצעוויטש, אויפֿפּאַסנדיק זיי בלויז ווי אַן אָביעקט פֿאַר אָבסערוואַציע. אמת, פֿאַר מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעוש" האָט מען געוויזן יידישע פּאָזיטיווע, פּאַט־ריאָטיש געשטימטע טיפּן אויף דער וואַרשעווער בינע. אָבער אַזאַ רייכע געשטאַלט, ווי יאַנקעל, מיט אַזאַ שטאַרקער ווירקונג אין דער פּוילישער סבֿיבֿה, איז אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַרויסגעפֿירט געוואָרן צום ערשטן מאָל ערשט אין „פּאַן טאַדעוש". מיצקעוויטשעס יאַנקעל איז ווייט נישט אַזאַ, ווי דער ייד פֿלעגט ווערן אויפֿגעפֿאַסט אין דער שליאַכטישער און מיעשטשאַנישער ליטעראַטור און טראַ־דיציע. מיצקעוויטשעס יאַנקל איז נישט קיין פּחדן, נישט קיין גבֿיר, נישט קיין קאַרגער, נישט קיין געלט־פֿרעסער, נישט קיין עגאָיסט, נישט קיין „זויגער פֿון דעם פּויערס בלוט", הגם ער איז אַ קרעטשמער. יאַנקעל איז דער היפּוך פֿון די

אַלע אייגנשאַפטן, מיט וועלכע עס האָט באַשאָנקען דעם ייד די שליאַכטיש-מיעשטשאַנישע טראַדיציע. אמת, די געשטאַלט פון יאַנקעל איז אַ ביסל אידעאַליזירט — אָבער מיצקעוויטש האָט דאָך אין „פּאַן טאַדעוש" אידעאַליזירט אַלע זיינע געשטאַלטן, אַחוץ איינצלנע. יאַנקעל געהערט אין מיצקעוויטשעס פּערזאָנאַזש צו די סאַמע סימפּאַטישסטע און פּאַטריאָטיש-מוסטערדיקע געשטאַלטן.

זיין באַציונג צום ייד יאַנקעל ברענגט מיצקעוויטש אַרויס אי דירעקט, אַליין, דורך די ווערטער פון זיין אייגענער, מיצקעוויטשעס, כאַראַקטעריזירונג, און אי דורך זיינע געשטאַלטן, ווי דער ריכטער סאָפּליצאַ, זאָשיע, ראָבאַק, די שליאַכטישע מאַסע פון דאָרף דאָבזשין. סימבאָליש קלינגט דער פאַקט, וואָס דווקא דער בערנאַרדינער מאָנאַך ראָבאַק האָט פאַר אַ פּאַטריאָטישן פאַרבינדעטן אויסגעקליבן דעם אַלטן ייד אין דער יאַרמעלקע מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס די יונגע זאָשיע איז שטאַרק צוגעבונדן צום ייד יאַנקעל, און דער לעצטער האָט זי זייער ליב. יאַנקעל איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער פּאַטריאַרכאַל-משפּחהדיקער סביבה פון די סאָפּליצאַס, פּונקט ווי וואָיסקי, פּראָטאַזי און אַנדערע.

אָבער מיצקעוויטש פאַרהוילט נישט דעם פאַקט, אַז ביי דער שליאַכטע גופא זענען פאַראַן פאָראורטיילן לגבי די יידן. אַזוי, למשל, ווען וואָיסקי דערציילט, ווי אַזוי די שליאַכטע פלעגט אַמאָל פּראַווען סעודות און וויאַזוי דער דאָזיקער בריימער שטייגער פאַרגייט אַצינד, טוט ער אַ זאָג, אַז די היינטצייטיקע יונגע האַרן עסן אַזוי ווי אַ ייד. אויך ביים טיפּישן שליאַכטישן אַוואַנטוריסט גערוואַזי כאַפּט זיך אַרויס אַ מיאוס וואָרט וועגן יידן. אין איין אָרט איז אַפילו אַ רייד וועגן קינדער, וואָס ווערן דורך יידן געשטאָכן מיט שפּילקעס — אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש אויפן בלוט-בלבול. מיצקעוויטש, ווי געזאָגט, שילדערט אַ ריי פּינצטערנישן, וואָס הערשן ביי דער שליאַכטע, און ער מיידט נישט אויס אויך צו ווייזן די זאַבאָבאָנעס לגבי די יידן. אָבער עס דאָמינירט אין „פּאַן טאַדעוש" דער מאָמענט, וועלכן מיצקעוויטש שטרייכט אונטער בעת דער מאַסן-סצענע אין דאָרף דאָבזשין, ווען עס טרעט אַרויס מיט זיין וואָרענונג יאַנקעל. דאָרטן זאָגט דער ריכטער בפירוש, אַז יאַנקעל איז געווען אַלגעמיין באַליבט.

אָבער אַפילו די פאָראורטיילן לגבי יידן מצד אַזאַ גערוואַזי, דאָס הייסט — מצד דעם פאָרשטייער פון אַלטן שליאַכטישן שטייגער, זענען גיכער פון אַ שטאַנדן-כאַראַקטער, איידער פון אַ רעליגיעזן אָדער ראַסיסטישן. גערוואַזי האָט אַזאַ טעאָריע גענומען פון דער אַלטער שליאַכטישער טראַדיציע: די שליאַכטע שטאַמט פון שם, די פּויערים פון חם און די יידן פון יפת. ווי באַקאַנט, האָבן די פּאַרצייטיקע יידן געהאַלטן פאַרקערט — אַז די יידן שטאַמען פון שם. אָבער אין גערוואַזיס דאָזיקער „טעאָריע" שטעקט די סיבה פון זיין ביטל-באַציונג צו די יידן, פון זיין קוק פון אויבן אַראָפּ אויף דעם ייד יאַנקעל. מען דאַרף אָבער זאָגן, אַז לויט

מיצקעוויטשעס צוגאַנג איז קיין שנאה צו די ייִדן אין זיין געשילדערטער סביבה נישט געווען. און לאָמיר עס אונטערשטרייכן נאָכאַמאָל: די דאָרפישע ייִדן, די ישובניקעס, די אַרענדאַרן און קרעטשמער זענען אין יענע צייטן געווען אַ טייל פון שליאַכטישן שטייגער־ און סביבה־רעקוויזיט, הגם די ייִדן האָבן פון דער שליאַכטע געהאַט אויסצושטיין גענוג צרות. מיצקעוויטשן איז אָבער קודם־כל געגאַנגען אין ווייזן דעם ייִדישן אָנטייל אין דער פּאַטריאָטישער באַוועגונג און אין אויסדריקן זיין באַציונג צו די ייִדן.

אָבער מיצקעוויטש באַגרענעצט זיך נישט בלויז צו געבן אַ טיפּ פון אַ ייִד אַ פּאַטריאָט, פון אַ ייִד, וואָס איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַמאָליקער שליאַכטישער וועלט אין ליטע און פּוילן. דער דיכטער רוקט ארויס יאַנקעלן ווי דעם טרעגער פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער מוזיק, פון פּוילישן נאַציאָנאַלן ליד, ווי דעם אינספּיראַטאָר פון פּאַטריאָטישע געפילן, ווי דעם אויסדריקער פון דעם חשבון־הנפש פון פאָלק. די דאָזיקע אויפגאַבע לעזט מיצקעוויטש אין איינעם פון די פּרעכטיקסטע און סאַמע רירנדיקע פראַגמענטן פון „פּאַן טאַדעוש" — אין באַרימטן „קאָנצערט יאַנקעליאַ" („יאַנקעלס קאָנצערט").

„יאַנקעלס קאָנצערט" איז נישט בלויז אַ שעדעווער פון פּאָעטישער קונסט, גאָר איז די שילדערונג פון די ליידן און טריומפן פון דער פּוילישער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג. אַט קלינגט אין אים אָפּ דער ווידערקול פון קאָשציוש־קאָס אויפשטאַנד און אַט רייסט זיך אַריין דער גרילץ פון דעם פּאַראַט פון די מאַגנאַטן; אַט הערט מען די עלעגישע טענער פון זעלנער־עמיגראַנטן, וועלכע וואַנדערן איבער פעלדער און וועלדער נאָך דער מפּלה פון אויפשטאַנד, און אַט טוט אַ קלונג מיט טריומף דער אָנזאָג פון דעם אָנקום פון העגריק דאָמבראָווסקי מיט זיינע לעגיאָנען. לאָמיר איבערגעבן אַ פראַגמענט פון אַט דער קאָנצערט־שילדערונג אין דער ייִדישער איבערזעצונג פון יונה שפּער, וועלכער רופט דעם דאָזיקן פראַגמענט אָן: „דער אַלטער קלעזמער".

...געווען צימבאַליסטן אַ סך,
פאַר יאַנקלען צו שפּילן זיי וואַגן קיין זאַך;
(אַווינטער אַ גאַנצן ווער ווייסט ווו געווײַלט,
האָט ער מיטן הויפּט־שטאַב צו קומען געאײַלט).
באַרימט איז דאָך יאַנקעלס געשמאַק און טאַלענט,
זיין גלייכנס נישטאָ גאָר אויף דעם אינסטרומענט.
מע לייגט אים זיין צימבל אַוועק אויף די קניען
און ס'עפענען שטאָלץ זיך די זקנישע וויען.
אַן אַלטער סאָלדאַט זיין דינסט גייט באַנייען,
און אייניקלעך גיבן פון וואַנט אים כלי־זין,

געווער, וואָס עס ליגט אים שוין לאַנג נישט אין זינען, —
לאַכט ער און פּילט, — אַז די האַנט וועט אים דינען.

צופּוסנס דערווייל די תּלמידים שוין קניען,
אויף צימבלען זיי דרימפּלען, די סטרונעס צעציען;
בלויז יאַנקל אַ שטומער מיט אויגן פאַרמאַכטע
האַלט צו נאָר די דרענגלער אין פינגער פאַרשמאַכטע.

ער הייבט זיי שוין אָן מיט טריומף צו באַוועגן,
און שניידט דורך די סטרונעס מיט שלאַקסיקן רעגן —
אַלץ איז נשתּומם, ס'איז פּרוון בלויז קליינע, פּרוון פון כּוח.
ער טוט שנעל די דרענגלער אַ הייב אין דער הויך —
און ווידער געשפּילט. מיט ציטער די קלאַנגען זיך הייבן און וויגן,
ווי ס'וואָלטן די סטרונעס באַרירן בלויז פליגן,
עס הערט זיך קוים־קוים, ווי זיי צאַפּלען און זשומען,
ער וואַרט, אַז דער רוח־הקודש זאָל קומען.
מיט בליקן מיט שטאָלצע ער קוקט אינעם הימל; אַ קוק אויף דער
כּלי.

און ס'גיסן ניגונים זיך הפלא ופלא.
אַלץ איז פאַרוואונדערט.
און דאָ מיטאַמאָל נעמען זיך שפּאַרן
די סטרוניקע קוואַלן. גלייך פון אַ גאַנצער קאַפּעלע יאַנטשאַרן,
פון פּויקן און גלעקלעך א שטראָם הייבט אָן דראַנגען,
פּאַלאַנעז פון דריטן מאַי ווערט צעגאַנגען! עס אָטעמען קלאַנגען
האַפּערדיק, פריילעך, אַז ס'הייבט אַזש אינגאַנצן
די מאַנסלייט פון ערטער און מיידלעך צום טאַנצן,
רעיונות באַגילטע ביי זקנים זיי וועקן,
זכרונות פון דריטן טאָג מאַי זיי אַנטפּלעקן.

דער מייסטער ציט שטייפער דעם טאָן אָן און קלאַנג,
לאָזט אַן אַקאָרד אָפּ, אַ טיק פון אַ שלאַנג,
גלייך ווי מיט אייזן אַ ראַץ אויף אַ שויב. עס גיט אַלץ אַ ציטער;
די שמחה פאַרשטערט איז מיט אַ בייזן געוויטער.
און ס'הערן זיך טויזנטער קולות פון האַס,

פון מאַרשן, מלחמה, אַטאַקעס, געשרייען,
פון קינדערשע קרעכצן און מאַמעס יללות. עס קלינגען כלי־זין,
און שרעקלעכע יאָכצן די מיידלעך דערהערן, —
וואָס וועקן אויף ווייען אין האַרצן און טרערן,
דערמאָנען פון פּראַגישער שחיטה די לידער,
און גליקלעך זיי זענען, וואָס יאַנקל אַ מידער
שפּילן נעמט ווידער און מאַכט דעם געפּילדער אין קבר אַנטשטומען.
און קוים איז מען צו זיך אַ ביסל געקומען,
אַ נייע מוזיק שוין: עס הערט זיך אַ זשומען
אַ שטילער, אַ לייכטער פון סטרונקעלעך דינע,
פון פליגן, וואָס רייסן געוועבסן פון שפּינען;
די טענער, די סטרונעס מע הייבט אָן דערקענען —
און ס׳בינדן אַקאָרדן זיך אויס לעגיאָנען.
און ס׳גייען אַ טאַקט אַ טאַקט נאָך אַ טאַקט שוין די קלאַנגען,
און ס׳הערן זיך ליבע־ און טרויער־געזאַנגען.

דער קלעזמער פאַרוואונדערט האָט זיך נישט דערקענט.
ער לאָזט אָפּ די דרענגלעך און הייבט אויף די הענט.

מיט אַ געוואַלדיקן געפיל שילדערט מיצקעוויטש די גרויסע מוזיקאַלישע אימפּראָוויזאַציע פון דעם קלעזמער־קינסטלער יאַנקעל, די אימפּראָוויזאַציע, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט שטאַרקן פּאַטריאָטישן גלי.

אויף דעם האָט זיך נישט אויסגעשעפּט די ראָל פון דעם ייד יאַנקעל אין „פּאַן טאַדעוש“. דער אַלטער צימבאַליסט ווערט אַוועקגעשטעלט דורך מיצקעוויטשן פּנים אל פּנים מיטן גענעראַל דאָמבראָווסקי — מיט דעם דאָזיקן גענעראַל, וועלכן עס איז געווען דערווידער נאַפּאָלעאָנס עגאָיסטישע פּאָליטיק, נאָר וועלכער איז געגאַנגען אין מלחמה מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט מען פאָרט קענען געווינען די פרייהייט פון פּוילן. דער אַלטער יאַנקעל זאָגט: „גענעראַל, לאַנג האָט אויף דיר ליטע געוואַרט, לאַנג, ווי מיר יידן אויף משיחן“. און מיצקעוויטש גיט צו: „רעדנדיק, האָט ער געוויינט, דער ערלעכער ייד האָט דאָס פּאַטערלאַנד ליב געהאַט, ווי א פּאָליאַק“. דאָמבראָווסקי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געדאַנקט.

די דאָזיקע סצענע איז מיצקעוויטשן נייטיק געווען, כדי אונטערצושטרייכן דעם אַלגעמיינעם פּראָגנאָז פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין דער שטרעבונג צו נאַציאָנאַל־מלוכהשער באַפרייונג. אין אָט דעם פּראָגנאָז זעט דער דיכטער אויך יידן. פּונקט ווי אלע פּאַטריאָטיש געשטימטע געשטאַלטן פון „פּאַן טאַדעוש“,

אַזוי האָט אויך דער ייִד יאַנקעל געהאַט אילוזיעס לגבי דעם פּוילישן אָנטייל אין נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף מאָסקווע; צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן.

ווי עס זאָל נישט זיין, איז איינס קלאָר: יאַנקעל איז איינע פון די סאַמע פּאָזיטיווע און סימפּאַטישסטע פיגור אין „פּאַן טאַדעוש“. דער דיכטער ציפּריאַן נאָרוויד האָט וועגן דעם געשריבן אָט וואָס: „אין אונדזער געליבטער נאַציאָנאַלער פּאָעמע „פּאַן טאַדעוש“ איז די איינציקע שענסטע פיגור דער ייִד (יאַנקעל). אַלע אַנדערע זענען אַוואַנטוריסטן, פּלוידער־זעק, פאַרשטאָפּטע קעפּ“.

אַרום דער געשטאַלט פון דעם ייִד יאַנקעל אין „פּאַן טאַדעוש“ האָבן זיך בשעתו געפירט לאַנגע און פאַרביסענע דיסקוסיעס. די אַמאָליקע פּוילישע נאַציאָנאַליסטישע מיצקעוויטש־פאָרשער האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט שענקען, וואָס אין „פּאַן טאַדעוש“ ווערט אַרויסגעפירט מיט אַזויפיל וואַרעמקייט אַ פּאָזיטיווע געשטאַלט פון אַ ייִד אַ פּאַטריאָטישן קאָנספּיראַטאָר.

איינער פון די באַדייטנדיקסטע פאַרמלחמהדיקע בורזשואַזע מיצקעוויטש־פאָרשער, פּראָפעסאָר פּיגאָן, האָט געשריבן, אַז יאַנקעל איז בכלל נישט קיין רעאַלע געשטאַלט, אַז דאָס איז אַ פיגור, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם דיכטערס פאַנטאַזיע, אָבער זי האָט נישט קיין שום דעקונג אין לעבן. אַן אַנדערער פאָרשער האַלט, אַז יאַנקעל איז נישט קיין אמתדיקע געשטאַלט, נאָר מיצקעוויטשעס אידעאַל פון אַ פּוילישן ייִד, דאָס הייסט — אַז דאָס איז אַ ראָמאַנטישע געשטאַלט און נישט קיין רעאַלע, נישט גענומען פון לעבן.

סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער שטאַנדפּונקט איז אַ פאַלשער. קודם כל דאַרף מען זאָגן, אַז מיצקעוויטש האָט אויסגעבויט זיין יאַנקעל־געשטאַלט אויפן סמך פון דירעקטע אָבסערוואַציעס, דערהייבנדיק זי דערנאָך מיט זיינע פּאָעטישע מיטלען, פּונקט ווי זיין גאַנצן פּערסאָנאַזש. אין אַ שמועס מיט זיין פריינד יאַנושקעוויטש האָט מיצקעוויטש דערמאָנט אַן עלטערן, בכבודיקן ייִד, וועלכן ער פלעגט באַגעגענען אין זיינע יוגנט־יאָרן אין דער היים פון זיינע באַקאַנטע די ווערעשטשאַקעס אין מערב־ווייסרוסלאַנד. „אָפט פלעג איך זיך צוהערן, — האָט געזאָגט מיצקעוויטש, — צו די שמועסן פון פרוי ווערעשטשאַק מיטן רב, אַ געלערנטן און ערנסטן ייִד, און זיין אָנדענק האָב איך געוואָלט פאַרקערפּערן אין יאַנקעלס פיגור“. פאַקטיש איז דאָס נישט געווען קיין רב, נאָר אַ תבואה־סוחר, וועלכער איז געגאַנגען לויט דעם דעמאָלטיקן שטייגער אין דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער הלבשה. פון אָט דעם ייִד האָט מיצקעוויטש גענומען די אויסערלעכע זייט פון זיין יאַנקעל און אפשר אויך אַזעלכע שטריכן זיינע, ווי לעבנס־חכמה, ערלעכקייט, סאָלידקייט, נאָענטקייט מיט די פּוילישע לאַנדווירטן וכדומה. אַנדערע שטריכן צו דער יאַנקעל־פיגור האָט מיצקעוויטש גענומען פון דעם טאַלענטירטן ייִדישן מוזיקאַנט ליבערמאַן, מיט וועלכן דער דיכטער האָט זיך באַקאַנט אין פּעטערבורג.

מיצקעוויטש האָט זיך אָפּט צוגעהערט צו ליבערמאַנס קאָנצערטן אויף אַ ציטרע און אים אַפילו געגעבן זיין אונטערשריפט אויף אַ בוך.

דאָס געשטאַלט פון אַ סימפּאַטישן, האַרציקן, מערב-ווייסרוסישן ייד האָט זיך אין מיצקעוויטשעס געדעכעניש געבונדן מיט זיינע קינדהייט- און יוגנט-יאָרן און מיט זיין היימערד. דעם דיכטערס פריינד אַלעקסאַנדער כאָדזשקאָ גיט איבער, אַז מיצקעוויטש האָט אַמאָל אַזוי געזאָגט:

„אין ערגעץ, אין קיין שום אָרט אויף דער ערד, איז נישט פאַראַן אַזאַ פריי-לעך לעבן ווי אין די ליטווישע (מערב-ווייסרוסישע) דערפער און קליינע הויפן. פאַראַן דאָרטן אַזוי פיל פרייד, ליבע, געמיינזאַם, אומצעררייסלעך גליק. אפשר איז שוין נישט באַשערט צו געניסן מער פון אָט דעם לעבן, אָבער מיר מוזן עפּעס טאָן, כדי צו פאַראייביקן דאָס טייערע נאַציאָנאַלע קערנדל און איבערגעבן דאָס גאַנצע ווערט זיינס. פון אַזאַ לעבן האָב איך שפּעדיק גענאָסן צווישן די יאָרן 1815 און 1820, בפרט אינעם הויז פון די ווערעשטשאַקעס (אין טוהאַנאָוויטש און פּלו-זשין), ווו מיר פלעגן קומען צופאָרן צוזאַמען מיט טאָמאַש זאַן און אַנדערע צו פאַרברענגען די פעריעס. גאַנצענע נעכט אין די וועלדער, ביי די אָזיערעס.

„...אַלע פלעגן זיך באַמיען וועגן כסדרדיקע פאַרווייליגגען — דער רב, דער דאָקטאָר, דער גלח — טיפּן, ליבעס, ראָמאַנסן. דאָ איז אַנטשטאַנען דער אָנהייב פון מיין פּאָעזיע“.

ווי מיר זעען, האָט צו דעם סימפּאַטישן און לעבן-לוסטיקן פּערסאָנאַזש, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם דיכטער אין זיין יוגנט, געהערט אויך דער ייד, וועלכן מיצקעוויטש רופט אָן „רב“. דער ייד איז אַזויאַרום ביי מיצקעוויטשן אַן אָרגאַ-נישער טייל פון מערב-ווייסרוסישן, ליטווישן פאָלקס-פּערסאָנאַזש. פון דאנען שטאַמט, ווי געזאָגט, אַ טייל פון דער גענעאַלאָגיע פון זיין יאַנקעל.

מיצקעוויטש האָט חוץ דעם אויסגעשטודירט די פּאָליטישע געשעענישן און כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון דער צייט, וואָס ווערט באַשריבן אין „פּאַן טאַדע-אוש“, און פון דער נאַפּאָלעאָנישער קאַמפּאַניע אויף מזרח. ער האָט געווים געהערט וועגן דעם פאַל, אַז דער גענעראַל דאָמבראָווסקי האָט געהאַט אַ גרופּע איבערגעגע-בענע יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ווי זיינע געהיימע שלוחים אין הינטערלאַנד פונעם קעגנער. עס זענען אַפילו באַקאַנט עטלעכע פון די דאָזיקע יידן: כאַצקל יאַנקעלעוויטש, יאַנקל יאַנקעלעוויטש און יאָסל יאָסעלעוויטש. איינער פון זיי האָט געשמט ווי אַ טאַלאַנטירטער מוזיקאַנט. אַזויאַרום האָט מיצקעוויטש אַסאָציאירט פאַרשידענע יידישע פיגורן און זייערע צונויפגעשמאָלצן אין איין פּאָזיטיווער געשטאַלט פון זיין יאַנקעל אין „פּאַן טאַדעאוש“. דאָס אַלץ באַווייזט אינגאַנצן קלאָר, אַז מיצקעוויטשעס יאַנקעל איז נישט קיין פּראָדוקט פון הוילער דיכטערישער פאַנ-טאַזיע, נאָר זי איז געשעפּט פון לעבן — פּונקט ווי די אַנדערע פיגורן פון דעם גרויסן ווערק.

דעריבער זענען אויך נישט געווען געערעכט געוויסע יידישע פאָרשער, למשל, חיים לעוו (אין זיין ארבעט „יאנקעלס גענעאלאָגיע“, אין „מיעשענטשניק זשידאָווסקי“ נ. 5, פון מאי 1934), וועלכער האָט געהאלטן, אז מיצקעוויטש האָט זיין יאַנקעל־געשטאַלט גענומען פון דער ליטעראטור און נישט פון לעבן. היות, — שרייבט חיים לעוו, — שוין אין יאָר 1807 האָט מען אויפגעפירט אין ווארשע אַ פויליש־פאַטריאָטישע קאָמעדיע פון די קאָשציושקאָ־צייטן, און עס טרעט אין איר אַרויס א ייד משה, וואָס איז אויך גרייט צו גיין קעמפן פארן פאָטערלאַנד, און אין יולי 1812 האָט מען אויפגעפירט א צווייטע ענלעכע קאָמעדיע, האָט מיצקעוויטש זיך געקאָנט דערוויסן וועגן אָנטייל פון יידן אין די פוילישע באפרייאונגס־קאַמפן, און דאָס זאָל אים האָבן אינספירירט צו שילדערן א פאָזיטיווע יידישע געשטאַלט אין „פאַן טאַדעאוש“. דער זעלביקער חיים לעוו האָט ארויסגערוקט נאָך א סברה, אז מיצקעוויטש זאָל האָבן גענומען זיין יאַנקעל פון יאַן טשינסקיס א ראָמאַן וועגן דעם טראגישן גורל פון יידן־פאַטריאָטן, מיט איין וואָרט: לויט דעם דאָזיקן מחבר קומט אויס, אַז יאַנקעל איז א טיפ גענומען פון דער ליטעראַטור און נישט פון לעבן.

דאָס אַלץ זענען סתם סברות און באדייטן פאקטיש א פארמינערונג פון יאנקעלס געשטאַלט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז מיצקעוויטש האָט זיך אינטערעסירט מיט יידישע פראַגן שוין אין זיין ווילנער פעריאָד. נאָך דער מפלה פון דעם באָוועמבער־אויפשטאַנד האָט ער זיך געטראָפן מיט פאָליטישע עמיגראנטן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ סך יידן. מיצקעוויטש האָט שטאַרק געהאַלטן פון לעלעוועלן, און איינער פון די נאָענטסטע מענטשן פון דעם לעצטן איז געווען דער יידישער דעמאָקראַט און געוועזענער אויפשטענדלער יהושע לובלינער, מיט וועלכן מיצקעוויטש האָט זיך געווים געקענט. דאָס אלץ האָט געדינט פאר מיצקעוויטשן ווי אַ זיכערער גרונט אויסצובויען אזא געשטאַלט ווי יאנקעל. די קאָנקרעטע שטריכן צו יאַנקעלס פיזיאָנאָמיע און פעיקייטן האָט דער דיכטער געשעפט פון לעבן, ווי מיר האָבן דאָס שוין אָנגעוויזן אין שייכות מיטן אַלטן יידישן סוחר פון ווייסרוסלאַנד און מיטן באַגאַבטן יידישן מוזיקאַנט פון פעטערבורג.

געוויסע יידישע בירגערלעכע פאָרשער האָבן אַרויסגערוקט דעם מאָמענט, אַז די ווייסרוסישע יידן זענען אין אָנבליק פון דעם פראַנצויזיש־רוסישן קאָנפליקט געשטאַנען אויף דער זייט פון רוסלאַנד און אָנטיילגענומען אין דער פאַטריאָטישער טעטיקייט לטובת דעם אָנגעגריפענעם דורך נאַפּאָלעאָנען רוסלאנד. פון דעם זאָל מען, הייסט עס, דריגגען, אז יאנקעל האָט נישט געקאָנט זיין אויף דער זייט פון די פאָליאַקן.

אַזאַ צוגאַנג קאָן האָבן נאָר אַזאַ פאָרשער, וואָס זעט אין די יידן אן איינהייטלעכע מאסע. עס איז אמת און עס איז אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך, וואָס די מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאנד און ווייסרוסלאַנד האָט פארנומען

לגבי זייערע היימלענדער אַ ריכטיקע פּאַטריאָטישע שטעלונג און זיך איינגעשלאָסן — לויט זייער אופן און מעגלעכקייטן — אינעם אַלגעמיינעם פראָנט פון גאַנץ רוסלאַנד אין דער גערעכטיקער מלחמה קעגן די פראַנצויזישע אַגרעסאָרן. דעם אויפרוף פון ליאדער רבין שניאור זלמן (דעם גרונד־לייגער פון לובאַוויטשער חסידות) צו די רוסיש־ווייסרוסישע יידן, זיי זאָלן העלפן רוסלאַנד אין דער גערעכטיקער פּאַטערלענדישער מלחמה, קאָן מען ריכטיק פארשטיין נאָר אין צוזאמענהאַנג מיט די פּאַטריאָטישע געפילן פון די דאָרטיקע יידן. דערביי קאָן מען, נאַטירלעך, נעמען אין אַכט אויך דעם רעליגיעזן מאָמענט, די מורא פון שניאור זלמן פאַר דעם „פרייגייסט" נאַפּאָלעאָן, נאָך וועלכן עס האָט זיך געטראָגן אויך א וויטער אַנטיקלעריקאַלער אָפּהילך פון דער לאַנג דערשטיקטער דורכן טערמידאָר פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער ספּעציפישער אָנטייל פון די רוסיש־ווייסרוסישע יידן אין דער פּאַטערלענדישער מלחמה אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל.

אָבער די יידן פון וואַרשעווער פירשטנטום זענען, אין אַלגעמיין גענומען, געווען אויף דער זייט פון דעם פוילישן אָנטייל אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי. נישט געקוקט דערויף, וואָס די יידישע באַפעלקערונג פון וואַרשעווער פירשטנטום איז אָפּגעגנאַרט געוואָרן דורך נאַפּאָלעאָנען און דער אים אונטערליגנדיקער רעגירונג פון דעם פירשטנטום, האָבן זיי פונדעסטוועגן דאָ נישט געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע צרות, ווי די רוסיש־ווייסרוסישע יידן אונטער דער בלוטיקער הערשאַפט פון ניקאָליי דעם ערשטן מיט אירע גזירות פון פארטרייבן די יידן פון די דערפער, מיט די גזירות פון די קאַנטאָניסטן, תחום המושב אדגל. גלייבנדיק, אין זייער נאַיוויטעט, — פונקט ווי דער רוב פּאָליאַקן — אַז נאַפּאָלעאָן און זיינע פוילישע לעגיאָנען וועלן ברענגען א פריי אומאָפּהענגיק פוילן, האָבן אָנגעזעענע טיילן פון די פוילישע יידן פארנומען אַן ענלעכע שטעלונג ווי די פוילישע באַפעלקערונג. נישט אַלע זענען געווען אַזוי ווייטזעעוודיק, ווי קאָשציושקאָ, וועלכער האָט אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי אַלס פירער פון פוילישן מיליטער. די דעמאָלטיקע חסידים־אָנפירער אין פוילן, רבי יעקב יצחק פון לובלין, רבי מנחם מענדל פון רימאַנאָוו, רבי יעקב יצחק פון פּשיסכע אא., האָבן אגיטירט פאַר באַטייליקן זיך אין דער מלחמה קעגן רוסלאַנד. עס זענען געווען קעגנזעצלעכע קלאַסן־אינטערעסן צווישן דער יידישער פּלוטאָקראַטיע און דער יידישער פּאָלקס־מאַסע. למשל אין ליטע איז די יידישע באַפעלקערונג געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן: איין לאַגער איז געווען פאַרבונדן מיט רוסלאַנד, אַ צווייטער מיטן וואַרשעווער פירשטנטום.

אָבער מיצקעוויטש האָט זיך נישט געשטעלט אין „פּאַן טאַדעאוש" פאַר אַ ציל צו לעזן די אַלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. פאַרפירט דורך דעם קולט פאַרן פוילישן אָנטייל אין נאַפּאָלעאָנס מאַרש, האָט מיצקעוויטש געוואָלט ברענגען צום אויסדרוק זיין שטעלונג צום פוילישן פּאַטריאָטיזם. און אין דעם פּוילישן

פאַטריאָטישן לאַגער האָט ער איינגעשלאָסן אויך די יידן. אין דער הינזיכט איז ער געווען טריי דעם היסטאָרישן אמת. אַן אַנדער זאַך, אַז די דאָזיקע האָפענונג און שטעלונג אויף נאַפאָלעאָנען האָט געבראַכט א ביטערע אַנטוישונג — סיי די פאָליאקן, סיי די פוילישע יידן.

אין דער אונטערשטער שורה דאַרף מען זאָגן:

„פאַן טאַדעאוש" איז די גרעסטע קינסטלערישע און רעאַליסטישע דערגרייכונג פון אַדאַם מיצקעוויטש. אָבער די צוויי נעגאַטיווע שטריכן אין דעם גרויסן ווערק זענען: די פאַלשע איינשטעלונג אויף א באַפרייערישער מיסיע פון דעם אַגרעסאָר נאַפאָלעאָן; און — די איינזייטיקייט פון בילד פון דער דעמלטיקער פוילישער ווירקלעכקייט, דאָס באַגרענעצן זיך בלויז צום שליאַכטישן פערסאָנאַזש.

דאָס זעלבע איז נוגע דעם יידישן מאָמענט, וואָס ווערט פארקערפערט אין יאנקעלס געשטאַלט. יאנקעל ווערט געשילדערט ווי א דרייסטער, פאטריאָטישער, אומאייגננוציקער, אַלגעמיין באַליבטער מענטש, און דאָס איז איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון מיצקעוויטשן גופא און אַנטשפרעכט דעם היסטאָרישן אמת. אָבער איינצייטיק ווערט נישט אויפגעקלערט אין „פאַן טאַדעאוש" דער גאַנצער ווידעראַנאַנדיקער קנויל פון דעם יידישן אַספּעקט אין פוילן און ליטע אין דעם יאָר 1812.

מיטן אָנשרייבן „פאַן טאַדעאוש" פארענדיקט מיצקעוויטש זיין גרויסע, באַרג־אַרויפיקע קינסטלערישע טעטיקייט. פון איצט אָן ווארפט ער זיך אריין נאָך מער ווי פריער אין דער געזעלשאַפטלעכער, פאָליטישער אַרבעט.

קאַפּיטל פינף

„די טריבונע פון די פעלקער"

מיטן דערשיינען פון „פאַן טאַדעוש" האָט מיצקעוויטש דערגרייכט דעם סאַמע העכסטן שפּיץ פון דער פוילישער פאָעזיע און איז אָנערקענט געוואָרן פאַרן גרעסטן פוילישן דיכטער. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז זיין מאַטעריעלע לאַגע געווען זייער אַ שווערע. ער פאַרלייגט אַ משפחה, האָט חתונה מיט צעלינאַ שימאַנאָווסקאַ, אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטער פיאַניסטין, ער ווערט אַ טאַטע פון קינדער, און זיין מאַטעריעלע לאַגע פאַרערגערט זיך נאָך מער. ער טראַכט אַפילו וועגן אַוועקגעבן דעם עלטסטן זון פאַר אַ געזעלן צו אַ באַלמעלאָכע, אָבער די פרוי דערלאָזט נישט דערצו. וועלנדיק זיך אַרויסהעלפן עקאָנאָמיש און שטרעבנדיק אויך צוצוקומען מיטן וואָרט צו דער פראַנצויזישער לייענערשאַפט, שרייבט מיצקעוויטש צוויי דראַמעס אויף פוילישער טעמאַטיק, אָבער אין דער פראַנצויזישער שפראַך. דאָס זענען די דראַמעס וועגן דער קאָנפעדעראַציע אין באַר און וועגן יאַקוב יאַשינסקי. די ערשטע, וועלכע דער מחבר האָט פאַרענדיקט אין יאָר 1836, איז געבויט אויף דער היסטאָרישער געשעעניש, וואָס אַ טייל פאַטריאָטיש געשטימטע שלאַכטע־לייט האָבן אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן דער אַגרעסיע פון דער צאַרישע יעקאַטערינע די צווייטע. דער דאָזיקער ריין־שלאַכטישער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן, ווייל זייערע אָרגאַניזאַטאָרן האָבן נישט געוואָלט אַפילו טראַכטן וועגן דעם פויערים־פראָבלעם און געשטרעבט צו ראַטעווען די זעלבשטענדיקייט פון דער פריצישער פוילישער מלוכה מיט איר גאַנצן פעאָדאַלן אונטערדריקונגס־סיסטעם, אָן שום ענדערונגען און רעפאָרמעס. די צווייטע דראַמע, וועלכע מיצקעוויטש האָט אויסגעפאַרטיקט אין דעם זעלביקן יאָר 1836, האָט זיך פאַרנומען מיט דער סאַמע פראָגרעסיווסטער געשטאַלט פון דעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד, מיטן פוילישן יאַקאָבינער און רעוואָלוציאָנערן דיכטער יאַקוב יאַשינסקי, וועלכער איז געפאַלן אין שלאַכט קעגן צארישן מיליטער. ווי מען קאָן אַרויסדרינגען פון די עטלעכע פאַרבליבענע פראַגמענטן פון אָט דער דראַמע, האָט

מיצקעוויטש פֿאַרנומען אין איר אַ בפֿירוש פּראָגרעסיווע שטעלונג. ער שטעלט אַוועק פֿון איין זייט — דעם פֿאַרעטער, דעם מאַגנאַט העטמאַן קאָסאַקאָווסקי, און פֿון דער צווייטער — דעם יאַקאָבינער יאַשינסקי. מיצקעוויטש אַנטפּלעקט זיך דאָ אינגאַנצן אין אַן אַנדער ליכט, ווי אין „פּאַן טאַדעוש“. זיין פּאָזיטיווער אידעאַל איז דער יאַקאָבינער, ער דערזעט שוין די ראָל פֿון די פֿאָלקס־מאַסן.

די צוויי פֿראַנצויזיש געשריבענע דראַמעס האָבן אָבער נישט פֿאַרווירקלעכט מיצקעוויטשעס האָפֿענונגען. זיי זענען אויף דער פֿראַנצויזישער בינע נישט אַריין. זיי האָבן נישט געבראַכט נישט קיין גייסטיקן, נישט קיין מאַטעריעלן דערפֿאָלג.

נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, מוז מיצקעוויטש פֿאַרלאָזן פּאַריז און אָפּפֿאָרן קיין לאָזאַן, אין דער שווייץ, וווּ ער באַקומט אין יאָר 1839 אַ קאַטעדרע פֿון דער לאַטייִנישער ליטעראַטור אין דער דאָרטיקער הויכשול. מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז מיצקעוויטש האָט פֿאַרמאָגט זייער אַ גרויסן וויסן. מיצקעוויטש איז געווען אין זיין צייט איינער פֿון די בעסטע קענער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, בפֿרט פֿון דער אַנטיקער און פֿון דער סלאַווישער. טרײַ זיין איינשטעלונג וועגן דער גרויסער ראָל פֿון דער פֿאָלקס־ליטעראַטור, לייגט ער אין זיינע לאָזאַנער לעקציעס דעם טראָפּ אויף די פֿאָלקסטימלעכע עלעמענטן אין דער לאַטייִנישער ליטעראַטור. אין דער הינזיכט האָבן מיצקעוויטשעס לאָזאַנער לעקציעס אַ פּיאָנערישן באַטייט.

די דאָזיקע פּעדאַגאָגישע טעטיקייט האָט אָבער מיצקעוויטשן נישט באַפֿרידיקט. צו פֿיל איז ער שוין אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע יאָרן געווען אַריינגעטאָן אין דער קאָכעדיקער פּאָליטישער אַרבעט, ער זאָל קאָנען זיצן רויִק אין אַ שווייצאַרישער שטאָט און זיך פֿאַרנעמען בלויז מיט דער אַנטיקער ליטעראַטור. חוץ דעם, האָט ער ווייטיקלעך אָפּגעפֿילט דעם פֿאָרויסמאַרש פֿון די רעאַקציאָנערע כּוחות אין אייראָפּע און בפֿרט אין פֿראַנקרייך.

אין דעם דאָזיקן, לאָזאַנער, פּעריאָד איז מיצקעוויטשעס געמיט אינגאַנצן אַן אַנדערער, ווי למשל אין זיין רוסישן פּעריאָד. אַ מיטצייטלער שילדערט מיצקעוויטשן אין דעם לאָזאַנער פּעריאָד מיט די פֿאָלגנדיקע ווערטער:

„ער איז ס׳רוב אומעטיק און פֿאַרטראַכט, די אומגליקן האָבן שוין אויסגעקריצט קנייטשן אויף זיין שטערן. ער איז תּמיד רויִק, שטיל, אָבער מען פֿילט פֿון זיין בליק, אַז אָט וועט אַ פֿונק אָנצינדן אַ פֿלאַם אין זיין ברוסט“.

דער דאָזיקער געמיט־צושטאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער שווערער פּאָליטישער לאַגע, וועלכע האָט אויף מיצקעוויטשן שטאַרק געדריקט. אויף דעם באָדן פֿון אַזעלכע שווערמוטיקע שטימונגען זענען אויפֿגעקומען זיינע לירישע לידער פֿון דעם לאָזאַנער פּעריאָד.[1] אין אָט דער ליריק קומען צום אויסדרוק די ווי־

[1] „Liryki Lozańskie“.

דערראַנגאַנדיקע געפֿילן אין דעם דיכטערס געמיט. פֿון איין זייט — טרויער און פֿאַרצווייפֿלונג, פֿון דער צווייטער — דער גלויבן, אַז טראָץ אַלעמען וועט זיין נשמה זיין ווי אַן אייביק פֿלאַקערנדיקער פֿונק, זי וועט זיך אַנטוויקלען און שאַפֿן אַלץ נייע און נייע ווערטן. די דאָזיקע אומרואיקע ליריק שפּיגלט אָפּ נישט בלויז דעם געמיט־צושטאַנד פֿונעם דיכטער, נאָר די געפֿילן פֿון אַלע ערלעכע, פּראָגרעסיווע פּוילישע עמיגראַנטן, וועלכע שטרעבן צו מעשים און זעען אַרום אַ שטייגנדיקע כוואַליע פֿון רעאַקציע און פֿון קאַלטקייט. ווען מיצקעוויטש זינגט אויס אין די לידער פֿון דער „לאָזאַנער ליריק" זיין טרויער, ווען ער זאָגט בלחש: „עס האָבן אַ פֿלייץ געטאָן די טרערן מיינע ...אויף מיין מעגלעכן עלטער, אויפֿן עלטער פֿון מפּלה"[2] — איז עס נישט סתם אַן אויסדרוק פֿון פּערזענלעכן צער, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פֿון דעם אומעט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיין סביבה, די פּוילישע פּאָליטישע עמיגראַציע, אין די דעמאָלטיקע צייטן פֿון וואַקסנדיקער רעאַקציע אין פֿראַנקרייך.

די דאָזיקע שווערע לאַגע האָט אַריינגעבראַכט אַ צעמישונג אינעם לאַגער פֿון די פּוילישע ראָמאַנטיקער. צוויי באַדייטנדיקע פֿאָרשטייער פֿון פּוילישן ראָמאַנטיזם, באָהדאַן זאַלעווסקי און סעווערין גאָשטשינסקי, פֿאַלן אַריין אין מיסטיציזם. אין דער פּוילישער סביבה אין פּאַריז באַווייזט זיך אַ פֿאַרדעכטיקטער פֿאַרשוין פֿון ליטע אַנדזשעי טאָוויאַנסקי, וועלכער פּריידיקט אַ מעסיאַניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע טעאָריע, בכן פּוילן איז דער קריסטוס פֿון די פֿעלקער, פּוילן איז אויסגעקליבן דורך גאָט אָפּצוקומען פֿאַר די זינד פֿון אַלע אומות, און אַז די ישועה וועט קומען נישט דורך קאַמף, נאָר דורך אַ געטלעכן נס. ווייטער האָט טאָוויאַנסקי געפּריידיקט, אַז נישט דורך אַקטיווער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט, נישט דורך קאַמף וועט מען דערנענטערן דעם גם פֿון געווינען פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, נאָר אויפֿן וועג פֿון ליימערונג דורך יסורים און דורך דערפֿירן די אייגענע נשמה צו אויסגעצייכנטקייט; וואָס מער יסורים דאָס פֿאָלק וועט ליידן, אַלץ נענטער איז די ישועה, — האָט געלערנט טאָוויאַנסקי. געוויסע פֿאָרשער, און בתוכם פּראָפֿ. טאַדעוש באָי־זשעלענסקי, האָבן אַפֿילו געהאַלטן, אַז טאָוויאַנסקי איז געווען אַ געהיימער אַגענט פֿון צאַריזם און זיין אויפֿגאַבע זאָל האָבן געווען אַריינצופֿירן אַ צעמישונג אין דער פּוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע אין פּאַריז, שטויסן די דאָזיקע עמיגראַציע אויף מיסטישע וועגן, כדי אַזוי אַרום זי אַנטוואָפֿענען פּסיכיש און אידעיש. די זאַך איז נאָך אָבער נישט אויסגעפֿאָרשט ביזן סוף.

ווען טאָוויאַנסקי האָט זיך געזאַוועט אין פּאַריז, האָט זיך שוין מיצקעוויטש געהאַט צוריקגעקערט אַהער פֿון לאָזאַן; ער האָט באַקומען אין פּאַריז אַ קאַטעדרע פֿון די סלאַווישע ליטעראַטורן אין דער באַרימטער הויכשול קאָלעזש דע פֿראַנס.

---

[2] „polały się łzy me... na mój wiek męski, wiek klęski".

מיצקעוויטש (און סלאָוואַצקי און אויך אַנדערע עמיגראַנטן) פאַלן אַרונטער אין משך פון א געוויסער צייט אונטער טאָוויאַנסקיס שעדלעכן איינפלוס. א פאַרדעכטיקטע ראָל האָט דערביי געשפילט טאָוויאַנסקיס אַ מיטאַרבעטערין, אַ געוויסע קסאַווערע דייבעל, אַ משומדת פון ווילנע, אַ לערערין פון געזאַנג, וועלכע האָט זיך אַריינבאַקומען אין מיצקעוויטשעס הויז ווי אַ דערציערין פון זיינע קינדער. די דייבעלס האָבן אין ווילנע געהאַט אַ פענסיאָנאַט, און מיצקעוויטש פלעגט דאָרטן אין די אַמאָליקע ציטן פאַרברענגען. מיט טאָוויאַנסקיס טעטיקייט איז אויך פאַרבונדן אַ געוויסער יידישער אַספעקט, וועגן וועלכן מיר וועלן רעדן באַזונדער.

טאָוויאַנסקיס איינפלוס האָט, ווי געזאָגט, אָנגעהאַלטן אין משך פון עטלעכע יאָר. טאָוויאַנסקין איז געגאַנגען אין אויסנוצן פאַר זיין מיסטישער מעסיאַניסטישער פראָפאַגאַנדע מיצקעוויטשעס אָנערקענטן און באַרימטן נאָמען. אָבער אין יאָר 1844 האָט זיך טאָוויאַנסקי אַליין דעמאַסקירט. ער איז דעמאָלט אָפן אַרויסגעטראָטן מיט פראָגראַם פון זוכן אַ פשרה מיטן צאַריזם. יוליוש סלאָוואַצקי, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַטיזם, האָט זיך דער ערשטער געכאַפט אויף טאָוויאַנסקיס דיווערסיע, און דער ערשטער זיך אויסגעניכטערט און איבערגעריסן מיטן מעסיאַניסטישן קרייז. נאָך אים זענען אַוועק אַנדערע אויסגעניכטערטע אָנהענגער פון טאָוויאַנסקין. מיצקעוויטש האָט זיך לאַנג געוואַקלט. ערשט די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1846 האָבן אַרויסגעריסן מיצקעוויטשן פון טאָוויאַנסקיס מיסטישער וועלט. דער דיכטער רייסט דעמאָלט איבער ראַדיקאַל מיטן טאָוויאַניזם, הגם דאָ און דאָרט וועט מען נאָך ביי אים הערן א ווידערקול פון דעם פאַרפירערישן פוילישן משיחיזם.

מיצקעוויטשעס איבעררייסן מיט טאָוויאַנסקין האָט דער לעצטער זייער שטאַרק געפילט. ער איז אַרויס אין קאַמף קעגן מיצקעוויטשן. ער האָט געוואָרפן דעם לאָזונג: „עס איז בעסער פאַר אונדז (דער צאַר) ניקאָליי, איידער אַדאַם (מיצקעוויטש), ווייל יענער פאַרמאַכט פאַר אונדז די ערד, בעת דער פאַרשליסט פאַר אונדז דעם הימל“. אָבער טאָוויאַנסקי איז שוין דעמאָלט געווען באַנקראָט, און זיין רוף, אַז „בעסער איז ניקאָליי“, האָט אים אַוועקגעשטעלט אָדם נאַקעט.

אַ געוויסער עלעמענט פון דעם טאָוויאַנישן מעסיאַניזם שטעקט נאָך אין מיצקעוויטשעס לעקציעס וועגן די סלאַווישע ליטעראַטורן, וואָס ער האָט געלייענט אין קאָלעזש דע פראַנס. „פוילן, — האָט מיצקעוויטש געזאָגט, — וועט נישט געווינען די אומאָפהענגיקייט נישט אַדאַנק די דעמאָקראַטן און נישט אַדאַנק די אַריסטאָקראַטן, נאָר דורך אינגאַנצן אַן אַנדער אופן — דורך אַ נס, וואָס וועט קומען מן השמים, פון גאָטס ווילן“.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ אופן פון אַוועקשטעלן די פראַגע איז געווען אַן ערנסטער שריט צוריק אין מיצקעוויטשעס אידעאָלאָגיע. אָבער צום גליק איז דער דאָ-

זיקער עלעמענט געווען אין די לעקציעס גאַנץ שוואַך רעפּרעזענטירט. אַ כּך שטאַרקער פֿון דעם ווידערקול פֿון טאָוויאַנסקיס פֿאַרפֿירערישן מעסיאַניזם איז אין מיצקעוויטשעס לעקציעס געווען דער שאַרפֿער סאָציאַלער אַקצענט. מיצקעוויטש האָט נישט בלויז געשטעלט אויף זייער אַ הויכער מדרגה די פֿאָלקסטימלעכע מאָטיוון פֿון די סלאַווישע ליטעראַטורן, ער האָט נישט בלויז געגעבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פֿון דער רוסישער און פּוילישער ליטעראַטור און מיט גרויס וואַרעמקייט גערעדט וועגן פּושקינען און אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון רוסישן ליטעראַרישן שאַפֿן; ער האָט אויך שאַרף אַטאַקירט די קאַטוילישע קירך און דעם וואַטיקאַן, ער האָט אויפֿגעשטעלט אַן אמתדיק טרויעריק בילד פֿון די פֿעאָדאַלע באַציונגען אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. אין איינער פֿון זיינע לעקציעס האָט מיצקעוויטש געזאָגט אָט וואָס:

„מיר האָבן איינגעפֿירט די סאַמע טרויעריקסטע אָרדענונג, וואָס איז פֿאַראַן אין דער וועלט, אַן אָרדענונג, אין וועלכער די מאַכט איבער די פּויערים האָבן די הויף־עקאָנאָמען און האַרן. דאָס איז די סאַמע טרויעריקסטע מאַכט, ווייל זי ווייסט בלויז פֿון מסירות און שטראָפֿן, ווייל זי לאָזט נישט צו קיין אָנקלאָגן און קיין פֿאַרטיידיקונג, קיין פֿאַרהער און קיין געריכט און קיין אורטייל... אַזאַ מאַכט האָבן מיר געוואָלט אַנטוויקלען און פֿאַרבינדן זי מיט דער קלעריקאַלער מאַכט... אַזוי־אַרום זענען מיר ענלעך געוואָרן צו אַ סטאַדע, וועלכע צערייסט און פֿרעסט אויף דעם אייגענעם פֿאַרוווּנדעטן חבר“. ווייטער טרעט מיצקעוויטש שאַרף אַרויס קעגן דער צביעות און אונטערדריקונג פֿון קלער. ער גרייפֿט אָן דעם יעזואיטיזם און די אינקוויזיציע.

ווי געזאָגט, האָבן די געשעענישן פֿון 1846 אַ שטויס געטאָן מיצקעוויטשן איבערצורייסן מיט טאָוויאַנסקין. די שטאַרקע סאָציאַלע און אַנטיקלעריקאַלע אָנלאָדונג, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין מיצקעוויטשעס לעקציעס אין קאָלעדזש דע פֿראַנס, פֿאַרשטאַרקן זיך נאָך מער אין יאָר 1846 — אין דעם יאָר, וואָס איז געווען אין די פּוילישע געביטן אַ מעכטיקער פֿאָרשפּיל צום פֿעלקער־פֿרילינג. אין יאָר 1946 זענען פֿאָרגעקומען אין קראָקע גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וועלכע האָבן באַקומען זייער אַ הויכע אָפּשאַצונג מצד מאַרקסן און ענגעלסן. אין סאַמע אויבנאָן פֿון די געשעענישן רוקט זיך אַרויס דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט עדוואַרד דעמבאָווסקי, וועלכער אַנטוויקלט אַ פּראָגראַם פֿון אַ קאָנסעקווענטער לעזונג פֿון דער פּויערים־פֿראַגע. דעמבאָווסקי האָט אויך פֿאָרמולירט אַ פּראָגראַם פֿון לעזן די יידן־פֿראַגע, פֿון פֿולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג. די יידישע פֿאָלקס־מאַסע האָט אָנטיילגענומען אין די קאַמפֿן. עס רוקט זיך דערמיט אַרויס אין פֿאָדערגרונט אויך די געשטאַלט פֿון דעם פּאַטריאָט און קעמפֿער פֿאַר די רעכט פֿון די יידישע מאַסן — הרב בער מייזעלס.

אַזוי אַרום איז אַריינגעקומען אַן ערנסטע ענדערונג אין די שטימונגען פון די דעמאָקראַטיש-איינגעשטעלטע פוילישע עמיגראַנטן אין פאַריז. עס איז שוין נישטאָ מער קיין באָדן פאַר דעם עלעגישן טאָן פון דער לאָזאַנער ליריק. מיצקעוויטש ווערט אַרויסגעריסן פון זיינע מעסיאַניסטישע חלומות, עס רופן זיך ווידער ביי אים אָפ דער אַקטיווער טוער, די קעמפערישע נאַטור, און ער לאָזט אַרויס צו זיינע אָנהענגער און פריינט דעם רוף „אַוועקצוּוואַרפן דעם קלויסטער פון אייגענער אינערלעכקייט", ווייל (ווי ער דריקט זיך אויס ווייטער): „דער ענדגילטיקער טעטיקייט-ציל פון דעם פאָליאַק דאַרף זיין דאָס אויפשטעלן אַ נייע געזעלשאַפט!"

אין אַ פיבערדיקער שטימונג גייען אַדורך אין מיצקעוויטשעס סביבה די ווייטערדיקע צוויי יאָר. עס קומט אָן דער פעלקער-פרילינג פון 1848. אין משך פון דעם דאָזיקן יאָר אַנטוויקלט מיצקעוויטש אַן ענערגישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ער פאָרט קיין איטאַליע און שטרעבט צו אָרגאַניזירן אַ פוילישן לעגיאָן, וועלכער זאָל קעמפן אַקסל ביי אַקסל מיט דער איטאַליענישער פרייהייטס-באַוועגונג קעגן דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע — מיטן ציל צו דעראָבערן די אומאָפהענגיקייט פון פוילן. דער פוילישער לעגיאָן דאַרף, לויט מיצקעוויטשעס איינשטעלונג, זיין דורכגעדרונגען מיט אַ רעפובליקאַנישן און סאָציאַליסטישן גייסט.

אין איטאַליע שרייבט מיצקעוויטש אָן דעם פראָגראַם פון קינפטיקן פרייען פוילן; ער רופט אים אָן: „דער צוזאַמענשטעל פון די פרינציפן".[3] מיצקעוויטש רוקט אַרויס די פאָלגנדיקע פרינציפן: פרייהייט פון רעליגיע, פרייהייט פון וואָרט, גלייכקייט פון אַלעמען לגבי דעם געזעץ, אַלגעמיינע וואַל-רעכט, גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און פאַר די פרויען, שוץ פון אייגנטום, באַפרייונג פון פויערטום, אַן אַגראַר-רעוואָלוציע, פאַרצעלאַציע פון די גרויסע שליאַכטישע גיטער און פולע גלייכבאַרעכטיקונג און אַכטונג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג (צום יידישן פונקט וועלן מיר זיך נאָך אומקערן); פוילן דאַרף זיין אַ רעפובליק. מיט איין וואָרט: מיצקעוויטשעס פראָגראַם באַטייט אַ טריט פאָרויס אין דער ריכטונג פון דער אידעאָלאָגיע פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע.

מיצקעוויטשעס לעגיאָן ווערט אַ ווירקלעכקייט. ער קעמפט צוזאַמען מיט דער פרייהייטס-אַרמיי פון דזשוזעפע גאַריבאַלדי. עס איז קלאָר, אַז די גאַנצע זאַך שמעקט נישט דער פוילישער רעאַקציע, וועלכע הייבט אויף אַ העץ-קאַמפאַניע קעגן דעם לעגיאָן און זיין שעפער. אָבער מיצקעוויטש ברעכט זיך נישט איין. די דאָזיקע צייט איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ מוסטער פון איטאַליעניש-פוילישער וואָפן-ברודערשאַפט.

[3] „Skład Zasad".

אין דער זעלבער צייט אַנטשטייט ביי מיצקעוויטשן דער געדאַנק פון שאַפן אויך אַ יידישן לעגיאָן. מיצקעוויטש האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער פראַגע פון צעשטערן די ווענט פון די יידישע געטאָס אין איטאַליע.

צום רוימישן פעריאָד פון מיצקעוויטשעס לעבן געהערט דער באַקאַנטער פאַל מיט דער אוידיענץ פונעם דיכטער ביים פויפסט.

מיצקעוויטש האָט, טראָץ אַלעמען, נאָך געהאַט געוויסע אילוזיעס אין באַצוג צום פויפסט. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז נאָך אַלץ געווען אַ ווידערקול פון דער טאָוויאַנשטשיזם. די אוידיענץ ביים פויפסט האָט אָבער מיצקעוויטשן אינגאַנצן אַנטוישט. ער האָט זיך געריכט, אַז אפשר וועט דער פויפסט פאַרשטיין די פרייהייטס־באַוועגונג. און אָנגעטראָפן האָט ער אַ קאַלטן, רעאַקציאָנערן, צביעותדיקן פּאָליטיקער. מיצקעוויטש האָט זיך אויפגערעגט און אַ זאָג געטאָן צום הויפט פון דער קאַטוילישער קירך: „זאָלסטו וויסן, גאָטס גייסט געפינט זיך איצט אין די בלוזעס פון די פּאַריזער אַרבעטער!“ — דער פויפסט האָט געענטפערט: „פאַרגעס זיך נישט, זון!“ — מיצקעוויטש האָט פאַרלאָזט דעם וואַטיקאַן אַ פולשטענדיק אַנטוישטער אינעם פויפסט, אַ נאָך מער דערצידירטער אין דער ריכטיקייט פון דער דעמאָקראַטישער אידעע.

אויף דעם באָדן פון די אַקאָרשט באַשריבענע געשעענישן ברעכט אויס אַ קאָנפליקט צווישן מיצקעוויטשן און דער אָנפירונג פון קאָלעזש דע פראַנס. דער אָנפירונג פון דער פּאַריזער הויכשול געפעלט נישט די גרונט־אידעע און דער טאָן פון מיצקעוויטשעס לעקציעס. וואָרעם מיצקעוויטש הייבט אָן אין זיינע פאָרטראַגן צו באַרירן אויך פראַנצויזישע פּראָבלעמען. היות די אָנפירונג וויל דאָס נישט פאַרטראָגן, באַשליסט מיצקעוויטש נישט נאָכצוגעבן, נישט צו ענדערן דעם אינהאַלט פון די פאָרטראַגן; ער גייט אַוועק פון קאָלעזש דע פראַנס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער וועט פון דעם ליידן מאַטעריעל. דעם דיכטערס זון, ולאַדיסלאַוו, דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות. ער שרייבט, אַז זיין פאָטער האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון דער קאַטעדרע אין קאָלעזש דע פראַנס, „ווייל מען האָט אים פאַרבאָטן צו אַנאַליזירן פּראָבלעמען, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק די צוקונפט פון דער וועלט און פון פראַנקרייך“. מיט אַנדערע ווערטער: עס הייבן זיך אָן שוין אויפן דיכטער רעגירונגס־רדיפות צוליב זיין אומבויגזאַמער דעמאָקראַטישער שטעלונג.

די רדיפות האָבן זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין דעם פעריאָד, ווען מיצקעוויטש איז געווען רעדאַקטאָר פון דער פראַנצויזישער דעמאָקראַטישער צייטשריפט: „די טריבונע פון די פעלקער“[4].

---

[4] „Tribune des peuples“, „Trybuna Ludów“.

די דאָזיקע צייטשריפט איז דערשינען אין פאריז אין יאָר 1849. זי האָט קאָנטינואירט די טראַדיציע פון דעם „פעלקער־פרילינג“. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט — אונטער מיצקעוויטשעס רעדאַקציע — פרייהייטס־קעמפער פראַנצויזן, פּאָליאַקן, דייטשן, רוסן, בעלגער, איטאַליענער, שפּאַניער און יידן. אַרום דער רעדאַקציע האָבן זיך קאָנצענטרירט פאָרשטייער פון פאַרשידענע אונטערדריקטע פעלקער פון אייראָפּע.

מיצקעוויטש איז געווען נישט בלויז דער רעדאַקטאָר פון דער „טריבונע פון די פעלקער“, נאָר אויך איינער פון אירע הויפּט־פּובליציסטן. אין זיין פּובליציסטיק פון דעם דאָזיקן פעריאָד איז שוין נישט בנמצא קיין סימן פון דעם פריערדיקן פוילישן מעסיאַניזם. דער אינהאַלט פון מיצקעוויטשעס איצטיקער פּובליציסטיק שטייט שוין גאָר נאָענט צום רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַטיזם. מיצקעוויטש האַלט זיך פאַר אַ סאָציאַליסט, און ער באַרירט פּראָבלעמען פון פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט.

שרייבנדיק וועגן פראַנצויזישן פאָלק און זיין קאַמף, דערקלערט מיצקעוויטש: „דאָס פאָלק אין פראַנקרייך — דאָס איז דער אַרבעטער און זעלנער, די בלוזע און דער מונדיר“. שרייבנדיק וועגן סאָציאַליזם, זאָגט דער דיכטער: „דער מאָדערנער סאָציאַליזם איז בלויז אַן אויסדרוק פון אַ געפיל, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי דאָס געפיל פון לעבן, אַן אויסדרוק פון דער שפּירונג פון דעם, וואָס איז אין אונדזער לעבן נישט פול, אומגערעכט, אַנאָרמאַל, און אַזוי־אַרום אומגליקלעך. דאָס סאָציאַליסטישע געפיל איז אַ גייסטיקע שטורעם־קראַפט צו אַ בעסערן זיין, נישט צו קיין אינדיווידועלן לעבן, נאָר צו אַ געמיינזאַמען און סאָלידאַרישן“. און ווייטער: „דער סאָציאַליזם אַלס אַ שפּאָגל נייע דערשיינונג פאַרמאָגט נייע באַגערן און נייע ליידנשאַפטן, וועלכע עס קאָנען נישט פאַרשטיין די מענטשן פון דער אַלטער געזעלשאַפט, פונקט ווי דאָס קינד אָדער די קינדישע זקנה קאָנען נישט פאַרשטיין קיין יוגנטלעכע באַגערן“.

אָט וואָס פאַר אַ גרויסן אַנטוויקלונגס־וועג עס האָט דורכגעמאַכט מיצקעוויטש. פון מטושטשדיקע יוגנט־אידעאַלן, דורך זוכענישן פון אַ פּאָזיטיוון העלד אַ נאַציאָנאַלן קעמפער, איבער מיסטישע שטרויכלונגען — איז ער דערגאַנגען צום שענסטן אידעאַל פון דער מענטשהייט און זיך געשטעלט אויפן באָדן פון סאָציאַליזם, דערזעענדיק איינציייטיק דעם היסטאָרישן טרעגער פון דער באַפרייאונגס־אידעע׳ דעם פּראָלעטאַריאַט. אמת, מיצקעוויטשעס סאָציאַליזם איז נישט געבויט אויף דעם בעטאָן־פעסטן יסוד פון וויסנשאַפטלעכקייט. מיצקעוויטשעס סאָציאַליזם באַזירט קודם־כל אויפן געפיל. אָבער לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די פּראָגרעסיווע טייל פון דער פוילישער פּאָליטישער עמיגראַציע אין פאַריז זענען געווען אַן אָביעקט פון ווירקונגען מצד פאַרשידענע שטרעמונגען פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם. און מיצקעוויטש איז אויך נישט געווען פריי פון אָט די וויר־

קונגען. עס איז אָבער כדאי צוצוגעבן, אז מיצקעוויטש האָט אין יענעם פּעריאָד געפילט אַ סימפּאַטיע צום אוטאָפּישן קאָמוניזם און איז אַרויסגעטראָטן אויף די שפּאַלטן פון דער „טריבונע פון די פעלקער“ אין שוץ פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנער אויגוסט בלאַנקי און אויך פון די שטרייקנדיקע פראַנצויזישע אַרבעטער.

די אַגיטאַציע פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל בינדט זיך אין מיצקעוויטשעס דעמאָלטיקער פּובליציסטיק מיט זיין שוין אַבסאָלוט קלאָרער, נעגאַטיווער שטעלונג אין באַצוג צום פּויפּסט און בכלל צו דער פּאָליטיק פון וואַטיקאַן. מיצקעוויטש שרייבט: „עס איז אַ קלאָרע זאַך, אַז (דער פּויפּסט) פון דער ניינטער איז דעצידירט מקריב צו זיין אַלץ, בכדי איינצוהאַלטן אין דעם אַלטן צושטאַנד דאָס, וואָס ער רופט אָן: קירך; דאָס הייסט — דעם פּערסאָנאַל, די גיטער און די פּריווילעגיעס פון קלער. אַזוי אַרום דאַרף ווערן איינגעהאַלטן דאָס, וואָס איז געווען די סיבה פון לוטערס און קאַלווינס כפירות, פון גאַליליים יסורים, פון דעם פילאָזאָפישן בונט פון פאַרגאַנגענעם דור און פון דעם איצטיקן עלנטן צושטאַנד פון איטאַליע“.

איינצייטיק זעט מיצקעוויטש דעם פּראָצעס פון דערנענטערונג און צונויפוואַקסונג פון דער בורזשואַזיע מיטן קאַטויילישן קלער. די בורזשואַזיע איז טאַקע ביי זיך אין האַרצן אַפּיקורסיש און פרייזדענקעריש, אָבער כדי צו שיצן דעם קאַפּיטאַל, איז זי גרייט צו גיין אַפילו מיטן סאַמע שוואַרצסטן קלער. „די פּאַרשטייער פון די גלחים, — שרייבט מיצקעוויטש, — פון די אַריסטאָקראַטן, פון די אַפּיקורסים און אַטעיסטן, וועלכע זענען אַמאָל געווען צעטיילט, פאַראייניקן זיך אַלע צום ערשטן מאָל אין דעם קולט פאַרן קאַפּיטאַל“.

און דאָך איז נאָך אַפילו איצט, אינעם פּעריאָד פון דער „טריבונע פון די פעלקער“, מיצקעוויטשעס אידעאָלאָגיע נישט אינגאַנצן קיין איינהייטלעכע און קאָנסעקווענטע. אַן ערנסטע שטערונג אין דעם אויסקלאָרונגס־פּראָצעס פון דעם דיכטערס וועלט־באַנעם זענען נאָך אַלץ זיינע אילוזיעס לגבי דעם באָנאַפּאַרטיזם, דער אַלטער נאַפּאָלעאָנישער טראַדיציע, וועלכע שטעקט אין דעם דיכטערס באַוווּסטזיין פון זיינע קינדער־יאָרן און ווערט נישט אויסגעווּפּט. דאָ און דאָרטן לייענען מיר נאָך אין מיצקעוויטשעס פּובליציסטיק ווערטער פון האָפענונג אויפן אַדרעס פון דער באָנאַפּאַרטיסטישער משפּחה. די דאָזיקע אילוזיע האָט געשטעקט אין גאַנץ באַדייטנדיקע רינגען פון דער פּוילישער עמיגראַציע. אַ סך אין אַלגעמיין דעמאָקראַטיש איינגעשטעלטע פּוילישע עמיגראַנטן, און בתוכם מיצקעוויטש, האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם דעמאַגאָגישן אינהאַלט פון דער באָנאַפּאַרטיסטישער פּראָזעאָלאָגיע. „דער באָנאַפּאַרטיזם, — האָט געזאָגט לעגין, — איז די לאַווירונג פון דער מאָנאַרכיע, וועלכע האָט פאַרלאָרן איר אַלטע, פּאַטריאַרכאַלע, אָדער פעאָדאַלע, קאָנקרעטע און אַלגעמיינע באַזע; פון אַ מאָנאַרכיע, וועלכע איז

געצוווּנגען צו זשאָנגלירן, כדי נישט איינצופאַלן; צו קאָקעטירן, כדי צו רעגירן; אונטערצוקויפן, כדי צו ווערן געפעלן; צו ברידערן זיך מיט דער אונטערוועלט, מיט אויסוואורפן און גנבים, כדי צו האָבן אַן אָנשפּאַר ניט בלויז אויף די באַגנעטן".

אָבער נישט אַלע זענען דעמלט געווען פעיק צו דערזען דעם אמתן פּרצוף פון דער באָנאַפּאַרטיסטישער דעמאַגאָגיע.

דער דאָזיקער נעגאַטיווער עלעמענט איז אָבער נישט קיין דאָמינירנדיקער אין מיצקעוויטשעס פּובליציסטיק פון דעם פּעריאָד פון דער „טריבונע פון די פעלקער". דער אַלגעמיינער טאָן פון דער צייטשריפט איז אַזאַ סאָציאַל-שאַרפער, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג נעמט באַנוצן שאַרפע רעפּרעסיעס. מיצקעוויטשן, ווי דעם רעדאַקטאָר, דראָט די געפאַר צו ווערן אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך. אין נאָוועמבער 1849 ווערט די צייטשריפט פאַרמאַכט דורך דער רעגירונג.

מיצקעוויטש האָט אָבער זיין פּאָליטישע טעטיקייט נישט אָפּגעשטעלט. אין יאָר 1850 טרעט ער אַרויס אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פּוילישע עמיגראַנטן און דערקלערט: „נאָר אַ נייע וועלט קאָן באַפרייען פּוילן, דערביי דאַרף מען די אַלטע וועלט צעשטערן... עס איז נייטיק אַ בלוטיקע רעוואָלוציע". אויף אַ צווייטער אַרויסטרעטונג רופט ער אויס, אַז נאָר די אַרבעטער זענען אימשטאַנד אַרויסצורופן אַ רעוואָלוציע. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זאָגט ער, אַז קיינער טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס שלאַכט-פעלד און זיך לאָזן אין אַ וויסטן מדבר; עס זענען נייטיק מעשים.

ער דריקט אויס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן זיין אויפפאַסונג פון דער שליחות פון דער קונסט. „די אויפגאַבע פון דער קונסט, — זאָגט מיצקעוויטש, — איז צו שטיצן די העכערע שטרעבונגען פון דער עפּאָכע און צו העלפן אַזוי אַרום דעם יחיד, ער זאָל זיי בעסער פאַרשטיין און שנעלער זיי פאַרווירקלעכן אין לעבן".

ווי עס איז צו זען פון אָט די ווערטער, האָבן מיר פאַר זיך אַ רעאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער ראָל פון דער קונסט און בפרט פון דער ליטעראַטור. דעם דאָזיקן אני מאמין האָט מיצקעוויטש אַליין רעאַליזירט אין זיין אייגענעם לעבן. ער איז אים געבליבן טריי אויך אין משך פון דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן, ביזן אומגעריכטן, טראַגישן טויט. היות דער לעצטער פּעריאָד פון מיצקעוויטשעס טעטיקייט איז ענג פאַרבונדן מיט אַ ריי יידישע פּראָבלעמען, וועלן מיר אים באַהאַנדלען צוזאַמען מיט אַלע יידישע פראַגן און מאָטיוון, וועלכע טרעטן אַרויס ביי דעם גענייאַלן פּוילישן דיכטער און פּלאַמיקן קעמפער פאַר פריינדשאַפט צווישן די פעלקער.

קאַפּיטל זעקס

אין קאַמף פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג

מיצקעוויטש איז געווען אַן איבערגעגעבענער פריינד פון דער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט די דאָזיקע פריינדשאַפט געבראַכט צום אויסדרוק סיי אין זיין גרעסטן קינסטלערישן ווערק „פאַן טאַדעוש“ דורך דער פאָזיטיווער געשטאַלט פון דעם ייד יאַנקעל, סיי אין זיינע פובליציסטישע אַרבעטן, סיי אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט און אין דער טאָגטעגלעכער באַציונג צו די יידן און זייערע פּראָבלעמען. „מיצקעוויטש, — זאָגט דעם דיכטערס נאָענטער מיטקעמפער, דער פראַנצויז פון יידישן אָפּשטאַם אַרמאַן לעווי, — האָט ליב געהאַט יידן ביז זיין טויט; זיין ערשטער ווילן איז געווען: געבן די יידן אין פוילן פרייהייט“ (אין דער פאָררעדע צו דער העברעישער איבערזעצונג פון די „ספרים פון פוילישן פאָלק און פוילישער פּילגרימעריי“, וואָס איז דערשינען אין פּאַריז אין יאָר 1881).

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז מיצקעוויטש איז געווען פולשטענדיק פריי פון וועלכע נישט איז פאָראורטיילן לגבי יידן. ער האָט די דאָזיקע מענטשלעכע באַציונג אַרויסגעוויזן אויף טריט און שריט אין זיין פערזענלעכן לעבן. מיר קאָנען ברענגען זייער אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל, וועלכער אילוסטרירט די דאָזיקע שטעלונג פון אַדאַם מיצקעוויטש אין באַצוג צו יידן.

מיצקעוויטש האָט גוט געקענט דאָס יידישע לעבן און דעם יידישן שטייגער אין ליטע=ווייסרוסלאַנד. אין אַ בריוו צו יאַן טשעטשאָט און טאָמאַש זאַן, פון 5=טן יאַנואַר 1827, דערציילט מיצקעוויטש די פאָלגנדיקע מעשה, וועלכע אילוסטרירט סיי זיין נעגאַטיווע באַציונג צום אַנטיסעמיטיזם, סיי זיין באַוואונדערונג פון דער יידישער פאָלקס=חכמה: די פויערים פון די סטאָלאָוויצער דערפער פלעגן שלאָגן יעדן ייד, וועלנדיק אַזוי אָרום זיך נוקם זיין פאַרן קרייצן יעזוסן.

איינמאָל האָט אַ קלוגער ייִד, וועלכן די פּויערים האָבן געוואָלט שלאָגן, געזאָגט צו זיי אַזוי: ניט איך האָב געהרגעט קריסטוסן, נאָר דער קהל פון שטעטל מיר. און מיצקעוויטש גיט צו: אַזאַ אומזין איז יעדע נאַרישע רכילות אויף אומשולדיקע מענטשן.

מיר האָבן שוין אויך באַמערקט, אַז מיצקעוויטש האָט געהאַט אַ סך נאָענטע פרייַנד ייִדן.

פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע וואַרעמע, מענטשלעכע, געזעלשאַפטלעך־פּאָזיטיווע באַציִונג פון אַדאַם מיצקעוויטשן צו ייִדן און צו די פּראָבלעמען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג?

פאַרשידענע ייִדישע בירגערלעכע היסטאָריקער האָבן געוואָלט זען דעם קוואַל פון דער דאָזיקער דערשיינונג אין דעם פאַקט, אַז מיצקעוויטש זאָל האָבן געשטאַמט, לויט דער מוטערס ליניע, פון ייִדן. קיין שום ממשותדיקע באַווייזן, אַז מיצקעוויטש זאָל שטאַמען פון ייִדן, האָבן זיי ניט געהאַט. די גאַנצע טעאָריע איז אויפגעבויט געוואָרן אויף עטלעכע זייער פאַרנעפּלטע אַרויסזאָגונגען פון מיצקעוויטשן גופא און פון עטלעכע זיינע מיטצייטלער. אין דריטן טייל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דזשאַדי“ זאָגט דער דיכטער אין איין אָרט וועגן זיין העלד אָט וואָס: „ער איז פון אַ פרעמדער מוטער, עס פליסט אין זיינע אָדערן דאָס בלוט פון גבורים, און זיין נאָמען איז פיר און פערציק“. ווער־זשע קאָן זיין אַ „פרעמדע מוטער“, אויב ניט אַזאַ, וואָס שטאַמט פון פראַנקיסטן? און וועמען קאָן דער דיכטער מיינען מיטן אויסדרוק „בלוט פון גבורים“, אויב ניט די מאַקאַבייער? — אָט אַזוי האָבן אַרויסגעקוועטשט זייער טעאָריע די דערמאָנטע נאַיווע פאָרשער, און דערביי אַריינגעטייטשט פאַרשידענע גמטריות און רמזים אין דער קאַבאַליסטישער ציפער „44“, אויסבויענדיק אויף זיי גאַנצע סברות, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין שום רעאַלן באָדן.

ווייטער זענען זיך די דאָזיקע פאָרשער סומך אויף איינעם פון מיצקעוויטשעס מיטצייטלער, קסאַווערי קאָרסאַק־בראַניצקי, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אין יאָר 1879 אַ פּוילישע איבערזעצונג פון אַן אַלטער ייִדישער כראָניק פון גבריאל בן יהושע שלאָסבערג און האָט אין דער הקדמה געשריבן, אַז מיצקעוויטש פלעגט האָבן אַ טבע צו זאָגן: „דער טאַטע איז אַ מאַזור, די מאַמע מאַיעווסקאַ (שטאַמט) פון משומדים, איך בין אַזוי־אַרום אַ האַלבער פּאָליאַק און אַ האַלבער ייִד, און איך בין פון דעם שטאַלץ“.

מיר ווייסן, אַז אין דער מעמואַריסטיק פון אַזעלכע שליאַכטישע פלוידערזעק (גאַווענדזשאַזשעס), ווי בראַניצקי, איז פאַראַן אַ סך פאַנטאַזיע. אָבער אויב דער דיכטער זאָל אפילו האָבן אַזוי געזאָגט, איז עס נאָכניט קיין ראיה, אַז ער שטאַמט פון ייִדן. איז דאָך מיצקעוויטש געווען באַקאַנט פון זיינע גלייכווערטלעך, אין וועלכע ער פלעגט אָפט אַריינלייגן זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען,

און עס קאָן זיין, אַז ער האָט מיט יענעם אויסדרוק, וועלכן עס ברענגט בראַניצקי, געוואָלט אונטערשטרייכן זיין באַציונג צו יידן.

מען איז זיך אויך סומך אויף אַן אויסדרוק פון דער קאָקאָטע און ליטעראַרישע דאַמע לודוויקאַ שניאַדעצקאַ, וועלכע איז געווען אַזוי איבערראַשט פון מיצקעוויטשעס ברידערלעכע געפילן צו יידן, אַז זי, די מאַגנאַטישע טאָכטער, האָט עס נישט אַנדערש געקאָנט פאַרשטיין, ווי נאָר, אַז דער דיכטער שטאַמט מסתמא פון יידן.

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיצקעוויטשעס מוטער, באַרבאַראַ מאַיעווסקאַ, האָט געשטאַמט פון יוזעף-יעזשי מאַיעווסקי, אַן אײנטענדענט פון דער צאָל-קאַמער אין פּאָלאָצק, וועלכער האָט אין יאָר 1768 אָנגענומען דעם קאַטאָליציזם (מורא האָבנדיק אַפּנים צו פאַרלירן אַלס ייד די שטעלע) און איז אין 1784 געוואָרן אַן אָנגעהעריקער צום שליאַכטע-שטאַנד, — ווי דאָס האָט געמיינט דער יידישער מחבר לודוויק אָבערלענדער אין זיין אַרבעט „דער יידישער קאָמפּלעקס פון אַדאַם מיצקעוויטש (אין פאַרמלחמהדיקן „מיעשענטשניק זשידאָווסקי“). און עס קאָן זיין, אַז גערעכט איז נישט אָבערלענדער, נאָר דער פוילישער פאָרשער עוזעביוש לאָפּאַטשינסקי (דווקא א ליבעראַל און א יידן-פריינד, וועלכן מען קאָן נישט חושד זיין אין אַנטיסעמיטיזם, אַזוי ווי פּיגאָניען), וועלכער האָט פאַר דער מלחמה אין „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקע“ דערוויזן אויפן סמך פון אַרכיוואַלע דאָקומענטן, אַז מיצקעוויטשעס מוטער איז פון ריין-„אַרישן“ און אמת-שליאַכטישן אָפּשטאַם.

אָבער מיר שטעלן די פראַגע אינגאַנצן אַנדערש און טאַקע פראָסט און פּשוט: וואָס פאַר אַ שייכות האָט די גאַנצע מעשה, צי מיצקעוויטשעס עלטערזיידע איז געווען פון אָפּשטאַם אַ ייד, אָדער נישט, צי ער איז געווען אַ פראַנקיסט, צי נישט, — מיט דעם דיכטערס אידעאָלאָגיע, מיט דעם דיכטערס אָנשוױנגען און בתוכם מיט זיין שטעלונג לגבי די פראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג?

די מעטאָדע פון זוכן דעם שליסל פון דעם פראָבלעם: מיצקעוויטש און די יידן — אין דעם דיכטערס העט-ווייטן און צווייפלהאַפטן „יידישן יחוס“, איז אַבסאָלוט פאַלש.

מיצקעוויטשעס באַציונג צו די יידן און זיין בליק אויף זייערע פראָבלעמען זענען אַ רעזולטאַט פון דער גאַנצער אידעישער איינשטעלונג פון דעם דיכטער, אַ רעזולטאַט פון זיינע דעמאָקראַטישע אָנשויונגען און פון זיין אופן פאַרשטיין דעם קאַמף „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט“. דער פאַקט, וואָס מיצקעוויטש האָט פאַרהעלטנישמעסיק גוט געקענט דאָס יידישע לעבן אין זיין היימלאַנד ווייסרוסלאַנד-ליטע, האָט נאָך מער באַגינסטיקט און פאַרשטאַרקט מיצ=

קעוויטשעס דעמאָקראַטישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דערביי מוז מען געדענקען אין אַ זייער וויכטיקן מאָמענט: די פראַגע פון די ווירטשאַפטלעכע נויטן און פון דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, ווייסרוסלאַנד און ליטע איז אין סוף פון 18־טן און אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט געווען איינע פון די עיקרדיקסטע און וויכטיקסטע, אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר די אויפריכטיקע דעמאָקראַטן און פּאַטריאָטן פון די דאָזיקע לענדער. אויב מיצקעוויטש האָט זיך אַזוי שטאַרק אינטערעסירט מיטן גורל און מיט די פּראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז דאָס נישט געווען קיין זאַך בלויז פון זיין פּערזענלעכן געשמאַק אָדער געפיל, נאָר קודם כל אַן ערנסטער געזעלשאַפטלעכער ענין, וועלכן דער דיכטער האָט נישט געקאָנט (און נישט געוואָלט) אויסמיידן. און מיצקעוויטש איז אין דער הינזיכט נישט געווען דער איינציקער, ער איז נישט געווען קיין אויסנאַם אין דעם לאַגער פון דער דעמאָקראַטיקער פוילישער דעמאָקראַטיע.

די יידן האָבן געשאַפן זייער אַ הויכן פּראָצענט פון פוילנס אַלגעמיינער באַפעלקערונג. געווען שטעט און שטעטלעך, וו די צאָל יידן האָט באַטראָפן אַרום אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג, און ערטערווייז נאָך מער. אין דער צייט, ווען מיצקעוויטש איז געווען אַ לערער אין קאָוונע (אין יאָר 1819), האָט ער דעם דאָזיקע פאַקט געזען מיט די אייגענע אויגן. ער האָט דעמלט געשריבן אין אַ בריוו אָט וואָס: „דער דחקות איז דאָ זייער גרויס, די יידן בילדן דאָ מער ווי אַ העלפט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג“. אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, אין שטאָט און דאָרף, האָט מיצקעוויטש געטראָפן יידישע באַלמעלאָכעס, אפילו שמידן, יידישע סוחרים, יידישע אונטערנעמער. פון איין זייט איז צווישן די פויליש־ליטווישע יידן געווען אַ ריזיקע מאַסע עקאָנאָמיש אויסגעוואָרצלטע, דעקלאַסירטע, אביונים; פון דער צווייטער זייט זענען צווישן די יידן געווען נישט סתם גבירים, נאָר אויך ענערגישע אונטערנעמער, פּיאָנערן פון נייע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען סיי אין דער אינדוסטריע, סיי אין דעם נייעם האַנדל, סיי אין באַנק־וועזן. אָבער די עקזיסטירנדיקע פעאָדאַלע באַגרענעצונגען, בפרט די באַגרענעצונגען און פאָראורטיילן לגבי יידן, האָבן געשטערט דעם פּראָצעס פון אַריינוואַקסן פון די יידישע יונג־קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דעם אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישן שטראָם, וואָס האָט דעמלט גענומען זיך אַריינרייסן אין דעם בכלל אָפּגעשטאַנענעם פוילן. די ריזיקע מאַסע יידישע באַלמעלאָכעס האָבן געקאָנט ברענגען אַ וואָגיקן פּאָזיטיוון צושטייער אין דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנד־אינדוסטריע; אָבער ווידעראַמאָל האָבן דאָ געשטערט די פאַרשיידענע פעאָדאַלע גזירות: דער פאַרבאָט פאַר יידן צו וווינען אין אַ ריי וויכטיקע שטעט;

די ספּעציעלע, באַשוועדנדיקע און דערנידערנדיקע יידישע שטייערן; דאָס נישט
צולאָזן די יידישע באַלמעלאָכעס אין די שטאָטישע (קריסטלעכע) צעכן און
בכלל די גאַנצע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט נישט גע=
האַט קיין שום בירגער=רעכט און ממילא נישט געקאָנט אין דער פולער מאָס
אויספירן אירע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס. דער דראַנג פון אַ טייל יידישע האָ=
רעפּאַשניקעס צו קאָלאָניזירן ערד=שטחים האָט אויך נישט געקאָנט ווערן פאַר=
ווירקלעכט אין די ראַמען פון די אַלטע פעאָדאַלע געזעצן און מנהגים. די פּרי=
צים און די מלוכה=אַדמיניסטראַציע האָבן מורא געהאַט, אַז דער פאַקט, וואָס
די יידישע קאָלאָניסטן זענען דאָך פערזענלעך פריי, קאָן ווערן אָנשטעקנדיק ביי
די לייבאייגענע פוילישע פויערים, וועלכע וועלן אויך וואָס שנעלער וועלן דעראָ=
בערן פערזענלעכע פרייהייט און זיך אויסגלייכן מיט די נייע, יידישע קאָלאָניס=
טן. האָבן מיר דאָ ווידער צו טאָן מיט אַ יידישן פּראָבלעם, וואָס בינדט זיך ענג
מיט די אַלגעמיינע לאַנד=פּראָבלעמען — מיט דער לאַגע פון לייבאייגענעם
פויערטום, מיט דער קלאַסן=עגאָיסטישער פאָליטיק פון די גרויסע און קליינע
פריצים און מיט דער קורצזיכטיקייט פון דער מלוכה=אַדמיניסטראַציע, וועלכע
איז דאָך אויך אין אַ גרויסן טייל באַשטאַנען פון פריצים.

אַזויאַרום ווערט קלאָר, אַז די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער דעמלטיקער
פוילישער געזעלשאַפט, די, וועלכע האָבן געשטרעבט צו בויען אַן אינדוסטריע
אין לאַנד און בכלל צו שטאַרקן דעם יונג=קאַפּיטאַליסטישן שטראָם, זענען גע=
ווען פאַראינטערעסירט אין באַזייטיקן די פעאָדאַלע באַגרענעצונגען בכלל און
אויך אין באַצוג צו דער יידישער באַפעלקערונג בפרט; זיי זענען געווען פאַר=
אינטערעסירט אין גלייכבארעכטיקן די יידן, אין רעאַליזירן גרינטלעכע רעפאָר=
מעס פון איזאָלירטן יידישן לעבן, אין אויסנוצן די פּאָטענציעלע פּראָדוקציע=
ענערגיע פון די יידישע מאַסן לטובת די אינטערעסן פון לאַנד. די פּראָגרעסיווע
פּאַטריאָטישע עלעמענטן פון פוילישן פאָלק זענען געווען פאַראינטערעסירט אין
געווינען די צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג פאַר דעם נאַציאָנאַל=באַפרייערישן
קאַמף.

אויף אָט דעם באָדן, אין הסכם מיט די אָקאָרשט דערמאָנטע נאַציאָנאַלע
און ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון פאָלק, קומען אויף שוין זינט דעם סוף פון
18=טן יאָרהונדערט, אין דעם פּעריאָד פון 4=יאָריקן סיים, פאַרשידענע פּראָיעק=
טן פון לעזן די יידן=פּראַגע. עס איז גענוג צו דערמאָנען די רעפאָרם=פּראָיעקטן
פון טשאַצקי, בוטרימאָוויטש, יעזשערסקי, די שטעלונג פון קאָשטשושקאָ און
קאָלאָנטאַי. אַפילו סטאַשיץ, וועלכער ווייזט אַרויס אין זיינע ערשטע פּובליציס=
טישע אַרויסטריטן אַ פולשטענדיקע איגנאָראַנץ אין די יידישע פראַגן און וועל=
כער פאַרנעמט לכתחילה אַן אַנטיסעמיטישע פּאָזיציע, קומט אין זיינע שפּע=
טערדיקע אַרטיקלען צום אויספיר, אַז דאָס איינשליסן אין דער פוילישער אינ=

דוסטריע די מאַסע יידישע באַלמעלאָכעס און דעקלאַסירטע אָרעמקייט קאָן באַלעבן און ברענגען גרויס נוצן דעם לאַנד אין ווירטשאַפטלעכער, פּראָדוקציאָנעלער הינזיכט.

די דאָזיקע דערשיינונג שפּיגלט זיך אָפּ אין מיצקעוויטשעס טעטיקייט אין ווילנע, אין די ראַמען פון פילאָמאַטן־קרייז. מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז מיצקעוויטש אינטערעסירט זיך אין זיינע דעמלטיקע פּאָרטראָגן מיט די ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג. מיצקעוויטש גייט אַ סך ווייטער פון די פּוילישע רעפאָרמאַטאָרן פון דער צייט פון 4־יאָריקן סיים. פאַר אים עקזיסטירט נישט קיין איינהייטלעכע יידישע מאַסע, ער זעט בפירוש ביי דער יידישער באַפעלקערונג אַ סאָציאַלע דיפערענציאַציע. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע רעפאָרמאַטאָרן, וועלכע זענען אין זייער וועלט־אָנשויונג באַגרענעצט צוליב זייער שליאַכטישער טראַדיציע, טרעט מיצקעוויטש אַרויס מיטן פּאָסטולאַט פון אַ פולשטענדיקער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אָן שום באַדינגונגען און באַגרענעצונגען; ער וויל באַשענקען מיט פולע בירגער־רעכט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און נישט בלויז די יענע טיילן אירע, וועלכע וועלן מקיים זיין די מצווה פון באַזעצן זיך אויף ערד אָדער פון אַנטוויקלען גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, אָדער פון אָפּזאָגן זיך פון דער יידישער קולטור, ווי דאָס האָבן פאַרלאַנגט געוויסע פּוילישע רעפאָרמאַטאָרן.

ערב און בעת דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד איז די יידן־פראַגע באַנייס געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג. פונקט ווי די נעגאַטיווע אָדער נישט־קאָנסעקווענטע באַציִונג צו דער פויערים־פראַגע, אַזוי איז אויך די ענלעכע שטעלונג לגבי די יידן געווען, הגם אין אַ קלענערער מאָס, איינע פון די סיבות פון דער מפּלה פונעם אויפשטאַנד. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען אין די קרייזן פון דער פּוילישער עמיגראַציע אין פּאַריז — אין דעם קריטישן אַנאַליז פון דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד גענומען אין אַכט אויך דעם יידישן אַספּעקט. איינער פון די שאַרפסטע קעמפער פאַר אַ פּראָגראַם פון גלייכבאַרעכטיקן די יידן איז געווען דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט יאַן טשינסקי, וועלכער האָט געשריבן: „מיר ווילן פּראָפּאַגירן די ליכט פון דער דעמאָקראַטיע סיי צווישן די קריסטן, סיי צווישן די יידן... מיר מוזן זיי (די יידן) געבן די זעלביקע רעכט, וועלכע עס וועלן באַקומען די פּאָליאַקן, כדי צו שאַפן אַן איינהייטלעכע און שטאַרקע מלוכה“. אַן ענלעכן קאַמף אין דער זעלביקער ריכטונג האָט געפירט דער אָנערקענטער פירער פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, דער באַרימטער היסטאָריקער יאָאַכים לעלעוועל. אין אַן אויפרוף צו די פּוילישע יידן, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אין יאָר 1832, האָט לעלעוועל געשריבן: „עס וועט קומען די צייט פון טריומף... עס וועט אויפשטיין דער זון פון דער פּוילישער ערד, סיי דער ייד („סטאַראָזאַקאָני“), סיי דער קריסט, יעדער וועט זאָגן, מיט וואָס ער האָט זיך צוגעדינט פאַר

דער געמיינזאמער מוטער". אנטאָני אָסטראָווסקי, א פאָרשטייער פון די ערד־באַזיצער, וועלכע האָבן גענומען בויען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, דער קאָמענדאַנט פון יידישע אָפטיילונגען בעת דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד, האָט געשאַפן אין פאַריז אַ פּראָגראַם פון גלייכבאַרעכטיקן און איינגלידערן די יידן אין דער פוילישערווירטשאַפט אָן שום באַגרענעצונגען. אַ פּאָזיטיווע שטעלונג לגבי דער יידן־פראַגע האָט פאַרנומען איינער פון די דעמאָקראַטישע אידעאָלאָגן פון דער פוילישער עמיגראַציע מאַוריצי מאָכנאַצקי. אַ ביישפּיל פון רעאַליזירן דעם פּראָגראַם פון גלייכבארעכטיקן די יידן און פון איינשליסן זיי אין דעם פּאַט־ריאָטישן פוילישן לאַגער האָבן געוויזן די אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון דעם אויפשטאַנד אין קראָקע אין יאָר 1846, בפרט דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָ־קראַט עדוואַרד דעמבאָווסקי. מיט איין וואָרט: דער פוילישער דעמאָקראַטישער לאַגער — אין קעגנזאַץ צו דער קאָנסערוואַטיוו־פריצישער פּאַרטיי פון פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי — האָט פאָרשטאַנען דעם ערנסטן באַטייט פון דער יידן־פראַגע סיי פון אַלגעמיין־דעמאָקראַטישן, סיי פון פויליש־נאַציאָנאַלן שטאַנד־פּונקט. די יידן־פראַגע איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון די וויכטיקסטע גע־זעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען סיי אין אייראָפּעישן, סיי אין פוילישן מאַסשטאַב. אַזוי איז טאַקע דער ענין אויפגעפאַסט געוואָרן דורך די גרונט־לייגער פון וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם. מאַכנדיק אַן אָפּשאַצונג פון דעם קראָקעווער אויפשטאַנד פון יאָר 1846, האָט פרידריך ענגעלס געשריבן אָט וואָס:

„די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קראָקעווער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, זענען געווען טיף איבערצייגט, אז בלויז א דעמאָקראַטיש פוילן קאָן זיין אומאָפּהענגיק און אַז די פוילישע דעמאָקראַטיע איז אוממעגלעך אָן אָפּשאַפן די פעאָדאַלע געזעצן, אָן אַן אַגראַרער באַוועגונג, וועלכע זאָל פאַר־וואַנדלען די לייבאייגענע פּויערים אין פרייע, מאָדערנע אייגנטימער".

און ווייטער שרייבט ענגעלס:

„אין קראָקע זענען דאָך שוין נישט געווען קיין מענטשן, וועלכע וואָלטן געהאַט א סך צו פאַרלירן, עס זענען נישט געווען קיין אריסטאָקראַטן. אין קראָ־קע האָבן זיך אַלע אויפטוען אויסגעצייכנט מיט דעמאָקראַטישקייט, איך וואָלט געזאָגט — פּשוט מיט אַ פּראָלעטאַרישער דרייסטקייט, וועלכע האָט נישט גאָר־נישט צו פאַרלירן, אַחוץ די נויט, און וועלכע האָט צו געווינען דאָס גאַנצע פאָ־טערלאַנד, די גאַנצע וועלט. עס זענען דאָרטן נישט געווען קיין וואַקלונגען, עס איז נישט געווען קיין אומדעצידירטקייט: די אַטאַקע האָט מען צוגעלאָזט תיכף ומיד קעגן די דריי גרויסמאַכטן, מען האָט פּראָקלאַמירט פרייהייט, אַן אַגראַר־רעפאָרם, מען האָט געגעבן די יידן בירגער־רעכט (אונטערגע־שטראָכן פון מיר — ב. מ.), נישט מורא האָבנדיק אַבסאָלוט, אַז דאָס וואָלט געקאָנט אָנרירן די אָדער יענע אינטערעסן פון דער אריסטאָקראַטיע".

אַזוי־אַרום ווערט פאַרשטענדלעך, אַז מיצקעוויטש — אַ קינד פון זיין צייט און אַ טעטיקער אָנטיילנעמער אין די פּאָליטישע געשעענישן פון די דרייסיקער און פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין די יידישע פּראָבלעמען און האָט זיך מיט זיי שטאַרק פאַרנומען.

מיצקעוויטש האָט, ווי געזאָגט, פאַרהעלטנישמעסיק גוט געקענט דאָס יידי־שע לעבן. ער האָט געקוקט אויף די יידן נישט בלויז ווי אויף אַן עלעמענט, וואָס קאָן ברענגען גרויס נוצן דעם פּוילישן לאַנד, און בפרט דער פּוילישער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג. אים איז שטאַרק אָנגעגאַנגען דער גורל און די לאַגע פון די יידן גופא. ער האָט געוואָלט זען אין די יידן גייסטיק און פיזיש געזונטע און גליקלעכע מענטשן. ער האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון די אויפגעקלער־טע יידן איז נישט צו אַנטלויפן פון זייער סביבה, נאָר צו בלייבן צווישן דער יידישער מאַסע און ווירקן אויפן אָרט, ווידמען די אייגענע כוחות פאַר ווײַלזיין און פאַר הייבן די קולטור פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער עפּיזאָד, וועלכן עס ברענגט אין זיינע זכרונות דעם דיכטערס זון, וולאַדיסלאַוו; אָט וואָס ער דערציילט:

„איינעם אַן אָוונט האָט יוליאַן קלאַטשקאָ (אַ ווילנער ייד, וועלכער האָט לכתחילה געשריבן אין העברעיש און איז דערנאָך געווען טעטיק אַלס פּוילישער ליטעראַטור־קריטיקער אין פּאַריז, אַ נאָענטער פריינד פון מיצקעוויטשן — ב. מ.) געגומען דערווייזן, אַז ענגלאַנד האָט צו פאַרדאַנקען איר אַנטוויקלונג דעם לאָרדן־קאַמער, און אַז אַן ענלעכע אינסטיטוציע האָט געפעלט אין אַמאָליקן פּוילן, אָבער אין נייעם פּוילן וועט זי זיין אומבאַדינגט נייטיק. דער פאָטער (ד. ה. אַדאַם מיצקעוויטש — ב. מ.), וועלכער האָט געשפּילט אין שאַך מיט וראָטנאָווסקין, האָט געפרעגט, צי איז פאַראַן אין אַ וועלכן נישט איז ליטווישן שטעטל אַ יידישע שול, אַ לערן־אַנשטאַלט. קלאַטשקאָ האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט. און ער איז אַוועק, און וראָטנאָווסקי האָט געפרעגט, פאַרוואָס האָט דער פאָטער געשטעלט אַזאַ פראַגע. „כדי אים צו געבן צו פאַרשטיין — האָט מיצקעוויטש געענטפערט — אַז ער וועט בעסער טאָן, טראַכטנדיק וועגן אויפ־הייבן די יידן, איידער זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ לאָרדן־קאַמער אין קינפ־טיקן פּוילן.“

אין מיצקעוויטשעס ענטפער זענען פאַראַן דריי מאָמענטן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטערס אידעאָלאָגיע. ראשית — די קעגנערשאַפט צום אַריסטאָקראַטישן לאָרדן־הויז; צווייטנס — דער אינטערעס פאַר הייבן דעם קולטור־ניוואָ פון דער יידישער באַפעלקערונג; און דריטנס — די מיינונג, אַז די יידישע אינטעליגענץ דאַרף נישט אַנטלויפן פון דער יידישער סביבה, נאָר זי באַווירקן, רעפאָרמירן, העלפן, אויפהייבן.

דער אינטערעס פאַרן גורל פון די יידן קומט צום אויסדרוק אין די „ספרים פון פוילישן פאָלק און פון דער פוילישער פילגרימעריי", ווו מיצקעוויטש ברענגט דעם ביישפיל מיטן וואַלדוועכטער און די יידן, וואָס בלייבן טויב אויפן אַליאַרם, אַז עס דראָט זיי אַ געפאַר. די „ספרים" האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויך צווישן די אויפגעקלערטע יידישע קרייזן. די אָרטיקע פראַנצויזישע (ספרדישע) יידן זענען געווען אַנטציקט מיטן נביאישן טאָן פון די „ספרים", און בפרט מיטן נביאישן אידעאַל, וועלכן מיצקעוויטש פירט דאָרטן אַרויס, מיטן שלום=אידעאַל פון ישעיהו: „און עס וועט נישט טראָגן איין פאָלק קעגן צווייטן קיין שווערד, און מען וועט מער נישט איבן זיך אין מלחמות, און עס וועט וווינען אַ וואָלף מיט אַ שעפס און אַ טיגער מיט אַ ציגעלע". דעם דאָזיקן מאָמענט שטרייכט באַזונדערס אונטער דער ערשטער מיצקעוויטש=איבערזעצער אויף העברעיש, דער ספרדישער ייד משה יחיאל עזכאריאל.

דער טאָן פון זאָרג פאַרן גורל פון די יידן, דער רוף פון מאָביליזירן זיי צום קאַמף קעגן די געפאַרן, וועלכע עס טראָגט מיט זיך די מאָנאַרכיסטישע רעאַקציע, שלאָגט אויך אין מיצקעוויטשעס עפנטלעכן אַרויסטריט אין אַ פאַריזער סינאַגאָגע אין תשעה באב, דעם 16 אויגוסט 1845. אמת, אין דעם דאָזיקן אַרויסטריט הילכט אָפ אַ געוויסער איינפלוס פון טאָוויאַנסקים מיסטיק. אָבער אין תוך גענומען איז דער ווילן פונעם דיכטער געווען צו אַליאַרמירן די פראַנצויזישע יידן און אָנווייזן אויף די געפאַרן, וואָס דראָען זיי מצד דער רעאַקציע. מיצקעוויטש האָט געוואָלט נישט בלויז אויסדריקן זיינע סאָלידאַרישע געפילן פאַר די פראַנצויזישע יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אַ סך פרייהייט=קעמפער, נאָר אויך רופן זיי צו ווידערשטאַנד, צום אָנטייל אין דער קאַמף=באַוועגונג קעגן די פינצטערע כוחות. מיצקעוויטש איז אַרויף אויף דער בימה און געהאַלטן אַ רעדע אין פראַנצויזיש. ער האָט אָנגערופן די אָנוועזנדיקע „ברידער". מיצקעוויטש האָט געזאָגט, אַז ער רעדט אין נאָמען פון די יידישע קהילות אין פוילן, אַז פון דאָרט קומט אָן אַ האַרצרייסנדיקער וויי=געשריי. ווי מיצקעוויטש שרייבט אין אַ בריוו, האָט דער דאָזיקער רוף געמאַכט אַן איינדרוק אויף די יידן, אָבער דער רב און דער גבאי האָבן זיך שטאַרק אויפגערעגט און דעם רעדנער איבערגעריסן. מיצקעוויטש קומט אין דערמאָנטן בריוו צום אויספיר, אַז די פוילישע יידן שטייען העכער פון די פראַנצויזישע, וועלכע באַגרענעצן זיך בלויז צו רעליגיעזע צערעמאָניאַלן און ווייטער גייט נישט זייער בליק. נישט געקוקט אויף דעם שוואַכן דערפאָלג אין דער פאַריזער סינאַגאָגע, רעזיגנירט נישט מיצקעוויטש פון די אָנשטרענגונגען צו אַגיטירן און געווינען די פראַנצויזישע יידן לטובת דער אַלגעמיינער זאַך און לטובת זייערע אייגענע לעבנס=אינטערעסן. אָבער ער איבערצייגט זיך אַלץ מער, אַז די עיקרדיקע אַגיטאַציע דאַרף געפירט ווערן צווישן די פוילישע יידן. ער שרייבט: „נישט אומזיסט האָט דאָס (יידישע) פאָלק

אויסגעקליבן פּוילן פֿאַר זײַן פֿאָטערלאַנד". פֿאַרגלײַכנדיק די פֿראַנצויזישע און פּוילישע ייִדן, זעט אָבער מיצקעװיטש, אַז די צװײטע שטייען אין קולטורעלער הינזיכט נידעריקער. די פּוילישע ייִדן זענען — װי ער שרײַבט — „לעת עתּה געבליבן שטיין אויף אַן אָרט אויף דעם װעג צום פּראָגרעס און אַזױ אַרום פֿאַרלאָרן די גײַסטיקע כּוחות". פֿון דעם דרינגט אַרויס די נויטװענדיקייט צו פֿאַרשטאַרקן די טעטיקייט צװישן זיי. און עס ליגט דער אָנשטרענג, װײַל — „דאָס גײַסטרײַכע ייִדישע פֿאָלק קאָן זיך דורכדרינגען מיט דער איידלסטער זאַך, װאָס די מענטשהייט פֿאַרמאָגט". דאָס הייסט — מיט דער שטרעבונג צו פֿרײַהייט.

װי מיר זעען, איז נישט מיצקעװיטש געװען סתּם אַ פֿילאָסעמיט. אין זײַן פּאָזיטיװער באַציונג צו די ייִדן איז פֿאַראַן אַ גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער אינהאַלט. אויפֿן סמך פֿון דער געשיכטלעכער דערפֿאַרונג, אויפֿן גרונט פֿון דעם אָנטייל פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט אין קאָשטשושקאָס אויפֿשטאַנד, פֿון דעם דראַנג פֿון דער ראַדיקאַלער משׂכּילישער יוגנט און פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־עלעמענטן צום אויפֿשטאַנד־לאַגער אין נאָװעמבער 1830, פֿון דעם ייִדישן אָנטייל אין דער פּאַטריאָטישער קאָנספּיראַטיװער באַװעגונג אין דער צװייטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער יאָרן, אויפֿן סמך פֿון זײַן פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די לובלינערס און האָלענדערסקיס,[1] האָט מיצקעװיטש בפֿירוש געזען, אַז אין דער ייִדישער מאַסע שטעקט גרויסע קאַמף־ענערגיע, װעלכע עס איז כּדאַי צו באַלעבן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן װעט מיצקעװיטש ענדערן זײַן בליק אויך אויף די פֿראַנצויזישע ייִדן. ער װעט געפֿינען צװישן זיי אַ סך מיטקעמפֿער. שוין אין דעם בריװ, װוּ ער באַשרײַבט זײַן אויפֿטריט אין דער פּאַריזער סינאַגאָגע, פֿירט מיצקעװיטש אַדורך אַ שייד־ליניע צװישן דעם עולם, װאָס האָט זיך צוגעהערט מיט אינטערעס צו זײַנע אויספֿירן, און דעם רבֿ און גבּאים, װעלכע האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר זײַנע רייד און אים געשטערט.

אָבער מיצקעװיטש און אַלע אַנדערע דעמאָקראַטן, װעלכע זענען אַרויסגעטראָטן מיט פּאָסטולאַטן פֿאַר אַן אַקטיװן פֿאַראינטערעסירן זיך מיטן ייִדישן לעבן, האָבן אָנגעטראָפֿן אין געװיסע קרײַזן פֿון דער פּױלישער עמיגראַציע אויף אַ טויבער װאַנט פֿון דורותדיקע פֿאָראורטיילן און שׂנאה. בעיקר זענען די טרעגער פֿון דער באַציונג פֿון פֿאַראַכטונג און שׂנאה צו ייִדן געװען מענטשן פֿון די מאַגנאַטישע און קלעריקאַלע קרײַזן. איינער פֿון זייערע פֿאָרשטייער איז געװען דער רעאַקציאָנערער דיכטער און דראַמאַטורג, גראַף זיגמונט קראַשינסקי. אין זײַן באַקאַנטער דראַמע „די נישטגעטלעכע קאָמעדיע"[2] האָט זיך קראַשינסקי אָפּגערעכנט מיט דעם רעװאָלוציאָנערן לאַגער, שילדערנדיק אים װי אַ באַנדע

[1] אויך אַ ייִד, אַן אָנטײלנעמער אין דער פּוילישער נאַציאָנאַל־באַפֿרײַערישער באַװעגונג און אַ מחבר פֿון אַ געשיכטע־בוך װעגן ייִדן.

[2] „Nieboska komedia".

בלוטדורשטיקע מעסער־יונגען. ער האָט אין אַ פאַרקריפּלטן אופן פאַרגעשטעלט דאָס פּויערים־פּראָבלעם. די יידן ווערן דורך קראַשינסקין געשילדערט ווי אַ גרופּע פאַרשווערער, וועלכע זויגן די בלעטער פון תלמוד און פּלאַנירן אומצוברענגען די גאַנצע קריסטלעכע וועלט, כדי אַוועקצושטעלן זייער אייגענע הערשאַפט איבער אַלעמען. קראַשינסקי האָט קאָנצענטרירט אין זיין דראַמע אַלע בבא מעשיות פון די סאַמע ווייסטע רעאַקציאָנערן און זאָאָלאָגישע אַנטיסעמיטן וועגן יידן. די יידן פאַרמאָגן — לויט קראַשינסקין — אַ געהיימע מלוכה אין דער גאַנצער וועלט, און זיי אָטעמען מיט בלוטדורשטיקער נקמה צו אַלע „גויים“. אַפילו די משומדים טאָר מען נישט טרויען, — מיינט קראַשינסקי צו זאָגן, — זיי זענען קריסטן נאָר לפּנים, אויסערלעך; אין געהיים בלייבן זיי יידן־תלמודיסטן און גרייטן, ווי געזאָגט, אַ פּלאַן אומצוברענגען אַלע קריסטלעכע מיטאיינוווינער פון לאַנד און פון ערדקיילעך.

„די נישטגעטלעכע קאָמעדיע“ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן צאָרן אין די קרייזן פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע. מען האָט געהאַלטן מיט רעכט, אַז דער גראַפישער דיכטער האָט אין זיין פאַרביסענער שנאה געמאַכט פון די רעוואָלוציאָנערן אַ קאַריקאַטור, אַז דער גאַנצער ציל פון דער דראַמע איז צו דערהייבן דעם מאַגנאַטישן שטאַנד.

אין זיינע לעקציעס וועגן די סלאַווישע ליטעראַטורן, געהאַלטן אויף דער פּאַריזער הויכשול קאָלעזש דע פראַנס, האָט מיצקעוויטש דורכגעפירט אַ גענויעם אַנאַליז פון קראַשינסקיס דראַמע, און ער קומט צום אויספיר, אַז אַחוץ די אָנגעמערקטע פעלערן, פאַרמאָגט דאָס ווערק נאָך צוויי פינצטערע פלעקן: די מאַגנאַטישע באַציונג צום פּויערטום און דער אופן פון שילדערן די יידן. מיצקעוויטש דעקט אויף דעם אמת וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון פּויערטום, די פּאַראַנטוואָרטלעכקייט וואַרפט ער אויף קראַשינסקיס לאַגער, אויף די פּריצים. וועגן דעם יידישן מאָמענט אין דער דראמע זאָגט מיצקעוויטש אין דער נײַנטער לעקציע, פון 24 פעברואַר 1843, אָט וואָס:

„אין דער דראַמע האָט (קראַשינסקי) אַריינגעפירט דאָס יידישע פאָלק, דאָס סלאַווישע פאָלק, דאָס הייסט די פּויערים, די שליאכטע, דעם קלער, אָבער איינציייטיק האָט ער פאַלש אויפגעפאסט די שטריכן פון אָט די אלע נאציאָנאלע טיפּן. ער איז באַגאַנגען, קאָן מען זאָגן, אַ נאַציאָנאַלן פאַרברעכן, פאַרשווערנדיק דעם כאַראַקטער פון די יידן (ווערטלעך: „פון די איזראַעליטן“): ער שטעלט פאָר דאָס יידישע פאָלק ווי עס לויערט בלויז אויף אַ באַקוועמען מאָמענט, כדי צו פאַרניכטן די שליאַכטע און די פּויערים, כדי צו פאַרענדיקן די פאַרטיליקונג פון קריסטנטום. אין די מיילער פון די פאָרשטייער פון די יידן האָט ער אַריינגעלייגט די סאַמע שנאהדיקע און אַכזריותדיקע ווערטער... מען דאַרף נישט אַזוי לייכטזיניק אויסטייטשן די אורטיילן פון גאָט, וואָרעם עס איז נישט אָן קיין

געמלעכער סיבה דער פאקט, וואס די יידן וווינען זינט אזויפיל דורות צווישן די פאליאקן און וואס זייער גורל איז ענג פארבונדן מיטן גורל פון פוילישן פאלק. פונקט אזוי האט ער נישט דערשאצט דעם כאראקטער פון פאלק, פון די סלאווישע פויערים בכלל"...

ווי עס איז צו זען פון די אקארשט ציטירטע ווערטער, טרעט נישט בלויז מיצקעוויטש ארויס קעגן קראשינסקים פעלשונג און פארשוועכונג פון די יידן, נאר ער אקצענטירט זיין אלגעמיינעם שטאנדפונקט לגבי די פוילישע יידן, וועלכע זענען ביי אים אן ארגאנישער טייל פון פוילן און וועלכע האבן אן ענלעכע מיסיע, וואס דאס פוילישע פאלק, און נעמלעך — אויסקעמפן די פרייהייט.

און אט קומען מיר צו דעם ענין פון דער באזונדערער מיסיע, וועלכע גאט, די השגחה עליונה, האט — לויט מיצקעוויטשעס אויפפאסונג — אנגעטרויט די צוויי אויסדערוויילטע פעלקער: דעם פוילישן און יידישן. מיר קומען צו צום יידישן אספעקט פון טאוויאנסקים מיסטיק, וועלכע האט נאך אין יאר 1843, אין דער צייט, ווען מיצקעוויטש האט געלייענט זיינע לעקציעס אין קאלעזש דע פראנס, געהאלטן דעם דיכטער אין איר כישוף-קרייז. טאוויאנסקים מעסיאניסטישער איינפלוס האט אין א געוויסער מאס דעפארמירט און אין א פאלשער ריכטונג באמאנטיזירט מיצקעוויטשעס אידעאלאגיע אויך אויף דעם געביט פון דער באציונג צו דער יידישער פראבלעמאטיק.

אנדזשעי טאוויאנסקי, וועלכער האט געשטאמט פון ליטע און איז געווען באהאוונט אין די יידישע רעליגיעזע מנהגים, און אפשר אויך א נאש געטאן פון דער קבלה, איז געקומען קיין פאריז מיט א מעסיאניסטישער טעאריע, וועלכע איז געווען א געמיש פון פארשידענע באגריפן, דערונטער אויך באגריפן פון יידישן משיחיזם. טאוויאנסקי האט גערעדט וועגן דעם „גרויסן יחוס פון ישראל“, וועגן דער „אייביקער טרייקייט פון די יידן צו דער תורה“ און וועגן „געמיינזאמען וועג פון דעם פוילישן און יידישן אויסדערוויילטן פאלק“. עס קאן זיין, אז דאס אלץ איז אים געווען נייטיק, כדי צו געווינען פאר זיך די יידישע טיימערם. עס איז א פאקט, אז טאוויאנסקי האט געשיקט איינעם פון זיינע יידישע אנהענגער, א געוויסן גרשון ראם פון ווילנע, צום באנקיר אנשל (אנזעלם) ראטשילד, ער זאל געבן געלט פאר דער „גרויסער שליחות“. דער באנקיר האט אבער נישט געהאט קיין טבע ארויסצווארפן געלט אויף מיסטישע, ווייניק ממשותדיקע זאכן. טאוויאנסקי שיקט דעמלט דעם זעלביקן ראם קיין ירושלים — מסתמא כדי צו געווינען מער צוטרוי ביי דער יידישער פלוטאקראטיע. ווען די דאזיקע מיסיע ברענגט אויך קנאפע רעזולטאטן, טרעט טאוויאנסקי ארויס מיט א נייעם פראגראם: שמדן די יידן און אזוי ארום צונויפגיסן דעם יידישן און פוילישן מעסיאניזם. גרשון ראם שמדט זיך אפ, אבער אויך די דאזיקע מיסיע איז טאוויאנסקין נישט געלונגען. אפשר האט ער זיך געריכט צו באקומען אויף דעם צוועק

געלט פון קריסטלער־מיסיאָנערישע ספערן. ווי עס זאָל נישט זיין — דער סוף איז געווען אַזאַ, אַז פון דער הייסער יידן־ליבע און פון דער אייפעריקער מיסיאָנערישער ליידנשאַפט איז גאָר ארויסגעקומען טאָוויאַנסקיס הנותן־תשועה־בריוו צום בלוטיקן צאַר ניקאָליי דעם ערשטן.

מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז מיצקעוויטש איז, פונקט ווי אַנדערע עמיגראַנטן, נישט געווען אָריענטירט אין דעם, וואָס עס האָט זיך באַהאַלטן הינטער טאָוויאַנסקיס מעסיאַניסטישער פּראַזעלאָגיע. די לערע וועגן דעם געמיינזאַמען ציל פון דער פּוילישער און יידישער היסטאָרישער מיסיע האָט געערדט צו זיין האַרץ, צו זיינע געפילן פון פעלקער־פריינטשאַפט, צו זיין קאָנצעפּציע וועגן דעם באַטייט און אָרט פון די יידן אין פּוילן. אָבער אונטערן איינפלוס פון דער משיחיסטישער טעאָריע האָט מיצקעוויטש אָנגעהויבן אידעאַליזירן די יידן, ער האָט גענומען זען ביי זיי בלויז דאָס פּאָזיטיווע און זיך אָריענטירן אַפילו אויף דער הילף מצד דער יידישער פּלוטאָקראַטיע, די ראָטשילדס, פאַר דער באַפרייונג־באַוועגונג. די געשעענישן פון 1846 און נאָך מער דער „פעלקער־פרילינג" פון 1848 האָבן צוריקגעבראַכט מיצקעוויטשן צו דערווירקלעכקייט אויך לגבי דעם יידישן פּראָבלעם.

אין יאָר 1848 האָט מיצקעוויטש דערזען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פּראָגרעסיווע יידן — פראַנצויזישע, פּוילישע, דייטשישע — וועלכע האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער פרייהייט־באַוועגונג און זענען אַרויסגעטראָטן אין קאַמף אויך פאַר די רעכט פון די יידישע מאַסן און פאַר גרינטלעכע רעפאָרמעס אינעם יידישן לעבן. אין יאָר 1845 איז מיצקעוויטש, אַרומגענומען מיט דער משיחישער מיסטיק, געגאַנגען זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די פראַנצויזישע יידן אין אַ סינאַגאָגע. אין יאָר 1848 האָט ער נישט געדאַרפט די יידן, די פּראָגרעסיווע יידן, וויט זוכן, ער האָט זיי נישט געדאַרפט זוכן אין די סינאַגאָגעס, ער האָט זיי געקאָנט טרעפן אין דער צעשטורעמטער גאַס, אויף באַריקאַדן. אין דער צייט, ווען דאָס ראָטשילד־הויז האָט געשטיצט די מאָנאַרכיע, האָט די מאַסע פון די פראַנצויזישע יידן גענומען אָנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. די דאָזיקע יידישע מאַסע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע קעמפער, ווי קאַפּיטאַן מאָיז (משה), סערזשאַנט מאַרקס, נאַטאַן לעווי, מישעל אלקאָן, יאָנאַס ענערי, דער פּוילישער ייד, געוו. נאָוועמבער־אויפשטענדלער, רובינשטיין און אַנדערע.

איבעריקנס, טרעפט זיך מיצקעוויטש מיט יידישע פרייהייטס־קעמפער פּנים אל פּנים, אין די רייען פון פּוילישן לעגיאָן, וועלכן ער האָט אָרגאַניזירט אין איטאַליע. אין זיינע ראַפּאָרטן דערמאָנט מיצקעוויטש דעם אָנטייל פון די יידן אין דעם לעגיאָן. ער שרייבט אין אַ באַריכט וועגן איינער אַ שלאַכט אָט וואָס:

„די יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט, זיי האָבן פֿאַרדינט דרך ארץ און כבוד, וועלכן אַ סך פֿון אונדזערע ברידער האָבן נישט געוואָלט זיי געבן“.

דער „פֿעלקער=פֿרילינג“ האָט געבראַכט מיט זיך פֿאַר די מערב=אייראָפּעישע יידן זייער צווייטע בירגערלעכע עמאַנציפּאַציע (נאָך דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע). די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פֿון 1848, וועלכע האָט זיך דורכגעטראָגן איבער מערב= און מיטל=אייראָפּע, האָט געשטורעמט די אַלטע געטאָ=ווענט, אָראָפּגעשווענקט יודאָפֿאָבישע פּאָראורטיילן און צעברויזט דאָס יידישע לעבן אין די אַלע לענדער. אין מערץ 1848, ווען עס איז געקומען אַן אויפֿשטייג פֿון דער נאַציאָנאַל=באַפֿרייערישער, רעוואָלוציאָנער=דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין איטאַליע, איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די איטאַליענישע יידן. דעם 28 מערץ האָט דאָס רעוואָלטירנדיקע איטאַליענישע פֿאָלק צעשמעטערט די מויערן פֿון איינעם פֿון די עלטסטע געטאָס אין איטאַליע, אין דער שטאָט פֿעראַראַ. דעם 27 אַפּריל, אין אָוונט, פּונקט ערב פּסח צום סדר, איז דאָס פֿאָלק פֿון רוים אַרויס אין גאַס און האָט צעשמעטערט די געטאָ=מויערן פֿון דעם יידן=קוואַרטאַל פֿון דער אַלטער פּויפּסט=שטאָט; אויף די צעוואַליעטע געטאָ=מויערן האָבן זיך אָפּגעשפּילט רירנדיקע סצענעס פֿון פֿעלקער=סאָלידאַריטעט. איטאַליענער און יידן האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט, ווינטשנדיק זיך איינאַנדער מזל אין ווייטערדיקן קאַמף. עס האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דעם אַלגעמיינעם פֿרייהייטלעכן ענטוזיאַזם דער דעמאָלטיקער פּויפּסט, פּיוס דער ניינטער, וועלכער איז געצוווּנגען געווען צו געבן זיין הסכם אויף דעם צעשמעטערן פֿון די געטאָ=מויערן.

מיצקעוויטש איז געווען אַ דירעקטער עדות פֿון די דאָזיקע שטורמישע געשעענישן אין איטאַליע. ער האָט גענומען אַ פּערזענלעכן אָנטייל אין דעם דאָזיקן טריומף=מאַרש פֿון רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַטיזם. אין דער איטאַליענישער שטאָט וועראָנאַ, וו עס זענען צעשמעטערט געוואָרן די געטאָ=ווענט, און די יידן האָבן באַקומען די רעכט צו וווינען אומעטום, אין אַלע גאַסן, האָט די יידישע קהילה איינגעלאַדן אויף אַ פֿייערלעכקייט מיצקעוויטשן. דער דיכטער האָט געהאַלטן אַ פֿלאַמיקע רעדע, אונטערשטרייכנדיק די נויטווענדיקייט פֿון גלייכבאַרעכטיקן די יידישע מאַסן.

באַשרייבנדיק די אויבנדערמאָנטע יובלפֿולע נאַכט אין רוים, די נאַכט פֿון איטאַליעניש=יידישער פֿאַרברידערונג, שטרייכט אונטער דעם דיכטערס זון, וולאַדיסלאַוו, אין זיין בוך „מיצקעוויטשעס לעגיאָן אין יאָר 1848“, אָט וואָס: „די פֿאַרברידערונג פֿון די קריסטן און איזראַעליטן אין איטאַליע האָט איינצייטיק באַטייט דאָס ענדגילטיקע אָפּזאָגן זיך פֿון יעטוועדן געדאַנק וועגן דעם איבערגעוויכט פֿון איין ראַסע איבער דער צווייטער און די קרוינונג פֿון דער פֿאַר=

ברידערונג פון אַלע זין פון איטאַליענישן האַלבאינדזל. די איטאַליענער זענען געווען ווירדיק און רייף צו אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט“.

די פּאָטערלאַנד־ליבע פון די איטאַליענישע יידן האָט אַרויסגערופן ביי מיצקעוויטשן גרויס אַכטונג. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די יידן פון פּוילן זענען נישט קיין אויסנאַם, ער האָט זיך געווענדעט — ווי עס דערציילט זיין זון, וולאַדיסלאַוו, — צו די פּוילישע יידן און אָנגעוויזן אויף די איטאַליענישע יידן, ווי אויף אַ מוסטער פון פּאַטריאָטישער ליבע צום אייגענעם פּאָטערלאַנד. מיצקעוויטש דערמאָנט עס אין דער „טריבונע פון די פעלקער“ (פון 29 מערץ 1849); ער שרייבט דאָרטן: „אַ סך יידן זענען זיך מקריב פאַר דער (רעוואָלוציאָנערער) באַוועגונג און דינען איר גוט. זיי דאַרפן ווערן אַ מוסטער פאַר זייערע גלויבן־ברידער אין אלע לענדער“. זיי דארפן, לויט מיצקעוויטשן, דינען ווי א מוסטער אויך פאַר די פּוילישע יידן. שוין־זשע הייסט עס, אַז מיצקעוויטש האָט געהאַט דעמלט עפּעס וואָס פאַרצוואַרפן די פּוילישע יידן? ניין, פאַרקערט — האָבן מיר דאָך געזען, ווי ער לויבט אין אַ ראַפּאָרט די יידישע זעלנער פון זיין לעגיאָן. מיצקעוויטש בלייבט ווייטער טריי זיין איינשטעלונג פון אָנערקענען די יידן פולע גלייכבאַרעכטיקונג אין קינפטיקן פּוילן. אין יאָר 1848 האָבן ווידער אַ שלאָג געטאָן די האָפענונגען אויסצוקעמפן אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, און מיצקעוויטש גרייט שוין אַ געשריבענעם פּראָגראַם פון דער צוקונפטיקער פרייער מלוכה. מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם „צוזאַמענשטעל פון די פּרינציפן“ („סקלאַד זאַסאַד“), וועלכן מיצקעוויטש האָט פאַרפאַסט אין יאָר 1848, זייענדיק אין איטאַליע, אין סאַמע ברען פון די געשעענישן. איין פונקט פון דעם דאָזיקן פּראָגראַם איז געווידמעט דער יידן־פראַגע. מיצקעוויטש האָט די דאָזיקע פראַגע געלייזט אויפן פאָלגנדיקן אופן: „די יידן, אונדזער עלטערן ברודער, כבוד, ברידערלעכקייט, הילף אויפן וועג צו זיין אייביקן און ערדישן גליק; גלייכע רעכט אין אַלע זאַכן“.

אין די דאָזיקע קורצע ווערטער פאַסט איין מיצקעוויטש נישט בלויז דעם פּאָסטולאַט פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר אויך זיינע געפילן פון אָנערקענונג און כבוד פאַר די פּוילישע יידן.

אין איטאַליע, אין דעם שטורמישן יאָר 1848, איז אויפגעקומען ביי מיצקעוויטשן דער געדאַנק פון אַ יידישן, אָדער פּויליש־יידישן לעגיאָן. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער דערפאַרונג פון די געשעענישן בעת דעם „פעלקער־פרילינג“; אַ רעזולטאַט פון דעם אויספיר, צו וועלכן מיצקעוויטש איז געקומען נאָכן אויסניכטערן זיך פון די טאָוויאַניסטיש־מעסיאַניסטישע שטרויכלונגען; דער אויספיר איז איצט געווען, אַז די אייגענע פרייהייט וועט קומען נישט אלס פּועל־יוצא פון אַ נס, נאָר ווי די קרוינונג פון אַ ממשותדיקן קאַמף.

אין די יאָרן 1849—1853, װעלכע מיצקעװיטש פֿאַרברענגט אין פּאַריז מיט דער משפּחה און װעלכע ברענגען אַזאַ גרױסן פּערזענלעכן אומגליק, װי דער טױט פֿון דער פֿרױ, זיצט נישט מיצקעװיטש מיט פֿאַרלײגטע הענט. ער מאַכט כּסדרדיקע פּלענער פֿון װײַטערדיקער טעטיקײט און קוקט אױס אַ פּאַסיקע געלעגנהײט צו נײַע אַרױסטריטן. אין מיצקעװיטשעס פּלענער פֿאַרנעמט דער ייִדישער מאָמענט אַן אַלץ גרעסער אָרט.. אין שמועסן מיט פֿרײַנד דריקט ער זיך אױס: „אין אונדזערע טױערן (ד. ה. אין פּױלן — ב. מ.) זיצן טױזנטער ייִדן, און דאָס דאָזיקע פֿאָלק איז דער בכור פֿון אַלע אױפֿגעקלערטע פֿעלקער“. אװדאי שטעקט אין די דאָזיקע װערטער אַ װידערקול פֿון דעם פֿריערדיקן ייִדישן מעסיאַניזם, אָבער אין תּוך גענומען איז דאָ מיצקעװיטש אױסן עפּעס אַנדערש. ער האָט זיך אין יאָר 1848 איבערצײַגט, אַז ייִדישע קעמפֿער האָבן געשפּאַנט אין די פֿאָדערשטע רײען פֿון דער אױפֿגעװאַכטער פֿרײַהײטס־באַװעגונג. מיצקעװיטש האַלט, אַז בײַ אַ געהעריקער אַגיטאַציע קאָן מען מיטרײַסן צום קאַמף באַדײַטנדיקע ייִדישע מאַסן. מיצקעװיטשעס פֿרײַנד, דער דיכטער באָהדאַן זאַלעװסקי, גיט איבער אין זײַן טאָגבוך, אַז אין די אָפֿטע שמועסן, װאָס זײ האָבן געפֿירט אין יולי און אױגוסט 1953, האָט מיצקעװיטש כּסדר באַרירט ייִדישע מאָמענטן און אַרױסגעװיזן אַ גרױסן אינטערעס צו דער ייִדישער געשיכטע. דער ענין פֿון אַ ייִדישן לעגיאָן באַקומט אין מיצקעװיטשעס פּלענער אַלץ מער און מער רעאַלע געשטאַלטן. נאַטירלעך, שטײט אין די דאָזיקע פּלענער קודם כּל די פֿראַגע פֿון אַ נײַעם פּױלישן לעגיאָן, אָבער פּאַראַלעל מיט דעם װערט אַלץ בולטער דער געדאַנק פֿון אַ פֿרײַװיליקער מיליטערישער אײנהײט פֿון פּױלישע ייִדן.

סוף כּל סוף קומט אונטער די פּאַסיקע היסטאָרישע געלעגנהײט. אין יאָר 1853 ברעכט אױס די קרימער מלחמה. אַ קאָאַליציע פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און טערקײַ גרײַפֿט אָן רוסלאַנד. אונדזער אױפֿגאַבע איז דאָ נישט צו געבן אַן אַנאַליז פֿון די סיבות פֿון אָט דער מלחמה. עס איז אָבער כּדאַי אונטערצושטרײַכן, אַז די פּױלישע פּאָליטישע עמיגראַציע אין פֿראַנקרײַך האָט נישט פֿאַרנומען קײן אײנהײטלעכע שטעלונג לגבי דער מלחמה. אַ טײל פֿון די דעמאָקראַטן איז געװען אַנטשידן קעגן אַרײַנמישן זיך אין דעם קרימער קאָנפֿליקט, קעגן נעמען אַ שטעלונג לטובֿת דעם אָדער יענעם צד. דער מאַגנאַטישער לאַגער פֿון די טשאַרטאָריסקי־לײַט האָט זיך אָפֿן אַנגאַזשירט אױף דער זײַט פֿון ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און טערקײַ. אַ טײל פֿון די נישט־קאָנסעקװענטע דעמאָקראַטן, װי מיעראָסלאַװסקי, האָט אױך געהאַט אַן ענלעכע אָריענטאַציע. מיצקעװיטש האָט געשטרעבט אױסצונוצן די געלעגנהײט צו שאַפֿן אַ פּױלישן לעגיאָן אױף דער טערקישער זײַט. אָבער מיצקעװיטשעס ציל איז נישט געװען אַ פּראָטערקישע און אַנטירוסישע אָריענטאַציע. פֿאַרקערט — אין דער זעלביקער צײַט האָט מיצקעװיטש געהאַט אַ שאַרפֿן אַרױסטריט קעגן דער פּאָליטיק פֿון ענגלאַנד און

פראַנקרייך. אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז מיצקעוויטש איז, סוביעקטיוו גענומען, נישט געווען אנגאַזשירט לטובת דער קאָאַליציע און קעגן רוסלאַנד. זיין איינציקער טרוים איז געווען צו געפינען אַ געלעגנהייט, אַז אַ פּוילישער לעגיאָן זאָל זיך אַריינרייסן קיין פּוילן און אָרגאַניזירן דאָרטן אַן אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער אָקופּאַציע. עס איז קלאָר, אַז מיצקעוויטש איז נישט געווען אַליין. הינטער אים זענען געשטאַנען געוויסע עלעמענטן פון דער עמיגראַציע, בפרט פון מיעראָסלאַווסקיס לאַגער, וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן, ווי אַ פּאָן, דעם באַקאַנטן נאָמען פון גרויסן דיכטער. כאַראַקטעריסטיש פאַר מיצקעוויטשעס שטימונגען אין דעם פּעריאָד פון דער קרימער מלחמה איז דער פאַקט, וואָס ער שרייבט דעמלט באַניים אַ דראַמע וועגן דעם יאַקאָבינער יאַשינסקי און דעם נאַציאָנאַלן פאַראַט פון דער פּוילישע מאַגנאַטעריע.

אין דעם קרימער פּעריאָד איז מיצקעוויטש צוגעטראָטן צו רעאַליזירן זיין פּלאַן וועגן אַ יידישן לעגיאָן.

וואָס איז געווען מיצקעוויטשעס ציל ביים שאַפן דעם יידישן לעגיאָן?

קודם־כל איז מיצקעוויטש געווען טיף איבערצייגט, אַז די באַפרייונג פון פּוילן איז שוין נאָענט. אָבער ער האָט געהאַלטן און טיף געגלויבט, אַז אָן דער באַפרייונג און גלייכבאַרעכטיקונג פון די פּוילישע יידן וועט פּוילן נישט קענען עקזיסטירן. ער האָט זיך דעמלט אויסגעדריקט ווערטלעך: „אָן דער באַפרייונג פון די יידן און אָן דער אַנטוויקלונג פון זייער גייסט (געמיינט: פון זייער קולטור — ב. מ.) וועט פּוילן נישט קאָנען אויפשטיין. אויב זי וועט אַנטשטיין אָן דער באַפרייונג פון די יידן, וועט זי געוויס נישט קאָנען זיך לאַנג אויפהאַלטן“.

ווייטער איז מיצקעוויטש געווען איבערצייגט, אַז דער אָנטייל פון די יידן אין די קאַמפן פאַר און אין פּוילן וועט מיטרייסן די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג. ער האָט געשטעלט אויף די צוטרוי־געפילן פון די פּויערים צו די יידן. ער האָט דעמלט געזאָגט אַזוי: „אויב, אַריינדרינגענדיק קיין פּוילן, וועלן מיר באַווייזן מיט אונדזער יידישן פאָלק מיטצורייסן מיט זיך די יידן פון איין קהלה, וועלן די פּויערים נישט צווייפלען אין דעם דערפאָלג (פון דעם קאַמף), ווייל קענענדיק די פאָרזיכטיקייט פון די איזראַעליטן, וועלן זיי זאָגן צו זיך: דער דערפאָלג מוז זיין אַ זיכערער, אויב די יידן פאַראייניקן זיך צום אויפשטאַנד. און מיר וועלן זיך קייקלען פאָרויס ווי אַ לאַווינע מיט אונדזער אַלץ וואַקסנדיקן מיליטער פון קהלה צו קהלה, פון דאָרף צו דאָרף, אין דער טיף פון פּוילן און ליטע“. די דאָזיקע ווערטער פונעם דיכטער גיט איבער זיין זון, וולאַדיסלאַוו, אינעם בוך „דאָס לעבן פון אַדאַם מיצקעוויטש“ (פערטער באַנד, ז. 441).

מיצקעוויטש האָט, ביים שאַפן דעם לעגיאָן, געהאַט אין זין אויך די אינטערעסן פון די יידן גופא. ער איז געווען זיכער, אַז די יידן וועלן אַדאַנק דעם אָנ־

טייל אינעם קאמף דערהאָבערן בירגער־רעכט און אָנערקענונג און דאנקבארקייט מצד דעם פוילישן פאָלק און בכלל אין דער גאנצער וועלט.

מיצקעוויטש האָט אָבער געמאכט איין טעות. ער איז ווידער אריינגעפאלן אין דער איינזייטיקער אויפפאסונג פון דעם סאָציאלן צוזאמענשטעל פון די יידן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז די יידן פון פארשידענע לענדער האָבן די זעלביקע, געמיינזאמע אינטערעסן. ער האָט אפעלירט און פארלאנגט שטיצע פאר זיין פלאן, פארן יידישן לעגיאָן, סיי ביי די פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין טערקיי, סיי ביי דער יידישער פלוטאָקראטיע פון פראנקרייך, סיי ביי די אָרטיקע, טערקישע יידן. און דאָ איז געקומען אן אנטוישונג.

די דריי אויסגערעכנטע גרופן יידן האָבן געהאט באזונדערע אינטערעסן. די פוילישע יידן אין טערקיי זענען באשטאנען ס'רוב פון קריגס־געפאנגענע. זיי האָבן געדינט אין דער רוסישער ארמיי און זענען אריינגעפאלן אין טערקישער געפאנגענשאפט. עס איז לייכט געווען זיי צו אגיטירן. זיי האָבן געטראָגן אין זיך א שנאה צום אנטיסעמיטישן צארישן רעזשים. א סך פון זיי זענען געווען פאטריאָטיש געשטימט לגבי פוילן. עס איז דאָ אויך געווען א צאָל יידן, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין מיצקעוויטשעס לעגיאָן אין איטאליע אין יאָר 1848. עס האָבן צווישן זיי געווירקט: א ייד, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין די פרייהייטס־קאמפן פון 1848 אין אונגארן — פרוינד; א פוילישער ייד, וואָס איז באשאָנקען געווען מיט מעדאלן פאר העלדישקייט — הערמאן שאפיר; א קוואליפיצירטער וואכמייסטער — יעקב זיגעלבוים; אן אָפיצער — מיכאל האָרענשטיין. די דאָזיקע פוילישע יידן זענען געווען גרייט צום קאמף, און דער געדאנק פון א יידישן פולק איז זיי געפעלן געוואָרן, ער האָט זיי דערמאָנט אין די צייטן פון בערעק יאָסעלעוויטש.

די צווייטע גרופע — די יידישע פלוטאָקראטיע פון פראנקרייך מיט די באנקירן באראָן אלפאָנס ראטשילד און באראָן קאמאָנדאָ בראש, — הגם מיצקעוויטשעס אידעאלן זענען איר געווען לחלוטין פרעמד, — איז אָבער געווען גרייט צו שטיצן מיט א געוויסער סומע געלט די, אונטערנעמונג, ווייל די גאנצע זאך איז דערווייל געלעגן אויף דער ליניע פון פראנקרייכס אימפעריאלע אינטערעסן. זיי האָבן זיך אָבער נישט געאיילט. זיי האָבן מורא געהאט פאר ראדיקאלע שטימונגען ביי די יידישע זעלנער. זיי האָבן אָפגעשלעפט דעם ענין, זיך אנגאזשירט דערווייל מיט א פלאטאָנישער דעקלאראציע און מיט א קליינער שטיצע און צום סוף זיך ארויסגעדרייט פון גאנצן עסק. אַלפאָנס ראָטשילד האָט אינגיכן באַקומען א קאָנצעסיע אויף א באנק אין קאָנסטאנטינאָפאָל און נישט געוואָלט איינרייסן מיט דער טערקישער רעגירונג, וועלכער דער יידישער לעגיאָן האָט נישט געשמעקט.

די טערקישע ייִדן זענען געווען דעצידירט קעגן זייער אייגענעם אָנטייל אין דעם לעגיאָן. זיי איז דער גאַנצער ענין מיט פּוילן און מיט די פּוילישע ייִדן ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. חוץ דעם האָבן זיי מורא געהאַט, אַז טאָמער שיקן זיי אַ ביסל פּריווילעגיעס אין לעגיאָן אַריין, קאָנען זיי שטעלן אין קאָן די אייגענע רעכט אין טערקיי.

אויך אין דער אָנפירונג גופא פונעם ייִדישן לעגיאָן איז נישט געווען קיין איינהייטלעכע מיינונג וועגן זיין ראָל און אויפגאַבע. פון איין זייט זענען געשטאַנען מיצקעוויטש און זיינע נאָענטע פריינד — דער פראַנצויז פון ייִדישן אָפּשטאַם אַרמאַן לעווי, אַ רעוואָלוציאָנער פון 1848, אַ הייסער אָנהענגער פון ייִדן־עמאַנציפּאַציע דורך קאַמף, און דער פּוילישער ייִד, דער אָפיצער האָרענשטיין, זיי האָבן געקוקט אויפן לעגיאָן מיט אויגן פון דעמאָקראַטן און ייִדן־פריינד. דאַקעגן דער מיליטערישער קאָמאַנדיר פון פּוילישן, קאָזאַקישן און ייִדישן לעגיאָן ביי דער טערקישער אַרמיי, מיכאַל טשייקאָווסקי (אַ פּוילישער פּריץ, טשאַרטאָריסקים אַן אַגענט, וואָס האָט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן און זיך אָנגערופן „סאַדיק פּאַשאַ“), האָט טריי אויסגעפירט די באַפעלן פון דער טערקישער מאַכט און האָט געזען אין דער גאַנצער אונטערנעמונג אַ מעגלעכקייט פאַר דער אייגענער קאַריערע. אים איז געווען אַלץ איינס, וועמען ער ציט אַריין אין די לעגיאָנען — ייִדן, בולגאַרן, ציגיינער, פּאָליאַקן, קאָזאַקן, אַבי ער זאָל האָבן איבער זיי די מאַכט. מיצקעוויטש, לעווי און האָרענשטיין האָבן געוואָלט זען אין דעם לעגיאָן אַ דעמאָקראַטיש מיליטער, זיי האָבן געוואָלט נעמען אין אַכט די ספּעציפיק פון די פּוילישע ייִדן, זיי האָבן געזאָרגט וועגן די רעליגיעזע געפילן און קולטור־באַדערפענישן פון די זעלנער און געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויפשטעלן אין לאַגער אַ שול. דאַקעגן טשייקאָווסקי האָט זיך אויפגעפירט צווישן זיינע זעלנער ווי אַן אַמאָליקער פּוילישער פּריץ, באַליידיקט די ייִדן, געשלאָגן, באַשטראָפט פאַר אַ ליאַדע וואָס. אויף דעם באָדן איז געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישן אים און מיצקעוויטשן. אין אַ בריוו צו זיין פרוי, דער דערמאָנטער שוין לודוויקאַ שניאַדעצקאַ, האָט טשייקאָווסקי זיך באַנוצט אויפן אַדרעס פון די ייִדן מיטן באַליידיקנדיקן אויסדרוק „פּאַרשיווי זשיד“. „ווען מיצקעוויטש האָט דערהערט דאָס דאָזיקע וואָרט, — שרייבט אין איר בריוו צום מאַן די שניאַדעצקאַ, — האָט ער אויפגעציטערט, ער האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט“. און זי פאַרענדיקט: „איך ווייס נישט, צי מען קאָן פרעמדע אַזוי ליב האָבן“. דערמיט האָט זי געמאַכט אַ קאַפּולער אָנצוהערעניש, אַז מיצקעוויטש האָט אַ משפּחה־שייכות מיט ייִדן.

פאַר דער פּריצישער דאַמע איז געווען נישט פאַרשטענדלעך, וויאַזוי קאָן דער פּאָליאַק מיצקעוויטש זיך אַזוי אויפרעגן, ווען ער הערט אַ באַליידיקנדיקן וואָרט אויפן אַדרעס פון ייִדן. אָבער מיצקעוויטש איז געווען אַבסאָלוט פריי פון

אנטיסעמיטישע פּאַראורטיילן. ער האָט געפּלאַנט אַן אמת פּאָלקישע מיליטער=
איינהייט פון פּוילישע יידן און ער איז שטאַרק אַנטוישט געוואָרן. ער האָט נישט
דערלעבט דעם שווערן מאָמענט פונעם פולשטענדיקן פּאַנאַנדערפאַל פון דעם
יידישן לעגיאָן. אין נאָוועמבער 1855 איז ער פּלוצעם ערגסט קראַנק געוואָרן אויף
כאָליערע — די מגפה האָט דעמלט געבושעוועט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו מיצ=
קעוויטש האָט זיך געפונען. אין די לעצטע טעג פאַרן טויט האָט ער עטלעכע מאָל
גערעדט מיט די פריינד וועגן דעם גורל פון פּוילן, פון די פּוילישע יידן און פון
דעם לעגיאָן. ארמאַן לעווי דערמאָנט אין זיינע זכרונות, אַז דער קראַנקער מיצ=
קעוויטש האָט זיך אויסגעדריקט אָט אַזוי:

„עס וועט באַטראַכט ווערן אין מיינע אויגן פאַר אַן אומגליק, אויב די יידן
וועלן אַרויסגיין פון פּוילן, ווייל די ברידערשאַפט פון יידן און פּאָליאַקן וועט זיך
באַנייען ווי אַ גייסטיקער אָדלער און קאָן פאַרשטאַרקן פּוילן, פּונקט ווי אַמאָל די
אוניע פון ליטע מיט פּוילן“.

דער שווער=קראַנקער דיכטער האָט אויך גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט
פון דער פולשטענדיקער פּאָליטישער און קולטורעלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די
יידן אין קינפטיקן אומאָפּהענגיקן פּוילן. ער האָט געזאָגט: „איך גלויב, אַז די
פאַרברידערונג פון פּוילן מיט יידן וועט פאַרגרעסערן אונדזער גייסטיקע און
מאָראַלישע קראַפט“.

אין די לעצטע טעג פאַרן טויט האָבן דעם קראַנקן מיצקעוויטשן באַזוכט
צוויי יידן: דער פּוילישער ייד און אָפיצער פונעם לעגיאָן האָרענשטיין און דער
ספרדי דע=קאַסטראָ, א פּראָגרעסיווער מענטש און אַן אָנהענגער פון דעם דיכ=
טער. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין די מונדירן פון דעם לעגיאָן. מיצקעוויטש איז
געוואָרן אויפגעלעבט, ער האָט א סך גערעדט וועגן דעם לעגיאָן, זיך געוויצלט, זאָגנ=
דיק, אַז זיי טראָגן מונדירן פון די אַמאָליקע כוזרים (כאַזאַרן) און שמשונס. אינ=
מיטן האָבן אים אָנגעכאַפּט שטאַרקע ווייטיקן. זיינע טעג זענען שוין געווען
געציילטע. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען א ווונטש צו זען די שיינקייט און
גבורה פון די פּוילישע יידן. ער האָט פון קראַנקן בעט זיך געווענדעט צו די פּוילי=
שע יידן, זיי זאָלן אויפקוואַרפן קרעמעריי און מעקלעריי.

דעם 26 נאָוועמבער 1855 איז מיצקעוויטש אויסגעגאַנגען נאָך לאַנגע און
שווערע יסורים.

זיין טויט האָט אַרויסגערופן א טיפן טרויער צווישן זיינע צאָלרייכע מיט=
קעמפער, אָנהענגער און לייענער. אַן עד=ראיה שרייבט: „נאָך מיצקעוויטשעס
טויט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן געוויינט צוזאַמען קריסטן און יידן. צוזאַמען
זענען זיי געגאַנגען נאָך זיין ארון“.

עס זענען געגאַנגען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם געניאַלן דיכטער און אויפריכטיקן מענטשן־פריינד פּאָליאַקן און יידן, טערקן און ארמענער, פראַנצויזן און איטאַליענער, בולגאַרן און גריכן, סערבן און אַלבאַניער.

א טיפן ווייטיק האָט ארויסגערופן מיצקעוויטשעס טויט אין דעם לאַגער, ווו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע הונדערט יידן, די זעלנער און אָפיצערן פון דעם לעגיאָן. זיי האָבן געפילט, אז מיטן טויט פון אָט דעם גרויסן פּאַטראָן זייערן דערנענטערט זיך דער סוף פון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

און באמת — דער יידישער לעגיאָן איז זיך איינגיכן צעפאַלן. ער האָט נישט געקאָנט עקזיסטירן, ווייל ער איז אויסגעקומען ווי א פּראָדוקט פון הינטערקוליסן־שפּילן פון די גרויסמאַכטן, אין אַן אינטריגעפולער סביבה, אָן א געזונטן באָדן, ביי א פאַלשער קאָנצעפּציע. מיצקעוויטש און זיינע מיטאַרבעטער האָבן אָן שום ספק געהאַט די בעסטע כוונות. אָבער זיי האָבן נישט דערשאַצט די פאַרשידענע הינטער־כוונות און קעגנזייטיקע אינטריגעס פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און טערקיי און פון די גרויסע פינאַנסיסטן ראָטשילד און אַנדערע.

אָבער דאָס אַלץ ווישט נישט אָפּ דעם פאַקט, אז ביזן לעצטן אָטעם האָט מיצקעוויטש געחלומט וועגן דערנענטערונג און פרייהייט פון פעלקער. אין דעם דאָזיקן חלום האָט ער אויך אריינגעוועבט מיט ליבשאַפט די קינפטיקע באַפריי־אונג און גלייכבארעכטיקונג פון די יידישע מאַסן אין אומאָפּהענגיקן פוילן און אין גאַנץ אייראָפּע.

דער טרויעריקער פּוגעם היכטער איז איבערגעריסן געוואָרן דורכן פריצייטיקן טויט אין ווייטן, פרעמדן קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ק אַ פּ י ט ל ז י ב ן

מיצקעוויטש אויף יידיש

אדאם מיצקעוויטשעס אָנדענק איז טייער נישט בלויז דעם פּוילישן פאָלק, נאָר אויך א סך אנדערע פעלקער פון דער וועלט. זיינע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף א סך שפּראכן. באזונדערס איז ברייט באקאנט אין דער וועלט-ליטעראטור דער גרויסער שעדעווער „פאן טאדעוש“.

מען קאָן נישט זאָגן, אז אויף יידיש האָט מען מיצקעוויטשן ווייניק איבערגעזעצט. אָבער א גרויסער טייל מיצקעוויטש-פארײדישונגען איז נישט קיין געלונגענער און גאַנץ אָפט פשוט א גראפאָמאנישער. יעדער איינער, וואָס האָט געמיינט, אז ער קען פּויליש, און אז יידיש איז דאָך נישט שייך, יידיש איז דאָך מאמע-לשון, האָט זיך געכאפּט צו איבערזעצן מיצקעוויטשן. א מוסטער פון אזא הפקרותדיקער באציונג צום גרויסן פּוילישן דיכטער איז דאָס ביכעלע פון י. קראָנענבערג א. נ. „פאן טאדעוש“ — איבערדערציילט אויף יידיש, ערשטעס העפט, פארלאג „פאָלקס-קולטור“, ווארשע—לאָדזש 1938“.

די „איבערדערציילונג“ איז א פשוטע גראפאָמאניע און פארקריפּלט אינגאנצן מיצקעוויטשעס טעקסט. דער מחבר רוקט אריין אין מיצקעוויטשעס שורות זיינע אייגענע „איינפאלן“, פארדרייט דעם אינהאלט, פארטוישט באגריפן און וויזט ארויס, אז ער פארשטייט נישט פשוט, וואָס ער זעצט איבער.

צום זעלביקן מין פארשוועכונגען סיי פון מיצקעוויטשן, סיי פון דער יידישער שפּראך געהערט אויך די „איבערזעצונג“, אָדער בעסער געזאָגט — די איבערדרייונג פון מיצקעוויטשעס א הומאָרעסקע „וועמען אויסקלייבן פאר א מאן?“, וועלכע מיצקעוויטש האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1827 אין מאָסקווע און וועלכע עם האָט ארויסגעלאָזט אין יאָר 1923 אין ווארשע א געוויסער יעקב קאמיען. דאָס איז א פרעכטיקער הומאָרפולער קאלאמבור, אין וועלכן מיצקעוויטש דעקט אויף די צעפוילטקייט און געלט-פארקויפטקייט פון אן אריסטאָקראטישער פרוי. דער יידיש פון דער „איבערזעצונג“ איז א מיאוסער, א שלעכטער, א גריי-

זיקער. מיצקעוויטשעס פיין=געשניצטע הומאָרעסקע קומט ארויס טעמפּ, אומגעלומפּערט און, דער עיקר, אָן הומאָר.

אָט אזוי האָבן אומפּאראנטוואָרטלעכע מענטשן געוואָלט מאכן געלט, אָדער דערצעבערן רום אויפן לעבעדיקן וואָרט פון גרויסן מייסטער אדאם מיצקעוויטש.

איגגאנצן אויף אן אנדער ניוואָ שטייען די מיצקעוויטש=שאפונגען, וואָס זענען פאריידישט געוואָרן דורך טאלאנטפולע דיכטער. זייער א וויכטיקע ארבעט האָט אויסגעפירט דער אומגעקומענער אין לוואָווער געטאָ דוד קעניגסבערג, וועלכער האָט איבערגעזעצט אין א פיינעם, פּאָעטישן יידיש דאָס גרויסע ווערק „פּאן טאדעוש“. אמת, דאָ און דאָרטן זענען ביי קעניגסבערגן פאראן געווויסע האַמעטנע ערטער, ווו דעם איבערזעצער איז נישט געלונגען צו געפינען דעם אדעקוואטן אויסדרוק אין יידיש און א פּאסיקן ווייכן יידישן וואָרט פאר מיצקעוויטשעס שפּילעוודיקן און איינציייטיק אינהאלט=אָנגעלאָדענעם סטיל. אָבער נעמענדיק אין אכט די גרויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע עס טרעפט זיך אָן דער יידישער איבערזעצער פון אזא ווערק ווי „פּאן טאדעוש“, בפרט צוליבן מאנגל פון יידישע ווערטער און אויסדרוקן פון נאטור=דערשיינונגען, וואלד=געוויקסן, חיות=וועלט, מלחמה=טערמינען, שליאכטישן שטייגער וכדומה, דארף מען זאָגן, אז קעניגסבערג איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט מיט דעם פולסטן יראת הכבוד און זיך באמיט אריינצודרינגען אין טעקסט.

צו די בעסטע מיצקעוויטש=איבערזעצונגען געהערט בלי שום ספק דער ציטירטער דורך אונדז פראַגמענט פון „קאָנראַד וואַללענראָד“ — פון דעם דיכטער י. קיסין. ווען מען לייענט קיסינס איבערזעצונג און מען פאַרגלייכט עס מיטן אָריגינאַל, פילט מען, אז מיצקעוויטשעס טעקסט האָט נישט קיין סך פארלאָרן אין דער יידישער איבערזעצונג. קיסינען איז געלונגען אויפצוכאפּן די מוזיק פון מיצקעוויטשעס פּאָעזיע און די שטימונג פון „קאָנראד וואללענראָד“. קיסין אָפּערירט מיט זייער אַ רייכער און זאַפטיקער יידישער שפּראַך און געפינט כמעט תמיד אַדעקוואַטע אויסדרוקן; דערביי לײַדט נישט כמעט דאָס ריין=פּאָעטישע פון דעם טעקסט.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז קיסין האָט דעם ציטירטן פראַגמענט אַריינגענומען אין אַן אַנטאָלאָגיע, געווידמעט דעם קאַמף פון די פעלקער קעגן דעם היטלעריזם אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט=מלחמה. אין דער אומשטערבלעכער פּאָעזיע פון אַדאַם מיצקעוויטש, אין קאָנקרעטן פאַל — אין דער פּאָעמע „קאָנראַד וואַללענראָד“, האָט דער איבערזעצער געפונען צוויי וויכטיקע מאָמענטן מיט אַן אַקטועלן אויסקלאַנג: דעם פרייהייט=קאַמף פון קליינעם ליטווישן פאָלק קעגן דער דייטש=פעאָדאַלער בלוטיקער עקספּאַנסיע און די אידעע פון פעלקער=פריינדשאַפט און שלום, וועלכע ווערט פאַרשוועכט דורך אומגערעכטיקע, אָנפאַלערישע מלחמות. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ווען דער איבערזעצער,

וועלכער איז אויך א באגאבטער פּאָעט, האָט נאָך דערצו אן אידעישע באציונג צום אינהאַלט און אַ פּיעטעט צום אָריגינאַל, באַגינסטיקט דאָס, אַז די איבערזעצונג זאָל אַרויסקומען גוט, פּאָעטיש און אַדעקוואַט.

א ריי פראַגמענטן פון „פּאַן טאַדעוש“ האָט פאַריידישט דער באקאנטער פאַרמלחמהדיקער איבערזעצער יונה שפּער. מיר האָבן ציטירט אין אונדזער אַרבעט אַ פראַגמענט פון „יאַנקעלס קאָנצערט“ אין שפּערס איבערזעצונג. הגם זי איז אין פּאָעטישן זין אַ ביסל האַמעטנע, איז זי אָבער טריי דעם טעקסט און דערגייט ערטערווייז צו פּאָעטישקייט.

אין יאָר 1940, לכבוד די מיצקעוויטש־פייערונגען, האָט דער ליטעראַרישער חודש־זשורנאַל „שטערן“ (מינסק, אונטער דער רעדאַקציע פונעם דיכטער זעליג אַקסעלראָד) נ. 11—12 פאַרעפנטלעכט עטלעכע איבערזעצונגען פון מיצקעוויטשעס לידער. שלמה שיינבערגס איבערזעצונג פון דעם סאָנעט „די אַקערמאַנער סטעפּעס“, וועלכע געפינט זיך אין דעם דאָזיקן זשורנאַל, איז, לויט מיין מיינונג, נישט קיין געלונגענע. דעם איבערזעצער האָט זיך נישט איינגעגעבן אַרויסצוברענגען די דינע שטימונג פון דעם מייסטערהאַפטן סאָנעט. איינציייטיק איז די איבערזעצונג נישט קיין פּינקטלעכע און דרייט איבער אין עטלעכע ערטער די כוונה פונעם מחבר.

די ערשטע שורה פון דעם סאָנעט קלינגט:

Wpłynąłem na suchego przestwór oceanu...

שלמה שיינבערג גיט עס איבער מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך בין אין אָקעאַן פון סטעפּ אריינגעשוומען“...

אזוי־אַרום פאַרלירט דער יידיש־לייענער אַ וועזנטלעכן שטריך פון די קרימער סטעפּעס: די טרוקנקייט פונעם סטעפּ.

אין די לעצטע צוויי שורות פון דער צווייטער סטראָפע פונעם סאָנעט האָט שיינבערג געענדערט אָן שום נויטווענדיקייט דעם מחברס פאָרם פון אַ באַשטעטיקנדיקער אויף אַ פרעגנדיקער. מיצקעוויטש שרייבט:

Tam zdala błyszczy obłok — tam jutrzenka wschodzi;

To błyszczy Dniestr, to weszła lampa Akermanu.

שיינבערג זעצט איבער:

„צי לייכט אַ וואָלקן? שפּרייט דער דניעסטער ראָז זיינע פליגל?
דאָס איז דער לאָמפּ פון אַקערמאַן דאָרט אויפגעגאַנגען“.

דאָס בילד „דאָרטן גייט אויף דער מאָרגנשטערן“ איז אין שיינבערגס איבערזעצונג פאַרשוונדן און איז פאַרטראָטן געוואָרן דורך אַ ווערטל „ראָז“.

דער איבערזעצער האָט אַריינגעלייגט מיצקעוויטשן אין מויל אַריין פּרעמדע אים דיכטערישע אויסדרוקן, ווי למשל, אַז דער דניעסטער שפּרייט זיינע פליגל. פון „דער דניעסטער גלאַנצט" ביז „דער דניעסטער שפּרייט ראָז זיינע פליגל" איז באמת פאָלג מיך אַ גאַנג.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן מ. א. קנאַפּהייסעס איבערזעצונג פון מיצקעוויטשעס פּרעכטיקער, שפּילעוודיקער און שאַרף־צילגעווענדטער סאַטירישער באַלאַדע „די לויערער" („טשאַטי"). [1]

קודם־כל איז שוין דער טיטל אין קנאַפּהייסעס איבערזעצונג אַ גרייזיקער. „טשאַטי" איז דער טייטש — לויערונג. לויט קנאַפּהייסן איז דאָס אַ מערצאָל פון אַ נישט עקזיסטירנדיקן אין פּויליש וואָרט „טשאַט", וואָס באַטייט כלומרשט — לויערער. שוין אינעם טיטל, הייסט עס, שטעקט אַ גרייז. און איצט מכוח דער איבערזעצונג פונעם אינהאַלט.

„טשאַטי" איז אַ געשיכטע מיט אַן אַלטן מאַן, אַ וואָיעוואָדע, וואָס באַפעלט זיין קאָזאַק צו דערשיסן זיין, דעם וואָיעוואָדעס, יונגע פרוי, וועלכע מען האָט געכאַפּט אין די אָרעמס פון אַ יונגן געליבטן. דער אַלטער וואָיעוואָדע באַפעלט זיין קאָזאַק צו שיסן אין דער „חצופה". דער קאָזאַק, אָנשטאָט צו שיסן אין דער פרוי, שיקט זיין קויל אין דעם וואָיעוואָדעס קאָפּ. דאָס איז איינע פון די שענסטע באַלאַדעס אין דער פּוילישער ליטעראַטור.

אָט ווי די באַלאַדע הייבט זיך אָן ביי מיצקעוויטשן:

Z ogrodowej altany wojewoda zdyszany
Bieży w zamek z wściekłością i trwogą.
Odchyliwszy zasłony, spojrzał w łoże swej żony,
Pojrzał, zadrżał, nie znalazł nikogo.

און איצט קנאַפּהייסעס איבערזעצונג:

„פון דער גאָרטן־אַלטאַנע, מיט אַן אומרואיק אָנען,
דער וואָיעוואָדע צום שלאָס לויפט באַליידיקט;
רוקט דעם פאָרהאַנג פאַנאַנדער און דערזעט דאָ זיין שאַנד נאָר —
ס'שטייט דאָס בעט פון זיין ווייב פוסט און ליידיק".

ווי מיר זעען, איז די איבערזעצונג ווייט נישט קיין אַדעקוואַטע, הגם זי פאַרמאָגט אַ באַלאַדישע שטימונג. ביי מיצקעוויטשן איז דער וואָיעוואָדע צעקאָכט און אומרואיק. ער איז קודם־כל צ ע ק אָ כ ט — איז ער דאָך אַ גאווהדיקער מאַגנאַט און אַן אַוואַנטוריסט. מיצקעוויטש האָט גוט געקענט די דאָזיקע פאַרשוינען און נישט אומזיסט שטרייכט ער אונטער דעם דאָזיקן מאָמענט. קנאַפּהייס האָט

[1] „Czaty".

דאָס פאַרטוישט אויף זיין אייגענעם אופן — דער וואָיעוואָדע איז נאָר אומרואיק און באַליידיקט. ווייטער: אַזעלכע איבערחזרונגען, ווי „פּוסט און ליידיק" וועט איר ביי מיצקעוויטשן בכלל נישט געפינען. דער איבערזעצער איז נישט אריינגע־דרונגען אינעם נוסח פון מיצקעוויטשעס פּאָעזיע, און דעריבער האָט זיך באַקומען נישט קיין אַדעקוואַטע איבערזעצונג.

און אַזוי אויך אין אַנדערע סטראָפן. שוין אָפּגערעדט פון אַזעלכע גראַמען, ווי „ווייטן — צערטלעכקייטן" וכדומה.

אַ באמת גוטע מיצקעוויטש־איבערזעצונג האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם דערמאָנטן נומער „שטערן" דער יונגער דיכטער שלמה בורשטיין (אומגעקומען אין אַ היטלערישן קאָנצלאַגער). דאָס איז דאָס ליד „אומזיכערקייט", פון יאָר 1825. שלמה בורשטיינען איז געלונגען אויפצוכאַפּן און ריכטיק, אין אַן עכטער יידישער פּאָעטישער שפּראַך, איבערצוגעבן סיי דאָס אַנאַקרעאָנישע, סיי דאָס עלעגישע, וואָס איז פאַראַן אין דעם ליד.

אַ ריי זייער געלונגענע איבערזעצונגען פון מיצקעוויטשעס פּאָעזיע האָט אין די יאָרן 1954—1955 געמאַכט דער דיכטער לייב אָליצקי. אָליצקיס וויכטיק־סטער אויפטו איז די איבערזעצונג פון די „קרימער סאָנעטן". דעם איבערזע־צער איז דאָ געלונגען אַרויסצוברענגען דעם אָטעם פון מיצקעוויטשעס רעפלעק־סיווער ליריק; דערביי איז די איבערזעצונג ווי ווייט מעגלעך אַן אַדעקוואַטע. פּונקט ווי אין קיסינס איבערזעצונג פון דעם ציטירטן פראַגמענט פון „קאָנראַד וואַללענראָד", אַזוי איז אויך אָליצקיס איבערדיכטונג פון די „קרימער סאָנעטן" נישט בלויז טריי דעם אָריגינאַל, נאָר בעת מען לייענט די איבערזעצונג, באַ־קומט מען דעם איינדרוק, אז מען לייענט טאַקע מיצקעוויטשן. דער עיקר איז דאָס נוגע די וויכטיקסטע סאָנעטן: „אַקערמאַנער סטעפּעס", „ים־שטילקייט", „ים־רייזע", „שטורעם", „אַיודאַה" א.א. כדי צו פאַרגלייכן מיט שלמה שיינ־בערגס אופן פון נישט ריכטיקן אָפּטרעטן פון מיצקעוויטשעס בילד און פאָרם־בוי, וועלן מיר ציטירן אַ טייל פון די „אַקערמאַנער סטעפּעס" אין אָליצקיס איבערזעצונג:

....„ס'פאַלט צו דער אָוונט שוין, איך זע קיין וועג נישט, קיין קורהאַן;
איך קוק אין הימל, זוך דעם שיפֿלס פירער דאָרט, די שטערן;
אַ וואָלקן שימערירט פונווייטן — ס'גייט דאָרט אויף ווענערע;
דער דניעסטער בלאַנקט, ס'גייט אויף ס'לאַמטערן־ליכט פון אַקערמאַן

בלייב שטיין! — ווי שטיל דאָ איז! — איך הער אַ מהנח בושלען פליען
גאָר הויך, ווי ס'וואָלט זיי נישט דערגרייכט קיין פאַלקס פאַרשאַרפטער בליק;

איך הער — א שמעטערלינג זיך איבערן גראָז ערגעץ וויגט,
איך הער, אַ שלאַנג זיך גליטשיק מיט דער ברוסט דורך גרעזלען ציען.

אַזאַ מין שטילקייט — אָנגעשטרענגט דעם אויער, כ׳וואָלט דערהערט
אַ שטים פון ליטע. — גיין, עס רופט נישט קיינער, רירט זיך, פערד!“

אַוודאי קאָן מען אויך דאָ פאַרוואַרפן דעם איבערזעצער געוויסע נישט־פּינקטלעכקייטן. עס קאָן זיין, אַז אַנשטאָט: „קיין פאַלקס פאַרשאַרפטער בליק“ — וואָלט בעסער געווען: „דעם פאַלקס פאַרשאַרפטער בליק“. אַנשטאָט: „כ׳וואָלט דערהערט אַ שטים פון ליטע“ — איז ריכטיקער און אַדעקוואַטער: „איך הער אַ שטים פון ליטע“. אַ ספק קאָן אַרויסרופן דער אויסדרוק „רירט זיך, פערד!“ עס קאָנען זיין נאָך אַנדערע באַוואָרעניש. אָבער ווען מען פאַרגלייכט די צוויי איבערזעצונגען — שיינבערגס און אַליצקיס — פאַלט דער אויסוואַל אויס אָן שום ספק לטובת דעם לעצטן.

לייב אַליצקי האָט אויך איבערגעזעצט די צוויי פּערל־באַלאַדעס: „לויערונג“ און „די דריי בודריסן“. „לויערונג“ איז אַרויסגעקומען שוואַכער, ווייל דער איבערזעצער האָט זיך, דוכט זיך, געלאָזט פאַרפירן פון פּושקינס רוסישער איבערדיכטונג פון דער דאָזיקער באַלאַדע, און ממילא איז ער אריינגעפאַלן אונטער אַ נוסח, וואָס אַנטשפּרעכט נישט פולשטענדיק דעם מיצקעוויטש־טאָן. דאַקעגן אין „די דריי בודריסן“ האָט אַליצקי אויף אַ געלונגענעם אופן אויפגעכאַפּט דעם שפּילעוודיקן ריטם פון מיצקעוויטשעס באַלאַדע.

אַליצקי איז אויך דער מחבר פון אַ ריי פאַריידישטע מיצקעוויטש־משלים.

אַזוי־אַרום זעען מיר, אַז אין דער יידישער ליטעראַטור זענען פאַראַן פאַרשידענע מינים איבערזעצונגען פון מיצקעוויטשעס פּאָעזיע. נעבן גראַפאָמאַנישע אָדער שוואַכע און פאַרקריפּלטע איבערזעצונגען — זענען פאַראַן אַדעקוואַטע, טרייע צום אָריגינאַל און אמת דיכטערישע, הגם אויך די זענען נאָך נישט שטענדיק קיין שלימות־דיקע.

לאָמיר נאָך צום סוף באַמערקן, אַז שוין ביי מיצקעוויטשעס לעבן האָט דער דערמאָנטער יוליאַן קליאַטשקאָ איבערגעזעצט „דעם טאַטנס צוריקקער“ (אין קליאַטשקאָס העברעיש: „תפילת הילדים“) און „פאַרים“.

עס איז אויך אינטערעסאַנט, אַז מיצקעוויטשעס „ספרים פון פּוילישן פאָלק און פון דער פּוילישער פּילגרימערײ“ איז דערשינען אין אַ העברעישער איבערזעצונג אין פּאַריז אין יאָר 1881. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון פאַרערונג מצד די איטאַליענישע יידן פאַרן גרויסן דיכטער, וועלכער האָט אָנטייל־גענומען אין די באַקאַנטע געשעענישן פון יאָר 1848 אין איטאַליע. אין יאָר 1870 האָט דער רוימישער שטאָטראַט, אויפן פאָרשלאָג פון דעם ראַטמאַן און יידישן טוער שמואל אַלטארי, אויפגעשטעלט אַן ערן־טאָוול צום אָנדענק פון מיצקעוויטשן, אויף דעם הויז, וווּ דער דיכטער איז געהאַט איינגעשטאַנען אין יאָר 1848. די דערמאָנטע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן דורכן איטאַליענישן ייד ד״ר

משה יחיאל עזכּאַריאַל. אַ פֿאָררעדע האָט אָנגעשריבן מיצקעוויטשעס נאָענטער פֿריינד אַרמאַן לעווי. די איבערזעצונג איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער דרוקעריי „לוקסענבורג“ אין פּאַריז.

די איבערזעצונג, וועלכע הייסט אויף העברעיש „ספר עם פּולנים וספר גרי פּולנים“, איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין פּאַריז און אין אַנדערע מערב־אייראָפּעיִשע שטעט; דער אייניקל האָט געדאַרפֿט — ווי עס ווערט געשריבן אויפֿן שער־בלאַט — גיין אויף אויפֿשטעלן אַ מיצקעוויטש־דענקמאָל אין קראָקע.

די „ספרים“ איז געווען לייכט איבערצוזעצן אויף העברעיש, ווייל מיצקעוויטש האָט זיי געשריבן אין אַ ביבלישן סטיל. דעם איבערזעצערס שפּראַך לייענט זיך לייכט און פֿליסיק, אָבער זי איז נישט קיין איינהייטלעכע; צוזאַמען מיט אַ ביבלישן העברעיש, האָבן מיר דאָ אויך אַן עלעמענט פֿון מיטלאַלטערלעכן העברעיש. דער איבערזעצער איז געווען אַ ספֿרדי.

די משׂכּילים האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסן פּיעטעט פֿאַר מיצקעוויטשעס דיכטונג. אין דער השׂכּלה־צייט האָט מיצקעוויטשן איבערגעזעצט דער דיכטער מיכה־יוסף לעווינסאָן.

וואָס זענען מיר אויסן געווען מיט דעם זייער קורצן איבערבליק פֿון געוויסע יידישע מיצקעוויטש־איבערזעצונגען? עס גייט קודם־כּל אין דעם, אַז דער לייענער זאָל, געניסנדיק פֿון דער איבערזעצונג, קאָנען לויט דעם איבערזעצערס ווייט מעגלעכע מיטלען זיך דערנעענטערן צו מיצקעוויטשעס טעקסט. צווייטנס, האַנדלט זיך אין אַ געהעריקער פּיעטעט־באַציונג צו מיצקעוויטשעס פּאָעזיע. עס פֿאָדערט זיך נישט בלויז אַ גוטע קענטעניש פֿון די צוויי שפּראַכן, פֿון דער אָריגינעלער און פֿון דער איבערזעצנדיקער, נאָר אויך אַ גרינטלעכע קענטעניש פֿון מיצקעוויטשעס דיכטונג ווי אַזעלכע און איינצייטיק אַ קענטעניש פֿון דער מיצקעוויטש־עפּאָכע.

און דער עיקר: אָן דער ליבשאַפֿט צו דער דאָזיקער פּאָעזיע, אָן אַן אידעיִשער באַציונג איז נישט מעגלעך, עס זאָל אַרויסקומען אַ באמת גוטע איבערזעצונג. עס איז שוין געקומען די צייט, אַז די יידישע דיכטער זאָלן מאָביליזירן זייערע כּוחות אַריינצוברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור די וויכטיקסטע ווערק פֿון אַדאַם מיצקעוויטש.

מיצקעוויטש און זיין פּאָעזיע האָבן פֿאַרדינט, זיי זאָלן דערגיין צו אַלע שלום־ליבנדיקע פֿעלקער, צו אַלע די — אָן אונטערשיד פֿון שפּראַך — וועמען עס זענען טייער די אידעאַלן, וואָס האָבן באַלויכטן דעם שעפֿערישן וועג פֿונעם דיכטער, וועמען עס איז נאָענט דאָס אמתע, לויטערע פּאָעטישע וואָרט.

וואָרעם זעלטן ווער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור עס האָט פֿאַרבונדן מיט זיין געשטאַלט און אַרום זיין אידעע אַזויפֿיל פֿעלקער, ווי אַדאַם מיצקעוויטש.

עס זאַמלט זיך אַרום דער דערהויבענער מיצקעוויטש־טראַדיציע דאָס פּוי־לישע פֿאָלק, די אַלע, וועגן וועמען דער דיכטער האָט געטראַכט, בעת ער האָט געוועבט אַ חלום וועגן צייטן, ווען זיינע ביכער וועלן אָנקומען אין די פּויערישע כאַטעס.

עס זעען אין אים די טראַדיציע פֿון פּויליש־רוסישער פֿריינטשאַפֿט די שע־פֿער פֿון דער נייער, סאָוועטישער קולטור.

עס זעען אין אים איינעם פֿון די האַרציקסטע באַזינגער פֿון ווייסרוסישן פֿאָלקלאָר, פֿון דער ווייסרוסישער נאַטור — די פֿאָרשטייער פֿון דער נייער, ווייסרוסישער ליטעראַטור.

עס האַלטן אים פֿאַרן דיכטער פֿון דער ליטווישער נאַציאָנאַל־באַפֿרייערי־שער העראָיק די בויער פֿון דער נייער ליטע.

עס האָבן פֿאַרמאָגט אין אים אַן אויפֿריכטיקן פֿריינד, אַ קעמפֿער פֿאַר יידן־גלייכבאַרעכטיקונג, אַ באַזינגער פֿון דעם פּשוטן פֿאָלקס־מענטש יאַנקעל — די יידישע מאַסן.

אַ סאָלידאַרישן מיטקעמפֿער פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון איטאַליע זעען אין אים די אייניקלעך פֿון גאַריבאַלדי.

אַ באַגייסטערטן פֿריינד האָט אין אים תמיד געהאַט דאָס פֿראַנקרייך פֿון דער רעוואָלוציע, דאָס פֿראַנקרייך פֿון וויקטאָר הוגאָ.

דעם דיכטער פֿון פֿאָלק זעט אין אים דאָס פּוילישע פּויערטום.

מיטן אויפֿשטאַנד פֿון די דעקאַבריסטן, מיטן שטורעם פֿון 1848, מיטן טרוים פֿון סאָציאַליזם — איז פֿאַרבונדן זיין נאָמען —

דער נאָמען פֿונעם געניאַלן דיכטער און הייסן פֿאָלקס־פֿריינד — אַדאַם מיצקעוויטש.

ווארשע, יאַנואַר-אַפּריל, 1955.

ביבליאָגראַפֿיע*

א. קלאַסיקער פֿון מאַרקסיזם

1. קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס: „ווערק" (רוסישע אויסגאַבע) — באַנד 6, מאָסקווע-לענינגראַד 1930; באַנד 9, מאָסקווע-לענינגראַד 1933.

2. קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס: „אויסגעקליבענע בריוו" (פּוילישע אויסגאַבע), וואַרשע 1951.

3. וו. א. לענין: „ווערק" (4-טע רוסישע אויסגאַבע) — באַנד 15, מאָסקווע 1947; באַנד 16, מאָסקווע 1948; באַנד 21, מאָסקווע 1948; באַנד 22, מאָסקווע 1948; באַנד 23, מאָסקווע 1949; באַנד 27, מאָסקווע 1949.

4. וו. א. לענין: „אויסגעקליבענע ווערק" (פּוילישע אויסגאַבע), באַנד 1, וואַרשע 1949.

ב. קוואַלן

5. אַדאַם מיצקעוויטש: „אַלע ווערק" (פּויליש), וואַרשע 1933—1936.

6. אַדאַם מיצקעוויטש: „ווערק" (פּויליש), נאַציאָנאַלע אויסגאַבע, וואַרשע 1949—1953.

7. אַדאַם מיצקעוויטש: „זאַמלונג פֿון לידער, בריוו און געשפּרעכן פֿון די יאָרן 1817—1831" (פּויליש), צונויפֿגעשטעלט דורך אַדאַם מאַוערסבערגער, וואַרשע 1950.

8. וולאַדיסלאַוו מיצקעוויטש: „זכרונות" (פּויליש), באַנד 1, וואַרשע 1926.

9. וולאַדיסלאַוו מיצקעוויטש: „דאָס לעבן פֿון אַדאַם מיצקעוויטש" (פּויליש), באַנד 1, פּויזן 1929.

10. אַרמאַן לעווי: פֿאָרוואָרט (אין פֿראַנצויזיש) צו דער העברעישער איבערזעצונג פֿון מיצקעוויטשן — „ספר עם פולנים", פּאַריז 1881.

11. אדם מיצקביץ: „פן טדיאוש", תרגם מפולנית יוסף ליכטענבוים, הוצאת ספרים נ. טברסקי, תל-אביב 1953.

---

* דאָקומענטן-זאַמלונגען און ווערק, מיט וועלכע דער מחבר האָט זיך באַנוצט אין דער דאָזיקער אַרבעט.

12. „בלעטלעך פון אַדאַם מיצקעוויטשעס פּאָעזיע", פון לייב אָליצקי, וואַרשע 1955 (אין כתב-יד).

13. יוסף בעקער: „מיצקעוויטש און די פּאָלאַקן אין רוסלאַנד" (אין רוסיש, אין כתב-יד, אויפן סמך פון רוסישע אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן; דער אויטאָר, אַ געוו. ייִדישער זשורנאַליסט פון ווילנע, אַ מחבר פון אַ בוך וועגן דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע (אַרויס אין ווילנע), דערנאָך אַ וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע אין לענינגראַד, האָט מיר חבריש געגעבן אַ קאָפּיע פון דעם כתב-יד און מאָסקווע אין יאָר 1945).

ג. מאָנאָגראַפיעס און אָפּהאַנדלונגען

14. באָלעסלאַוו ביערוט: „רעדע אויף דער פייערונג פון אַנטהילן דעם דענקמאָל פונעם דיכטער אין וואַרשע", דעם 28-טן יאַנואַר 1950 (פּויליש).

15. צעלינאַ באָבינסקאַ: „מאַרקס און ענגעלס וועגן דער פּוילישער פראַגע" (פּויליש, אינעם זשורנאַל „מישל וויסשעכניצאַ", נר' 3, וואַרשע 1949).

16. יוסף בעקער: „די דעקאַבריסטן און די פּוילישע פּראַגע" (רוסיש, אינעם זשורנאַל „וואָפּראָסי איסטאָריאי", נר' 3, מאָסקווע 1948).

17. ראָמאַן בראַנדשטעטער: „אַדאַם מיצקעוויטשעס ייִדישער לעגיאָן" (פּויליש), וואַרשע 1932.

18. מ. דונאַיעוונאַ: „טאַמאַש זאַן" (פּויליש), ווילנע 1933.

19. סטעפאַן זשולקעווסקי: „דער סיכסוך וועגן מיצקעוויטשן"* (פּויליש), וואָראַצלאַוו 1952.

20. מיעטשיסלאַוו יאַסטרון: „מיצקעוויטש" (פּויליש), באַנד 1, נייסטע אויסגאַבע, וואַרשע 1955.

21. חיים לעוו: „יאַנקעלס גענעאַלאָגיע — צום 100-טן יובילײ פון „פּאַן טאַדעוש" (פּויליש, אינעם זשורנאַל „מיעשענטשניק זשידאָווסקי" נר' 5, וואַרשע, מאַי 1934).

22. בער מאַרק: „אַדאַם מיצקעוויטש, דאָס בילד פון דעם דיכטער"** (פּויליש, אינעם זשורנאַל „שטאַנדאַר וואָלנאָשטשי", מינסק 1940—1941).

23. בער מאַרק: „אַדאַם מיצקעוויטש, דער פריינט און טריבון פון אונטערדריקטע פעלקער" (אינעם זשורנאַל „ייִדישע שריפטן", לאָדזש 1947).

24. ס. ס. סאָוויעטאָוו: „דער שעפערישער וועג פון אַדאַם מיצקעוויטש" (רוסיש), מאָסקווע 1950.

25. סט. סטאַנקעוויטש: „ווייסרוסישע עלעמענטן אין דער פּוילישער ראָמאַנטישער פּאָעזיע" (פּויליש), ווילנע 1936.

26. וול. ספּאַסאָוויטש: „שריפטן" (פּויליש), באַנד 1, פּעטערסבורג 1892..

27. ווילהעלם פעלדמאַן: „ביבלישע מאָטיוון און מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעוש" (פּויליש, אינעם זשורנאַל „מיעשענטשניק זשידאָווסקי", באַנד 2, וואַרשע 1931).

28. סאַמועל פישמאַן: „מיצקעוויטש אין רוסלאַנד" (פּויליש, אינעם זשורנאַל „אָדראָדזעניע", וואַרשע 1946).

---

* „Spór o Mickiewicza".
** „Wizerunek poety".

29. ווילהעלם פעלדמאַן: „אַדאַם מיצקעוויטשעס באַציונג צו יידן" (פויליש), קראָקע 1890.

30. ל. פּאָדהאָרסקי-אָקאָלאָוו: „וועגן מיצקעוויטשעס ‚האַנאַ דזשיאַ-זאַנאַ'" (פויליש, אינעם זשורנאַל „אָדראָדזעניע", וואַרשע 1946).

31. ה. י. פּיעטשאַק-פּאַוולאָווסקי: „די טריבונע פון די פעלקער" (פויליש, אינעם 2-טן באַנד פון „פעלקער-פרילינג אין אייראָפּע", וואַרשע 1949).

32. וואַצלאַוו קובאַצקי: „די פרילינג-בלימעלעך פון פוילישן ראָמאַנ-טיזם"* (פויליש), קראָקע 1949.

33. יוליוש קליינער: „מיצקעוויטש" (פויליש), לובלין 1948.

34. יעקב שאַצקי: „אין שאָטן פון עבר", בוענאָס איירעס 1947.

35. הענריק שיפּער: „אַדאַם מיצקעוויטש, דער פּאָעט און מענטש פון טאַט",** (פויליש), וואַרשע 1950.

---

* „Pierwiosnki polskiego romantyzmu".

** „Adam Mickiewicz, poeta i człowiek czynu".

אינהאַלט

זייט

הקדמה 5

קאַפּיטל איינס

די צייט און סביבה. דער ראָמאַנטיזם 9

קאַפּיטל צוויי

קינדהייט און יוגנט־יאָר. די ערשטע ווערק 14

קאַפּיטל דריי

אין רוסלאַנד. „קרימער סאָנעטן“ און קאָנראַד וואַללענראָד . . 24

קאַפּיטל פיר

עמיגראַציע. פּאַריז. „פּאַן טאַדעוש“ 40

קאַפּיטל פינף

„די טריבונע פון די פעלקער“ 64

קאַפּיטל זעקס

אין קאַמף פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעל־
קערונג 74

קאַפּיטל זיבן

מיצקעוויטש אויף יידיש 95

ביבליאָגראַפיע 103

Spis treści

	str.
Wstęp	5
Rozdział I	
Czas i środowisko. Romantyzm	9
Rozdział II.	
Dzieciństwo i młodość. Folklor białoruski i żydowski. Pierwsze utwory	14
Rozdział III	
W Rosji. „Sonety Krymskie", „Farys" i „Konrad Wallenrod" .	24
Rozdział IV	
Emigracja paryska. „Księgi Pielgrzymstwa". „Pan Tadeusz". Rodowód Jankiela	40
Rozdział V	
„Trybuna Ludów"	64
Rozdział VI	
Walka o równouprawnienie ludności żydowskiej. Okres wileńsko-kowieński. Rok 1848. Legion żydowski	74
Rozdział VII	
Mickiewicz w przekładach żydowskich	95
Bibliografia	103